י. י. טרונק

# פוילן

## זכרונות און בילדער

דריט בוך

יוגנט

פארלאג „אונזער צייט"
ניו יארק, 1946

J. J. TRUNK

# POILN

BOOK THREE

Copyright 1946
by
UNSER TSAIT

Published by
FARLAG UNSER TSAIT
175 E. Broadway, New York 2, N. Y.

Printed in U. S. A.

הספריה העירונית
85186
תל-אביב

Printed by
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street, New York.

# אינהאַלט


זייט

**קאַפּיטל איינס**
דער יתום הויבט זיך אָן צו פּייניקן — — — — — 7

**קאַפּיטל צוויי**
די חיומים ציען זיך אַריין אין דלוטאַווער סאַד — — 13

**קאַפּיטל דריי**
מחלוקתן צווישן גער און אַלעקסאַנדער — — — — — 19

**קאַפּיטל פיר**
דאָס שטעטל אַלעקסאַנדער — 25

**קאַפּיטל פינף**
אין רבינס בית-המדרש — — 33

**קאַפּיטל זעקס**
ווען וועט מען נעמען שלום? 37

**קאַפּיטל זיבן**
יאַנקל פּראַגער — — — — 41

**קאַפּיטל אַכט**
דריי „יושבים" — — — — — 45

**קאַפּיטל ניין**
שאַטנס אין אַלעקסאַנדער — 51

**קאַפּיטל צען**
משה גזשיוואַטש און די קראַנקע ריוועטשע — — — — 57

**קאַפּיטל עלף**
עליש'עס מעשיות — — — 67

**קאַפּיטל צוועלף**
עליש גייט אונדז „עפּעס ווייזן" 79

**קאַפּיטל דרייצן**
דאָס קנאַפּערע שטיבל פון גלאָוואַצקי און מוכניצקי — — 83

זייט

**קאַפּיטל פערצן**
יששכר שעפּס — — — — — — 93

**קאַפּיטל פופצן**
דער ערשטער פּורים אין לאָדזש 99

**קאַפּיטל זעכצן**
אַלטער וואָרידיסלאַווער ברענגט אַריין עצבֿות אין פּורים — 105

**קאַפּיטל זיבעצן**
ד"ר יאַנאַווער — — — — 109

**קאַפּיטל אַכצן**
וואַרשע — — — — — — 115

**קאַפּיטל ניינצן**
די טיר רוט נישט — — — — 119

**קאַפּיטל צוואַנציק**
פּראָפּעסאָר באַראַנאָווסקי — — 123

**קאַפּיטל איין און צוואַנציק**
אַנדערע לאַנדסלייט און אַנדערע ייִדן — — — — — 127

**קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק**
ביי אַלטער וואָרידיסלאַווער אין הדר — — — — — 135

**קאַפּיטל דריי און צוואַנציק**
אין דלוטאָוו הויבן זיך ווינטער אָן צו דרייען שטאָטישע ייִדן — — — — — — 141

**קאַפּיטל פיר און צוואַנציק**
ר' זלמן גאַזשעלאַנע — — 145

**קאַפּיטל פינף און צוואַנציק**
ייִדל דער שוחט וועט נאָך אַמאָל אַרומשווימען אין גאָלד — 149

זייט


קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק
אַ פֿאַרצערטלט בן יחידל — 155

קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק
ר׳ אהרן יוסף האָט ליב אַ גלייכוווערטל, אַ גוטן שמעק טאַבאַק און חסידישע מעשיות פֿון וואורקע — 163

קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק
מע גייט אים קוילענען די קרעדיטן — 167

קאַפּיטל ניין און צוואַנציק
ר׳ אהרן. יוסף ווערט אַ באַלו-טער באַלעבאָס — 171

קאַפּיטל דרייסיק
קולות פֿאַר אונדזערע פֿענצטער 177

קאַפּיטל איין און דרייסיק
שדכנים ווערן באַלד אָנהויבן קלאַפּן אין די טירן און מע דאַרף זיך אָפּגעוואוינען פֿון די פּראָסטע דאָרפֿישע מנהגים 179

קאַפּיטל צוויי און דרייסיק
ר׳ זבולן ליכטנבערג און זיינע התנהגות — 183

קאַפּיטל דריי און דרייסיק
די שטיף-מאַמע שאַפֿט פֿאַר פּנחסן אַ לאָדזשער כּלה — 191

קאַפּיטל פֿיר און דרייסיק
ליידיקע פֿלעצער — 195

קאַפּיטל פֿינף און דרייסיק
מייסטערשאַפֿט פֿון קאָמבינאַציע 197

קאַפּיטל זעקס און דרייסיק
פּנחסל מורה-הוראה — 203

קאַפּיטל זיבן און דרייסיק
שעפּסעלע — 211


זייט


קאַפּיטל אַכט און דרייסיק
ישראל און זיין זון וואָלף — 215

קאַפּיטל ניין און דרייסיק
וואָלף מאַרקוס — 219

קאַפּיטל פֿערציק
ביי ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער אין שטוב — 227

קאַפּיטל איין און פֿערציק
ר׳ מרדכי׳ס אופֿן פֿון לערנען 231

קאַפּיטל צוויי און פֿערציק
ר׳ מרדכי׳ס משפּחה-לעבן — 235

קאַפּיטל דריי און פֿערציק
פֿיניע — 237

קאַפּיטל פֿיר און פֿערציק
ר׳ מרדכי׳ס קליאַמקע — 243

קאַפּיטל פֿינף און פֿערציק
ר׳ איציקל פֿלוימענבוים — 247

קאַפּיטל זעקס און פֿערציק
די גאָלדענע גלאָקן קלינגען גישט אין ר׳ איציקלס אויערן 251

קאַפּיטל זיבן און פֿערציק
די באָבע חיה זאָגט תּחינות וועגן חן און לייטזעליקייט 255

קאַפּיטל אַכט און פֿערציק
ר׳ איציקל קווינקלט זיך — 263

קאַפּיטל ניין און פֿערציק
דער שדכנישער לייב — 267

קאַפּיטל פֿופֿציק
די געשיכטלעכע דיאַלעקטיק אויף די גאַסן — 277

קאַפּיטל איין און פֿופֿציק
ווידער שניט-צייט אין דלוטאָוו 281

# קאַפּיטל איינס

דער יתום הויבט זיך אָן צו פּייניקן. די באָבע חיה קאָכט ביטערע וואַסערן. פון לייבושלען ווערט פאַמעלעכל אַ „תּכלית". יידן ברענגען גייע „עצות". לייבושל קאָן חס-ושלום געכומען ווערן פאַר אַ זעלנער. טושינער חייטים קומען דינגען דעם דלוטאַווער סאָד. די חייטים צווישן צעבליטע בוימער. די חייטים און דער זיידע ברוך. די יידן גייען שלאָפן באַגלייך מיט די תינער כדי שפּעטער צו קאָנען וואַך-זיין.

דעם צווייטן דלוטאָווער זומער, צומאָרגנס נאָך שבת־נחמו, האָט זיך דער יתום לייבושל אָנגעהויבן צו „פּייניקן", כּדי ער זאָל דאַרער ווערן, אָפּנעמען וואָג, און אַזוי אַרום באַפרייט ווערן פון גויאישע הענט, ד"ה פון צו דינען אין מיליטער. באַלד נאָך־סוכּות־צייט האָבן זיך אָנגעהויבן די מיליטער־קאָמיסיעס אין לאַנד און פאַר יידן האָבן זיך אָנגעהויבן די אמתע ביטערע טעג פון תשעה־באָב. אויך לייבושל האָט זיך געמוזט צושטעלן צו אַ קאָמיסיע, הגם ער איז בסך־הכּל קוים אַלט געווען אכצן יאָר. זיין מוטער, די אלמנה, האָט אים אַזוי „ליכטיק" געמאָלדן און אָנגעגעבן זיינע יאָרן מיט אַ טעות, אַז לייבושל האָט כּמעט נאָך אַ יינגל זיך באַדאַרפט שטעלן צו אַ מיליטער־קאָמיסיע.

אַלע אין דלוטאָוו האָבן אויפגעציטערט ווען מ'האָט אָנגעקוקט דעם „טויטן" יתום, וואָרעם הגם לייבושל איז זיך ערשט געגאַנגען פּיי־ניקן, נאָר דאָס עצבות פון דער קומענדיקער „מאָרדאָוואַניע" און דער זינדיקער גוף פון יתום וואָס מע גייט זיך צו אים נעמען כּדי ער זאָל נישט טויגן פאַר קיין זעלנער, — דאָס אַלין האָט שוין פון פאָראויס אין זיך געטראָגן דעם אומהיימלעכן נאָכגעשמאַק פון אַ גוף וואָס מע גייט „רייסן פון אים שטיקער". די באָבע חיה האָט נעבעך געזיפצט אַז דאָס שווערע „פּייניקן" זאָל דעם יתום נישט שאָדן, און ער זאָל

נישט ארוים קיין קאליקע. אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך די באָבע חיה פאַרנומען צו האַלטן ליבושלען אויפן אויג. זי האָט פאַר אים אָנגעהויבן צוצוגרייטן און צו קאָכן די אַלערליי טעפּלעך מיט אַפּפיר־מיטלען, „צע־נים" און ווערעם־קרויט און אַנדערע נעטריקנטע ביטערע קרייטעכצער וואָס שוין זייער אָנבליק און זייער ריח האָט נעוועקט חלשות און דערמאָנט אין מלאך־המות און אין ווידוי. שבת־צונאַכטס האָט די באָבע חיה ספּעציעל אָפּגעקאָכט פאַר לייבושלען אַ פּעטן באָרשטש מיט אַ סך פלייש און געשמאַנגען נעבן אים און נעקאָרמעט און דערביי געזיפצט און געזאָגט, אַז דער יתום נעבעך מוז איצט עסן כּדי צו האָבן כּוח אויף זיך צו „פּייניקן".

צומאָרגנס, זונטיק, האָט זיך לייבושל אָנגעהויבן צו נעמען אין די הענט אריין. די באָבע חיה איז אויפגעשטאַנען נאָר באַגינען, כּדי צו נעבן דעם יתום דאָס ערשטע ביטערע געטראַנק: אַ גרוים גלאָז שוואַרצן „צענים" וואָס האָט אויסגעשפּרייט אַרום זיך אַ טונקעלן און איבלדיקן ריח. לייבושל האָט זיך צוגעהאַלטן די נאָז־לעכער און אָנגעהויבן צו טרינקען דעם ערשטן כּוס פון דעם „פּייניקן זיך". אַלע נויטן און אַלע ביטערנישן און עקלענישן האָבן זיך אויסגענאָסן אויף לייבושלס פּנים בעת ער האָט געטרונקען די הייסע און שוואַרצע משקה. די באָבע חיה האָט אים צוגעגעבן מוט, און לייבושל האָט מיט נויט־שווייס קוים אויסגעטרונקען דעם „צענים" ביז צום לעצטן טראָפּן.

פּאַמעלעכל האָט זיך לייבושל צוגעוואוינט צו די אַלע ביטערע און עקלדיקע וואַסערן. ער האָט זיי געטרונקען אין הייסע קאָכעדיקע טעפּ־לעך און איז שוין געוואָרן אַזוי גלייכגילטיק צו זייער שרעקלעכע איבל־דיקייט, אַז ער האָט זיך צומאָל שוין נישט צוגעהאַלטן די נאָז־לעכער ביים טרינקען. לייבושל האָט אָנגעהויבן צו ווערן געל־בלאַסער, שוואַ־כער און דאַרער. די ערשטע טעג פון „פּייניקן זיך" האָט ער נאָך מיט גרויס חשק געקוקט אויף די גוטע דלוטאָוועך מאכלים וואָס אַלע האָבן נעגעסן אין זיינע אויגן. און דער יצר־הרע האָט אים געפּאַרקעט. די באָבע חיה האָט אים געהיטן אַז ער זאָל חס־ושלום נים נכשל ווערן מיט אַ ביס און דאָס גאַנצע „פּייניקן זיך" זאָל זיין אַרויסגעוואָרפן —

און דער יתום וועט נעבעך מוזן אוועקגיין צו די זעלנער. שפּעטער ווען ער איז געוואָרן נאָך געלער און דאַרער, האָט אים שוין קיין שום עסן מער נישט גערייצט. דער יצר־הרע האָט זיך פון אים אָפּגעטון. לייבושלם גומען האָט זיך מיט א גלייכגילטיקער אפּאַטיע צוגעוואוינט צו אַלע ביטערע וואַסערן.

אחוץ די קרייטעכצער וואָס די באָבע חיה האָט פאַר אים געקאָכט און פון וועלכע לייבושלם נוף האָט געהאַט חיות משטיינס געזאָגט, זענען אַלעמאָל אַנדערע יידן געקומען און געבראַנגט עצות ווי אַזוי פון „זיך צו רייסן שטיקער". לייבושל האָט אָנגעהויבן צו עסן אַלטע הערינג דיק באַשיט מיט זאַלץ און דערצו נאָך געטרונקען די יויך פון הערינג־פּעסער. ווען ס'האָט לייבושלען שפּעטער געבראַנט דער דאָרשט, האָט ער מיט זיינע נעגל געריסן די ווענט, אָבער ער האָט נישט גענומען קיין טרונק וואַסער אין מויל אַריין. לייבושל איז שוין קוים געקראָכן אויף זיינע פיס. די אויגן האָבן זיך אים אויסגעלאָשן און די באַקן זענען אים אַראָפּגעהאָנגען איבערן אָפּענעם מויל און זענען געווען געלע ווי ביי א מת. די באָבע חיה האָט אים געקאָכט קרייטעכצער און כסדר אַריינגע־זיפּצט אין די טעפּלעך, אַז דער יתום באַדאַרף צו האָבן ניסים.

פון גרוים מידקייט און שוואַכקייט איז אויף לייבושלען אָנגעפאַלן א שלאָף. אָבער דאָ האָבן יידן ווידער געשריגן, אַז דער יתום מאַכט פון זיך א תל און וואָס די קרייטעכצער „רייסן פון אים שטיקער" וועט אים צוריקגעבן דער שלאָף, און לייבושל וועט חס־ושלום גענומען ווערן פאַר א זעלנער. דערהערט זעלנער, האָט זיך דאָס געלקייט אויף לייבושלס פּנים פאַרוואַנדלט אין א קרענקלעכע רויטקייט, די אויסגעלאָשענע אויגן זענען אים געוואָרן פייכט פון ביטערער רחמנות אויף זיך אַליין און אויף זיין מאַמע די וויסטע אלמנה אין קינצק, און ער האָט זיך געריסן די אויגן כדי נישט אַנטשלאָפן צו ווערן.

אַז דער שלאָף האָט עקשנותדיק נישט געוואָלט פון אים אָפּטרעטן, איז געבליבן אַז דער יתום זאָל דורך די נעכט מער נישט בלייבן אין „הויף", וואו קיינער קאָן אים נישט היטן, אַז ער זאָל נישט אַנטשלאָפן

ווערן. דורך די נעכט זאָל בעסער לייבושל אַרויסגיין אין די בוידן פון די יידישע סאַדאָווניקעס, וואָס האָבן איבערן זומער געוואוינט אין דלוטאָווער סאַד. יענע יידן, וואָס וואַכן סיי־ווי גאַנצע נעכט אין סאַד און היטן אים פאַר פויערישע גנבים, וועלן שוין האָבן דאָס ריכטיקע שטרענגע אויג אויפן יתום.

איך מוז איצט דערציילן עטלעכע ווערטער וועגן די סאַד־יידן, וועלכע זענען אין די זומערס צעשפּרייט געוואָרן איבער אַלע סעדער אין פּוילן.

אין פרילינג, ווען דער דלוטאָווער סאַד איז נאָך געשטאַנען אין פולן צוויט, זענען געקומען עטלעכע יידן פון טושין אים באַקוקן. ס'זע־נען געווען פּראָסטע באַלמעלאָכישע יידן, וואָס האָבן איבערן ווינטער געשטשאָבעט תחתונים און מערמענגעס, געלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן אויפן קומענדיקן זומער. וועסנע־צייט האָבן זיי אָפּגעדונגען סעדער ביי פּריצים, ביי פויערים און ביי דאָרפישע גלחים. אזוי האָט זיך עס נוהג געווען אין גאַנץ פּוילן. דער דלוטאָווער סאָד איז געווען אַ גרויסער און אַ שם־דבר מיט זיינע אויבסטן. טושינער סאַד־יידן זענען געקומען שותפותווייז אים צו באַקוקן, אים אָפּצושאַצן און אים דינגען ביים זיידן ברוך. די יידן זענען געווען ווילדע מבינים אויף סעדער און זיי האָבן אויפן אויג אָפּגעשאַצט יעדן בליענדיקן בוים, וויפיל ער וועט טראָגן אויבסט. דער דלוטאָווער סאָד האָט זיך געשמעקט אין די קאָלירן פון זיינע בליטן. די טושינער יידן, אין אָרעמע שניידערישע כאַלאַט־לעך, האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן די צעבליטע אויבסט־ביימער, אויפגעהויבן די קעפּ, געקוקט אויפן בליעכץ, געשאָקלט מיט די בערד און צווישן זיך געשמועסט. איידער די יידן זענען צווישן זיך פּאַרטיק געוואָרן אין זייער אָפּשאַצן די קומענדיקע אויבסטן האָבן זיי מיט קיי־נעם נישט גערעדט. קיינער האָט זיי נישט געטשעפּעט. אפילו די גוים זענען געגאַנגען פונדערווייטנס. מען האָט געקוקט אויף די פרעמדע פּראָסטע יידן צווישן די אויבסט־ביימער און מ'האָט געוואוסט, אַז זיי זענען פּאַרטון אין שאַצן.

ערשט שפעטער זענען זיי צונעקומען צום פריצישן גאניק און געווארט אויפן זיידן ברוך. זיי זענען געשטאנען אן די היטלען, אין די בלויזע קעפ און געווארט, — ווארעם זיי זענען נאך געוואוינט געווען פון קאמאצקים צייטן, ווען זיי האבן געדונגען דעם דלוטאוועד סאד ביים אלטן שליאכטשיץ. ווען דער זיידע ברוך איז צו זיי ארויסגעקומען אין אן אפגעשאסן אלפאנן כאלאטל און אין א יידיש היטל, א ייד גליך ווי זיי, האבן זיך די טושינער שניידערוקעס געקראצט אין די קעפ און פאמעלעך צוריק אנגעטון די היטלען, און זיך נענטער צוגערוקט צום גאניק.

— נו, וואס וועלן יידן זאגן עפעס גוטס, און וויפיל מיינט איר איז ווערט דער סאד ? — האט היימישלעך נעפרעגט דער זיידע ברוך, ער איז אליין געשטאנען אויף די פריצישע טרעפ.

די יידן האבן פארזיכטיק גוזאגט א פרייז און נעקוקט איינער אויפן אנדערן מיט פארשנדיקע בליקן. עס האט זיך אנגעהויבן א לאנג דינגעניש. ענדלעך איז מען געקומען צו אן אויסגלייך. די יידן האבן זיך אנגעהויבן פונאנדערצוקנעפלען און ארויסגענומען פון אונטער זייערע העמדער די זעקלעך מיט קליינגעלט, וואס זיי האבן גוזאמלט במשך פון גאנצן ווינטער.

אין עטלעכע טעג ארום איז צווישן די צעבליטע בוימער פון דלוטאוועד סאד ארייננעפארן א קליין ארעם פורל. א דאר פערדל האט געהאצקעט איינגעשפאנט מיט שטריקלעך אין א דישל. דאס פורל איז פול געווען מיט ליידיקע אויבסט-טונדלעך און מיט שטרוי. צווישן די אויבסט-טונדלעך זענען געזעסן ארייננעפאקט יידן, ווייבער און קינדער. באלד ווי זיי זענען נאר אראפ פון דעם פורל, האבן זיך די ווייבער און די קינדער גענומען צו דער באלעבאטישקייט. דאס פערדל האט מען געפענטעט און געלאזט אויפן גראז. די יידן צוזאמען מיט דעם גוי, וואס דער זיידע ברוך האט זיי געגעבן צו הילף, האבן אנגעהויבן צו בויען עטלעכע ביידלעך באדעקט מיט שטרוי. דארט האבן די סאד-יידן געזאלט וואוינען איבערן זומער. די אינעווייניקייטן פון די ביידלעך

האָבן די ווייבער גענומען אויסלייגן מיט פּערענעס און קישנס. מע האָט צוזאַמענגעלייגט טעלערבע ציגל אויף אַ קיבל. באַלד האָט זיך געקאָכט וועטשערע.

אין די טעג ווען דער סאָד האָט נאָך געבליט, זענען די סאָד־יידן געגאַנגען שלאָפן באַגלייך מיט די הינער. ס'האָט געהייסן, אַז די יידן מוזן זיך גוט אויסשלאָפן. שפּעטער ווען די אויבסטן וועלן אַרויסקומען אויף די בוימער און אויבסט־גנבים וועלן זיך אין די נעכט באַווייזן הינטער די פּלויטן, וועלן זיי, די יידן מיט זייערע ווייבער און קינדער, מוזן וואַכן און היטן אין די נעכט.

# קאַפּיטל צוויי

די חיותים ציען זיך אַריין אין דלופּאַוער סאַד. דער איינציקער „רעבּ"
אין פּושין. ר' יאַסקע דער באַלאַבּוס איבּער פּושינער מתים. פּושינער
יידן געהערן סיי-ווי צו ר' יאַסקעס מאַיאָנטעק. בּיי ר' יאַסקען
שלאָפט מען נישט! עס שמעקן די אויבּסטן אין די פינצטערנישן
און ר' יאַסקע דערציילט מעשיות פון פּושינער בּית-עולם.

נאָך שבת־נחמו, ווען לייבּושל האָט זיך אָנגעהויבּן צו פּייניקן, איז שוין דער סאַד געשטאַנען פול מיט אויבּסטן. די בּאַרן און די עפּל האָבּן זיך געשיט פון די בּוימער. די סאַד־יידן האָבּן געהאַט פולע הענט צו טון. בּייטאָג האָט מען אַראָפּגעשאָקלט די צייטיקע אויבּסטן פון די בּוימער, איינגעפּאַקט אין טונקלעך אָדער אויסגעלייגט אויף שטרוי הינטער די בּיידלעך. דאָס דאַרע פערדל האָט זיך אַ געפּענטעטס אַרומגעדרייט צווישן די סאַד־יידן, ווי עס וואָלט נאָר געוואַרט דערויף, אַז מען זאָל עס איינשפּאַנען און עס זאָל זיך צעהאָצקען אַרום דעם דישל. מחמת גאַנץ בּאַגינען האָט מען אָוועקגעפירט די טונקלעך אויבּסט קיין פּאַבּיאַניץ זיי צו פאַרקויפן אויפן מאַרק. אָבּער וואָס שפּעטיקער די בּוימער האָבּן געשיט מיט אויבּסט, אַלץ אויפמערקזאַמער האָבּן די משפּחות פון די סאַד־יידן געוואַכט דורך די נעכט און געהיט פון גנבים. פאַר די בּיידלעך האָבּן געבּרענט קליינע נאַפט־לעמפּלעך. די נעכט האָבּן געשמעקט מיט ערד־פייכטקייט און מיט אויבּסט. אַ הונט האָט טיילמאָל אויפגעבּילט אין די וואַרעמע דאָרפישע ווייטקייטן. די יידן זענען געזעסן איינגעטו־ליעטע אין די פינצטערנישן און צווישן זיך שטיל געשמועסט, געדערט פון ווינטערדיקער שניידעריי און פון סעדער. דערציילט מעשיות.

נאָכדעם ווי די פרעש האָבּן אויפגעהערט צו קוואַקען אויף די לאָנקעס און ס'איז געוואָרן גוט פינצטער, אין „הויף" האָבּן שוין העל געבּרענט די אַלטע פּריצישע לאָמפּן און מען האָט געגעסן וועטשערע, האָט לייבּושל נאָך אַמאָל אויסגעטרונקען אַ טעפּל מיט בּיטערן גע־

טראנק, ארויסגעגאנגען אין סאַד און זיך אוועקגעזעצט אין דער פינצ־טער צווישן די סאַד־יידן הינטער א ביידל, כדי גובר צו זיין דעם שלאָף און זיך צו פייניקן ווי עס געהער צו זיין.

אין דעם זומער ווען ליבושל האָט זיך געפייניקט, איז איינער פון די סאַד־יידן געווען ר׳ יאָסקע פון טושין. א פעטס געפאַקט גראָ יידל מיט א רויטן קארק און מיט א הארט צוגעשוירן בערדל. ער האָט גערעדט מיט א גראָב חוצפהדיק קול און האָט אלעמען געזאָגט דו. נאָר בלויז זיך אליין האָט ער האָפערדיק אָנגערופן ר׳ יאָסקע. דאָס איז פאר אים געווען דער איינציקער „ר׳" אין טושין. עס איז קיין וואונדער נישט געווען: ר׳ יאָסקע איז געווען א חיט און געגייט איבערן ווינטער תחתונים פאר די פויערים פון טושינער סביבה. די פויערים — זיינע קליענטן — האָבן פאר אים געציטערט אימת־מות. ער האָט די עלטסטע גוים געזאָגט דו, געקלאַפט אויף די פלייצעס און הויך און חוצפהדיק אויף זיי געשריגן. טאָמער האָט א גוי אים געזאָגט, אז ער, ר׳ יאָסקע, האָט אים פארשניטן די תחתונים, איז געווען חיות נישט זיכער. ר׳ יאָסקע איז אריינגעפאלן אין א ווילדן כעס, ער האָט געזידלט און דער גוי האָט א דערשראָקענער געכאפט די קאָליע סחורה און אנטלאָפן וואו דער פעפער וואַקסט. און נאָך אמאָל געקומען צו ר׳ יאָסקען ווען ער האָט באַדארפט תחתונים. אָבער דאָס וויכטיקסטע וואָס ר׳ יאָסקע איז געווען אין שטעטל אין טושין, איז געמלעך געווען דאָס, וואָס ר׳ יאָסקע איז סך־הכל געווען דער פערמאַנענטער גבאי פון דער חברה־קדישא און האָט ליב געהאַט דעם בימערן טראָפן. קיינער וואָלט זיך ניט געוואַגט ר׳ יאָסקען צו מאַכן פאר אוים גבאי. שמחת־תורה, בשעת די חברה־קדישא האָט געמאַכט די טראַדיציאָנעלע גרויסע און פרעסערישע סעודה, האָט ר׳ יאָסקע אליין אויף זיין חלק געקאָנט אויפעסן גרויסע האָניק־לעקעכער, א גאַנצע געבראָטענע גאַנדז, אחוץ וואָס ער האָט אין זיך אריינ־געגאָסן בראָנפן און ביר. אָבער ווען אלע חברה־קדישא־לייט האָבן זיך אין שמחת־תורה שיכורע געוואַלגערט אין דער שולעכל פון זייער חברה, איז ר׳ יאָסקע געבליבן ניכטער, רק דאָס קול איז אים נאָר געוואָרן הע־כער און חוצפהדיקער און דער דיקער קארק האָט זיך אים צעגליט מיט א שארפער און פעטער רויטקייט. דאָס טושינער בית־עולם האָט ער

באַטראַכט ווי זיין מאַיאָנטעק. אויף אַלע לעבעדיקע יידן אין טושין האָט ער געקוקט ווי אויף זיכערע קאַנדידאַטן וואָס וועלן זיך נישט אַרויס־דרייען פון זיינע הענט, וועלן ליגן בײַ אים אויפן טהרה־ברעט און ער וועט זיי טון זייער רעכט. פון דאַנען האָט זיך אויך גענומען זיין הער־שערישער טאָן צו אַלעמען און דאָס זאָגן אַלעמען „דו" אַחוץ צו זיך אַליין. סײַ־ווי זענען טושינער יידן צוקונפטיקע מתים און זיי דרייען זיך אַרום „אויף דערווײַל" און געהערן סײַ־ווי אַלע צו ר' יאָסקען און צו זיין „מאַיאָנטעק" הינטער דער שטאָט. אויך וועגן מתים האָט ער גע־רעדט מיט אויסטערלישער האַפּעדיקייט און זיינע וויצן זענען נאָר געווען צו דערציילן ווי געשטאָרבענע טושינער יידן פירן זיך אויף אויפן טהרה־ברעט, בשעת דער טהרה און בעת דער קבורה. קיין איין געשטאָר־בענעם ייד פון טושין האָט ר' יאָסקע נישט פאַרגעסן. ער האָט ערשט אָנגעהויבן אויף אַן אמת צו רעדן פון טושינער יידן בעת זיי זענען שוין געלעגן „בײַ אים" אויפן גוטן אָרט און ער האָט זיך געפילט ווי זייער באַלעבאָס. פון די לעבעדיקע האָט ער צום מיינסטן ליב געהאַט די חברה־קדישא און די פּראָסטע חייטים. חסידים און לומדים האָט ער געהאַסט ווי דעם טויט. עס האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז זיי נעמען בײַ אים צו אַ שטיק פון זיין יענער וועלט און ער האָט פיינט געהאַט די שווערע לשון קודשדיקע ווערטער וואָס שרייען אַראָפּ פון זייערע מצבות און ער פאַרשטייט זיי נישט נאָך זייער טויט, פּונקט ווי ער האָט זיי נישט פאַר־שטאַנען בעת זייער לעבן. ר' יאָסקע האָט נישט געליטן אַז מע גרויסט זיך איבער אים — נאָך דערצו גרויסן זיך איבער אים אויפן בית־הקברות. האָט ר' יאָסקע געהאַלטן פאַר אַ פּערזענלעכע עוולה לגבי זיך. ער האָט טאָקע צווישן זיינע גראָבע וויצן דערציילט ווי אַלערליי חסידים האָבן זיך נישט שיין אויפגעפירט בעת דער נסיסה און בעת דער טהרה.

אַזוי ווי ר' יאָסקען איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ער אַליין וועט סך־הכּל, אויך מוזן אַמאָל שטאַרבן און זיך אַוועקלייגן אונטער די בוימער אויפן טושינער בית־עולם, — דעריבער האָט ער זיך נישט אָפּ־געזאָגט פון צייט צו צייט צו דינגען אַ סעדל בשותפות מיט טושינער חייטים און צו פאַרברענגען אַ זומער אין ליכטיקן אינדרויסן, שלאָפן אין אַ בײַדל און היטן בײַנאַכט די אויבסטן אויף די בוימער. עס האָט

זיך אים טאַקע היפּשלעך געבענקט צו זיין בית־עולם הינטער טושין, צו זיינע מתים און צו זיינע קאַנדידאַטן אויף יענער וועלט. בשעת ר׳ יאַסקע איז געווען אין די סעדער האָט זיך אים אויסגערוכט, אַז טושינער יידן מוזן דערווייל אונטערוואַרטן און נישט שטאַרבן. טאָמער איז פאָרט אַ טושינער ייד געשטאָרבן, איז ר׳ יאַסקע אַ צעבייזערטער אוועקגע־לאָפן פון סאַד, איבערגעלאָזן אַלצדינג אויף הפקר, און זיך באַנינען געפּעדערט קיין טושין צו טון דעם געשטאָרבענעם ייד זיין רעכט און צו קאָמאַנדעווען מיט דער חברה־קדישא. אָבער אַזוי, אין די פינצטערע נעכט ווען ר׳ יאַסקע איז געזעסן צוזאַמען מיט זיינע סאַד־יידן און אין די זומערדיקע פינצטערנישן אַרום זיי האָבן זיס און פייכט געשמעקט די אויבסטן אויף די בוימער, האָט ר׳ יאַסקע אינמיטן דער נאַכט גערעדט אויף זיין הויך חוצפּהדיק קול און דערציילט זיינע חייטים מעשיות פון טושינער מתים.

צווישן די דאָזיקע יידן האָט מען ביי דער נאַכט אוועקגעזעצט לייִ־בושלען, זיי זאָלן אַכטונג געבן אַז ער זאָל נישט אַנטשלאָפן ווערן. הגם ר׳ יאַסקע האָט פיינט געהאַט לומדים און בית־המדרש־בחורים און האָט ניט געליטן זייער פלינקן און וויכן לומדישן דיבור, אָבער צו די לומ־דישע און חסידישע בחורים וואָס פייניקן זיך פאַרן „לאָם" האָט ר׳ יאַסקע געביטן זיין באַציאונג. דאָס געלקייט אויף זייער פּנים, זייערע מידע אויסגעלאָשענע אויגן פון פאַסטן, וואך־זיין און טרינקען ביטערע און עקלדיקע וואַסערן, דער שלעכטער פוילעניש־ריח, וואָס האָט חלשותדיק אַרויסגעשלאָגן פון זייערע איינגעפאַלענע מיילער, האָט ר׳ יאַסקען דער־מאָנט אָן זיינע יידן אויפן טהרה־ברעט. און ער האָט זיך געפּילט מיט זיי היימישער, מיט אָט די יונגעלייט פון בית־המדרש און די חסידים־שטיבלעך וואָס האַלטן זיך אינמיטן פייניקן. ר׳ יאַסקע האָט אויפן הויך קול געזאָגט צו דער באָבע חיה, אַז זי קאָן זיכער זיין מיט לייבושלען. ביי ר׳ יאַסקען שלאָפט מען נישט. אפילו טושינער מתים שלאָפן נישט אין זיינע הענט. דערהערט מתים האָט די באָבע חיה אויסגעשפּיגן ניין מאָל, זיך באַשפּיגן די שפּיץ פינגער און זיך אָפּגעשפּראָכן אַן עין־הרע, און זי האָט געבעטן געזיפצט, אַז דער יתום באַדאַרף צו האָבן ניסים. ר׳ יאַסקע האָט אַ נעם געטון לייבושלען אין זיינע פעסטע און האַרטע

הענט אריין און אים אוועקגעזעצט נעבן זיך צווישן די עפּל וואָס זענען געלעגן אויסגעשפּרייט אויפן שטרוי. לייבושל האָט פון שרעק מורא געהאַט צוצומאַכן די אויגן און צו גנבהנען אַ דרימל.

ס'איז געוואָרן שפּעט אין דער נאַכט. די דאָרפישע ווייטקייטן האָבן אויסגעקוקט געהאַט איינגעשלאָפן צו ווערן אין בײַנאַכטיקער שטיל־קייט. די אויבסטן האָבן געשמעקט אין די פינצטערנישן. די סאָד־יידן האָבן זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, כּדי וואָך צו זיין און נישט אַנטשלאָפן צו ווערן און צו היטן דעם סאָד. אין די דאָזיקע פינצטערע שטילקייטן האָט ר' יאָסקע אויסגעקוקט גאָר צו ווערן וואַכער. מ'האָט אים נישט אַרויסגעזען פון צווישן די יידן. אָבער זיין קול האָט זיך געהערט שאַרפער, העכער און חוצפּהדיקער.

ר' יאָסקע האָט דערציילט פון זיינע איבערלעבענישן אַלס חברה־קדישא־גבאי.

— ניי איך מיר אַמאָל אַזוי בײַנאַכט אויפן הייליקן פעלד. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז שקצים גנבהנען די באַרעלעך וואָס וואַקסן דאָרט אויף די אַלטע בוימער. אַ בית־עולם, ליבע יידן, מוז מען היטן אַקוראַט ווי אַ סאָד, און ביי ר' יאָסקען גנבעט מען נישט. איך גיי מיר אַזוי צווישן די מצבות און איך שפּיר ווי פּלוצעם כאַפּט מיך עמעצער אָן פאַר אַ פוס. ר' יאָסקע טוט זיך אַ דריי־אום און זעט ווי אַ האַנט שטרעקט זיך אַרויס פון אַ קבר—אַ האַנט איינגעוויקלט אין תכריכים—און האַלט מיך פעסט פאַרן שטיוול. ר' יאָסקע איז נישט קיין ייִנגעלע וואָס זאָל זיך שפּילן מיט מתים און ער איז זיך מישב, — און מיטן צווייטן פוס טוט ער אַ קאָפּע אויף דער טויטער האַנט. דעם בר־מנן אונטער דער מצבה האָבן געמוזט שפּריצן פונקען פון די אויגן. איך האָב טאַקע גע־הערט ווי אינעווייניק אונטער דער ערד האָט זיך דער ייִד דער פינצטערער־געוויינט. דאָס איז געווען שימשע קצב, וואָס איז געשטאָרבן מיט אַ דריי יאָר צוריק, און איך האָב צו אים אַריינגעשריגן: שימשעלע גנב, ר' יאָסקע האָט פיינט לאָבוזעוואַטע שטיק. מיין נישט אַז אַ בית־עולם איז אַ יאַטקע. ליג בעסער אין דיין רו.

— איינמאָל זיץ איך מיר אַזוי אין טהרה־שטיבל אויפן הייליקן פעלד. מע האָט ערשט געהאַט געקויפט האָלץ אויף „קרשים" און איך

האָב מורא געהאַט אַז נוים וועלן עס צוננבהנען. ס'איז געווען ווינטער. דאָס הייליקע פעלד איז געווען טיף באַדעקט מיט שניי און דער פראָסט האָט געקנאַקט סכנות־נפשות. ר' יאָסקע איז געזעסן אין זיין פעלצל. האָט מיט זיך געהאַט אַ גרויסע פלאַש בראָנפן און ער האָט אַלע מאָל אַ לעק געטון צום ביטערן טראָפּן. ס'איז געווען פונקט נאָך האַלבער נאַכט און איך הער מע קלאַפט אין פענצטער. געוויינלעך אין דער דאָזיקער שעה גייען טושינער מתים אין דער שול אַריין צו דאַווענען און צו לייענען אין דער תורה. ווער קאָן עס קלאַפּן? איך טו אַ קוק אַרויס — ס'איז פונקט געווען אַ לבנה־נאַכט — און זע ווי אַרום דעם טהרה־שטיבל שטייען טויטע יידן און טויטע ווייבער. פאַרוואָס נייט איר נישט דאַווענען? טו איך אַ שריי אַרוים צו זיי דורכן פענצטער. „מיר וואַרטן אויף אייך, ר' יאָסקע, מיר דאַרפן אייך צו מנין, און מיר ווילן אייך היינט ביינאַכט מכבד זיין מיט שישי. קומט מיט אונדז אין שול אַריין" — אַזוי שרייט אַריין צו מיר שימשעלע קצב און שאָקלט זיך אַ לאַכעדיקער אין די תכריכים. אויך די אַנדערע מתים שאָקלען זיך אין די תכריכים און ווינקען צו מיר אַריין דורכן פענצטער. ר' יאָסקע איז אָבער נישט קיין יינגעלע און ווייס וואָס עס באַטייטן אַזעלכע פּראָפּאָזיציעס פון מתים. נו, טו איך אַ כאַפּ מיין שטעקן, גיב אַ לויף אַרויס אין דער ווינטערדיקער נאַכט אַריין, לויף אַריין צווישן די מתים און הויב אָן צו פּלעטן קעפּ. די ברמננס זענען זיך צעלאָפן צווישן די מצבות מיט אַ וויסטע און יאָ־מערלעכע יללה, אַז מען האָט אַזש געהערט אין שטעטל. אָבער וואו איז — דאָ האָט ר' יאָסקע פּלוצעם געענדערט דאָס קול — דער יתום? איך האָב מורא אַז ער איז מיר אַנטשלאָפן געוואָרן, דער ממזר.

ר' יאָסקע האָט געטון אַ פעסטן שטאָרך אין דער זייט פון לייבושלען.

אַז לייבושל האָט נישט געענטפערט נאָך עטלעכע פעסטע שטאַרכן איז ר' יאָסקן געוואָרן די מעשה קשה. ער האָט באַפוילן צו ברענגען אַ לעמפּל. אין שיין פון דעם לעמפּל האָט מען ערשט געזען ווי לייבושל ליגט אַ פאַרחלשטער צווישן די עפּל.

# קאַפּיטל דריי

מחלוקתן צווישן גער און אַלעקסאַנדער. דער אַלעקסאַנדערער רבי. ביי ר׳ יאַנקעלע ראַדזימינער אויפן בוידעם. באַלומער גערער חסידים מוזן צוקוקן ווי פון אַלע עקן פּוילן פאָרן חסידים קיין אַלעקסאַנדער.

ראש־חודש־אלול־צייט ווען די בלעטער האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן און ר׳ נח בראַם האָט זיך אַלע אין דער פרי צעבלאָזן אויפן שופר, האָבן אַלע געוואוסט, אַז סוף־כּל־סוף וועט דער יתום באַפרייט ווערן פון גויישע הענט און מ׳וועט אים נישט נעמען פאַר קיין זעלנער. וואויל צו זיין מאַמע די וויסטע אַלמנה אין קינצק. לייבושל האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ שאָטן און געזופט די וואַסערן וואָס די באָבע חיה האָט פאַר אים געקאָכט. ער האָט געזופט מיט אַ פּאַסיווער גלייכגילטיקייט און צומאָל זיך נישט פאַרקרימט פון דער עקלהאַפטער ביטערניש. דעם יתומס גוף האָט שוין אויפגעהערט צו רעאַגירן ווי אַ לעבעדיקער גוף. ער איז געוואָרן געל און דאַר ווי דער שופר וועלכן ר׳ נח בראַם האָט אַרויסגענומען פון די טונקלקייטן פון אָרון־קודש און זיך אויף אים צעבלאָזן. אַלע זאַפטן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן אין לייבושלס גוף. ער האָט שוין מער גאָר־נישט פאַרלאַנגט פון דער זינדיקער וועלט, סיידן ווי טעפּלעך מיט „צענים".

פאַר ראש־השנה האָט זיך מיין פאָטער אָנגעהויבן גרייטן צו פאָרן צום רבין קיין אַלעקסאַנדער. לייבושל האָט געזאָלט מיטפאָרן. מחמת אין אַלעקסאַנדער האָבן זיך געזאַמלט אַלע יונגעלייט אַלעקסאַנדערער חסידים, וואָס האָבן נאָך סוכּות באַדאַרפט זיך צושטעלן צו די מיליטע־רישע קאָמיסיעס, און האָבן זיך איבערן זומער „געפּייניקט". זיי זענען געקומען קיין אַלעקסאַנדער זיך „מזכּיר־זיין" פאַרן רבין און ענדלעך באַקומען די זיכערקייט, אַז זיי וועלן באַפרייט ווערן פון „גויישע הענט".
די אַלעקסאַנדערער רבישע דינאַסטיע האָט געצויגן איר גאָלדענע קייט

פון וואורקע. נאָך ר׳ בעריש ביאַלער איז כּמעט דער גאַנצער עולם אוועק־געפאָרן צו ר׳ יחיאלן דעם פּילצער רבֿ. חסידים האָבן שפּעטער אָפּגע־קויפט דאָס אַלעקסאַנדערער בית־המדרש און דאָס רבֿישע הויז בײַ אַ קאָצקער דינאַסטיע — (ר׳ העניך אַלעקסאַנדערער) — וואָס האָט דאָרט „געפירט" צווישן דעם „חידושי הרים" און דעם „שפת אמת". ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דאָס מלכות פון אַלעקסאַנדערער חסידות.

נאָך גער זענען אַלעקסאַנדערער חסידים געווען דער שטאַרקסטער און צאָלרייכסטער חסידישער קיבוץ אין פּוילן. דעריבער טאַקע האָבן צווישן די דאָזיקע צוויי חסידישע קאָלעקטיוון געהערשט שטאַרקע אַנ־טאַגאָניזמען און מאַכט־אַמביציעס, וועלכע האָבן צייטנווייז — אין אַ סך יידישע שטעטלעך — אָנגענומען דעם כאַראַקטער פון שאַרפע מחלוקתן. עס זענען אָנגעגאַנגען מחלוקתן וועגן אַ רבֿ, וועגן אַ שוחט און אַנדערע קהלישע פּאָזיציעס, אין וועלכע די גערער חסידים האָבן געווייינטלעך שטענדיק געזיגט. אָבער געזיגט נאָך שאַרפע קאַמפן מיט אַלעקסאַנדערער חסידים. וואַרשע האָבן אַלעקסאַנדערער חסידים אויפגעגעבן פאַר דער גערער מאַכט, מחמת די אַלעקסאַנדערער צאָל אין וואַרשע איז געווען אַ נישטיקע. אָבער לאָדזש האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַן אַלעקסאַנדערער טעריטאָריע און געהאַט די אַמביציע דאָרט צו האָבן די העגעמאָניע. געוויינטלעך רעדט זיך אַלץ אויפן באָדן פון פרומקייט און קהלישקייט. גערער חסידים זענען נישט געווען אַזעלכע געבעכלעך וואָס זאָלן וועלן דאָס מינדסטע אָפּטרעטן. דעריבער האָבן געהערשט פּערמאַנענטע מחלוקתן צווישן גער און אַלעקסאַנדער. זיי האָבן זיך איינע די אַנדערע מבֿטל געווען און נישט געזשאַלעוועט קיין שטעכווערטלעך.

די גערער האָפערדיקייט האָבן אַלעקסאַנדערער חסידים אָנגערופן עזות און שקאָצעריי, און דעריבער געהאַט כּמעט ווי אַן אומהיימלעכן פּחד פאַר דעם זעלבסטזיכערן און העגעמאָנישן אויפטרעטן פון גערער חסידים. גערער חסידים פלעגן תּמיד און אומעטום אויפטרעטן מיט שאַרפער ברייטקייט, מיט זעלבסטזיכערקייט און אינגאָרירנדיקן ביטול לגבי אַנדערע חסידים. זיי האָבן געהאַט זייער באַזונדערס פלינקן לומ־דישן לשון, געשלונגען האַלבע ווערטער, געדאַוונט און גערעדט מיט אַ ספּעציעלן ניגון און געהאַט זייערע ספּעציעלע העוויות. מכּלומרשט

העוויות פון עניוות. געהאַלטן די קעפּלעך אין אַ זייט. אָבער אין דער דאָזי־קער עניוות האָט געשטעקט ביטול און אינגאָראַציע לגבי אַלע און אַלעמען. אַגב האָבן זיי געהאַט די טבע נאָכצוקאָפּירן די העוויות פון גערער רבין. יענער איז געווען אַ ביסל טויבלעך, געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער זייט, און אָפּט געזאָגט: „יאָך הער נישט". פּלעגן עס שאַרפע גערער חסידים נאָכטון. אַלע קלענערע רבילעך אין פּוילן האָבן אין דער שטיל געהערעדט מיט קנאה און פאַרביטערטקייט, אָבער זיך פאַרט געפילט ווי די וואַסאַלן פון גער און געקראָכן אין די לעבער. אַלעקסאַנדערער חסידים זענען גע־ווען צו צאַלרייך, אַז זיי זאָלן זיך אַראָפּלאָזן צו דער מדרגה פון גערער וואַסאַלן, — און צו שוואַך, כּדי זיך צו שטעלן מיט גערער חסידים אויף איין פּאָזיציע, אָדער גאָר אַמאָל קעגן זיי צו געווינען אַ שלאַכט. שטענ־דיק האָבן זיך די אַלעקסאַנדערער געשטעלט קעגן די גערער, און שטענדיק האָבן זיי פאַרשפּילט. דעריבער האָבן אַלעקסאַנדערער חסידים כּסדר געביילט די פויסטן קעגן די גערער. געוויזן זיי ציינער. זיי באַשולדיקט אין עזות־פּנימדיקייט און אין דער שטיל געזאָגט אַמאָל אַ הלצהלע אויפן גערער רבין צוליב זיין טויבקייט. אָבער מער ווי די דאָזיקע אוממעכטיקע נקמה־זשעסטן האָבן זיי נישט באַוויזן צו טון אַקעגן די גערער. די גערער זענען כּסדר געבליבן אין זאָטל.

די באַציאונג פון גערער חסידים צו אַלעקסאַנדערער איז, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, געווען אַ נעוואַלדיק מבטלדיקע. זיי האָבן די אַלעקסאַנ־דערער געהאַלטן פאַר ליידיקגייער, בטלנים, יידן וואָס האָבן ליב דעם ביטערן טראָפּן, זענען קנאַפּ עוסק אין תורה און בכלל ווי דאָס פינפטע ראָד אין פּוילישן חסידות און פּלאָנטערן זיך גלאַט פאַר די פיס. אחוץ דעם האָבן גערער חסידים ליב געהאַט אָנצוגרייפן דעם שוואַכסטן פּונקט פון אַלעקסאַנדערער חסידים, און דאָס נעמלעך די פּערזאָן פון זייער רבין.

דער זון פון ר' יחיאלן (דעם גרינדער פון דער אַלעקסאַנדערער דיי־נאַסטיע), דער בכור, וואָס האָט אָנגעהויבן צו „פירן" נאָך ר' יחיאלן, איז געווען — דער ערשטער פאַל אין דער גאַנצער געשיכטע פון חסידות — אַ ייד, אַ סריס, אָן שום סימן פון באָרד און וואָנצעס. ער איז געווען

אַן אויסערגעוויינלעכע פּערזענלעכקייט. ס'איז כּדאי אויספירלעך אויף אים זיך אָפּצושטעלן.

פיזיאָנאָמיש איז ער געווען אַן אומהיימלעך־העסלעכער מענטש. די גאַנצע מאָנסטרילשע העסלעכקייט פון אַ סריס. די הויט אַ טרוקענע, אַ טונקל־געלע, וואָס איז אַזש אַריינגעפאַלן אין שוואַרצקייט, אַן אויס־טערליש לאַנגע נאָז פון אַ רויב־פויגל, אַ נאָז, וואָס האָט אים באַשאָטנט דאָס ברייטע ווייכע און פאַרמלאָזע מויל, וועלכעס האָט זיך ביים רעדן באַוועגט מיט צענאָסענע העוויות און זיך אָפּערגעהויבן איבער אַ שורה פוילע, גרויסע און שוואַרצע ציינער. אין ביידע זייטן פון דעם דאָזיקן שאַרפן סריסישן פּנים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צוויי לאַנגע דיקע שוואַרצע פּאות, ווי צוויי שוואַרצע צעפלאָשעטע צעפּ און זיי האָבן דאָס פּנים גע־מאַכט נאָך אומהיימלעכער און שאַרפער. דער רבי האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון די געטער פון אַלטע מעקסיקאַנישע אַצטעקן. פון דעם דאָזיקן טרוקענעם סריסישן פּנים האָבן אַרויסגעקוקט צוויי טונקעלע לעבעדיקע און קלוגע אויגן.

דער אַלעקסאַנדערער רבי איז געווען אַ גרויסער למדן און אַן אומ־היימלעך קלוגער מענטש. דערצו אַ פאַרביסענער פאַנאַטישער פרומאַק, וואָס האָט זיך גאַרנישט געפּאָרט מיט דעם ליבהאַרציקן און גוטמוטיקן וואָורקער חסידות. אַזוי ווי ער איז געווען אַ חשוך־פּנים האָט אים יונגער־הייט זיין פאָטער ר' יחיאל געהייסן „פאָרן" צו ר' יענקעלע ראַדזימינער. ר' יענקעלע האָט געשמט פאַר אַ ווילדן בעל־מופת, אַן אַרויסטרייבער פון גלגולים און דיבוקים, און אַ פּוקד־עקרות. חסידים האָבן געזאָגט, אַז ביי אים אויפן בוידעם ווימלט עס פון מתים וואָס קומען, פּונקט ווי די לעבעדיקע, צו ר' יענקעלען נאָך ראַדזימין און בעטן ביי אים תיקון. ר' יענקעלע האָט אויף די מתים זיך הויך געבייזערט אַקוראַט, ווי ער האָט זיך געבייזערט אויף זיינע לעבעדיקע חסידים. טיילמאָל פלעגט ער זיין משמש ר' אַזשעלען אַרויסשיקן צוועלף ביינאַכט אויפן בית־עולם דאָרט אָנצוקלאַפּן מיט ר' יענקעלעס שטעקן אין אַ קבר און אַריינשרייען צום מת־טהור עפּעס אַ באַפעל פון ר' יענקעלען. אין דער דאָזיקער אַטמאָס־פערע פון ווילדער פרומקייט און וויסטער אומהיימלעכער פאַנטאַזיע איז דערצויגן געוואָרן דער רבישער סריס. דאָס האָט געלייגט אַ חותם אויף

זיינע רבישע פירעכצן. ווייל ער איז געווען זייער א קלוגער מענטש, האט די דאזיקע קלוגשאפט אינמיטן די פינצטערע געשלעכטלאזע בילדער פון זיין פערזאן, נאך מער נעוועקט דעם שוידער פון אומהיימלעכקייט. דער עולם האט פאר אים נעציטערט און אים מיסטיש פארערט. זיין אויס־טערלישע פיזיאנאמיע, דער טונקעלער און פרעמדארטיקער סוד פון גע־שלעכטלאזיקייט, די געל־טונקעלע נאקעטקייט און שארפע קלוגשאפט, וואס איז געלעגן אויסגעגאסן אויף זיין פנים, האט געמאכט א מין מעטא־פיזישע און אבערגלויבערישע מחיצה צווישן דעם רבישן סרים און זיינע חסידים.

זיינע רבישע תורות זענען געווען פינצטערע און אסקעטישע. דער אלעקסאנדערער רבי האט נאר גערעדט דערפון, אז דער גוף דארף זיין פאראכטעט און צעבראכן. ווען ער האט גערעדט פון שמחה — וואָרעם דער יסוד פון וואורקער חסידות איז געווען שמחה — האט דאס ווארט שמחה מאדנע מרה־שחורהדיק־פרום און „יענע־וועלטיש" ארויסגעקלונגען פון זיין מויל. ער האט זיינע תורות געזאגט שטיל מיט א געקרעכצעניש און געאכצעניש און דערביי — סאמנאמבוליש — צו־געהאלטן די אויגן גלייך ווי א טויטן־קאפ וואלט גערעדט אינמיטן פון לעבעדיקע מענטשן. דערפאר האט ער ביים דאווענען געשריגן מיט א הויך יאמערלעך קול. ער האט כמעט ווי איבערגעשריגן דעם גאנצן עולם. זיין יאמערלעך קול איז אויך עפעס געקומען ווי פון די טונקעלע פרעמד־ארטיקע תהומות פון דער קרעאטור.

גערער חסידים האבן גישט געזשאלעוועט קיין וויצן און צווייזייטיקע שטעכווערטלעך אויפן חשבון פון אלעקסאנדערער חסידים און זייער אויס־טערלישן רבין. צו דער גאנצער אומהיימלעכקייט פון זיין פיזיאגאמיע, האט דער אלעקסאנדערער רבי אזש געהאט דריי נעמען „ירחמיאל ישראל יצחק". גערער חסידים האבן דערצו צוגעטשעפעט א פסוק „ולבני ישראל לא היה ברד" (באָרד) — עס האט זיי גארנישט געפועלט. אלעקסאנדערער חסידים זענען וואס מער געווארן איינגעגלויבט אין זייער רבין, געווארן האפערדיקער ביי זיך, גערופן די גערער חסידים שקצים און עזות־פנימער און בסדר געזוכט מיט זיי מחלוקות, כדי צו ווייזן די פויסט. הגם זיי האבן די קאמפן אין די שטעטלעך בסדר פארשפילט, האבן אלעקסאנדערער

חסידים פונדעסטוועגן נישט אפגעלאזט פון זייער אנרעסיווקייט און גע־האפט ווען עס איז דאך צו באזיגן די נערער. די גערער חסידים אין לאדזש, איבערהויפט די יעניקע, וואס האבן געוואוינט אין באלוט, האבן צו זייער גרויסן הארצווייטיק געמוזט צוזען, ווי ערב־ראש־השנה, למשל, איז דער וועג קיין אלעקסאנדער פול מיט פורלעך און דראשקעס, און אלטע און יונגע חסידים פון אלע עקן פוילן פארן קיין אלעקסאנדער צום רבין.

מען ניט געזען, סיידן, געבונדענע עופות וואָס האָבן געשריגן אין די הענט פון ווייבער. דער קהלישער צאָפּ מיט צוויי קליינע מאָגערע הערנערלעך און מיט אַ לאַנג יידיש־בכבודיק בערדל האָט זיך בנעימות און ערב־ראש־השנהדיק אַרומגעדרייט צווישן די פּרעמדע יידן, געקייט „שמות" און אַלעמאָל אַריינגעשטופּט זיין קאָפּ אין אַ קרעמל.

די לאָדזשער דראָשקעס מיט די נגידישע חסידים זענען מיט אַ גע־פּילדער פאַרפאָרן פאַר נאָמעס אכסניה. אַ הילצערן איין שטאָקיק הויז מיט אַ צעפוילטן שינדל־דאַך און מיט קליינע בוידעם־פענצטערלעך. דאָס הויז האָט אויסגעקוקט ווי עס וואָלט געווען אין די הויכע חדשים, וואָרעם עס איז געשטאַנען אַ צעקראָכנס, און ווי מיט אַ בייכל, אינמיטן דעם יידישן געסל. לאָדזשער חסידים האָבן נטעס אכסניה אין הלצה אָנגערופן „גראַנד האָטעל", מחמת עס האָט געקאָנט אין זיך אַריינעמען אַ שיעור נגידים, רבנים, שיינע יידן און גלאַט חסידים. אין דעם דאָזיקן הויז זענען געווען עפּעס ווי האָטעל־צימערלעך צו וועלכע מע האָט געמוזט אַרויפקריכן אויף אַ צעבראָכענע הילצערנע טרעפּ ווי אויף אַ קאַליעדיקע לייטער. די דאָזיקע צימערלעך האָבן — מעשה גרויס־שטאָט — געהאַט נומערן און זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט בעטן און מיט שטרוי־זעק. אין איטלעכן בעט אַריין האָט נטע אָוועקגעלייגט צו עטלעכע חסידים, מען זיי אַפילו זיין נגידים אָדער שיינע יידן. דאָס וואוינען ביי נטען און „איינשטיין" אין צימערלעך מיט נומערן איז שוין אַליין געגנוג געווען אויף צו הייסן אַ נגיד אָדער אַ שיינער ייד. נטע איז געווען אַ קליין דיקלעך יידל מיט אַ קורץ שפּיציק בערדל, אַ שתקן און האָט זעלטן ווען גערעדט צו זיינע אייגענע געסט. דערפאַר האָט ער געהאַט אַ סטאַדע מיט טעכטער. געזונטע קורץ־פּיסיקע מיידן וואָס זע־נען בסדר אַרומגעגאַנגען צעשויבערטע און בייזע און ס'רוב געזעסן אין די צעפּאַרעטע טונקלקייט פון דער גרויסער קיך, פון וואַנען עס האָט תמיד געשלאָגן אַ ריח פון אַלערליי געקעכצן. די מיידן פלעגן משמש צו זיין די חסידישע געסט, געברענגט עסן. אַפילו איגדערפרי ווען אַ סך חסידים זענען נאָך געלעגן אין נטעס בעטן, זענען זיי, נטעס מיידן, בייזע און צעשויבערטע אַריינגעקומען אין די צימערלעך, געברענגט וואַסער אויף

צו וואַשן די הענט, און טיילמאָל נאָר מיט זייערע קורצע און גראָבע פיס אַרויפגעקראָכן אויפן טיש און גענומען אַרייגגיסן נאַפט אין די פאַר־קאָפּטשעטע לעמפּלעך, וואָס זענען געהאָנגען אויפן סופיט. מע האָט דאָן גוט געקענט זען די גראָבע און פעטטע ליטקעס פון נאַטעס מיידן. אַלטע חסידים האָבן געקוקט און גאַרנישט באַמערקט. אָבער נישט איין חסידי־שער יונגערמאַן, וואָס איז געלעגן מיט נאָך עטלעכע יידן צוזאַמען אין גטעס אַ בעט, האָט ניט איין מאָל געבעבן געמוזט ביטער קעמפן מיט הירהורי־עבירה ווען נטעס טעכטער האָבן זיך פאַרנומען אַרויפצוקריכן אויף די טישן.

נאָך אַן אכסניה איז געווען אין אַלעקסאַנדער. אהין זענען פאַר־פאָרן בלויז קאָצקער חסידים.

בונם טיי־מאַכערס אכסניה.

בונם טיי־מאַכער איז געווען אַ קליין דריבנע יידל, אַ יידל אָנגעפּאַ־קעוועט מיט יאָרן, מיט אַ שפּיציק־שקאָציש בערדל און מיט רויטע קאַליע אויגן. שטענדיק איז ער געווען אין כעס און ער האָט אַליין נישט גע־וואוסט אויף וועמען. ס'האָט געהייסן: ער איז נאָך געווען חסידישער בעל־אכסניה אין וואורקע און ער פאַרט מיט אומעטום מיט דער אכסניה, וואוהין נאָר ס'ווערן מגולגל די דינאַסטיעס וואָס „פירן" מיטן וואורקער עולם. ער איז געווען בעל־אכסניה בעת דער עולם איז געפאָרן קיין ביאַלע. איצט וואוינט ער מיט דער אכסניה אין אַלעקסאַנדער. ער האָט געוואוינט ערגעץ אין אַ הייזל הינטערן יידישן געסל. אַ האַלב־צעפאַלן הייזל וואָס איז געשטאַנען ווי אויף הפקר אינמיטן אַ ליידיק ליימיק פעלד. אַ פעלד פול מיט גריבער אין וועלכע עס האָבן זיך אַרומ־געוואַלגערט אַלערליי צעוווייקטע און פאַרגעלטע שמות און ס'האָט דאָרט געדרימלט דער קהלשער צאָפּ. אין בונם טיי־מאַכערס הייזל האָבן גע־פעלט טירן און כסדר האָבן דאָרט געבלאָזן די ווינטן און ס'האָט זיך געהערט דאָס ווייטע דאַווענען פון רבישן בית־המדרש. דער צעבראָ־כענער קוימען אויפן דאַך האָט עפּעס ווי תמיד געדרויכערט גלייך ווי דאָס הייזל וואָלט געפּיפּקעט אַ חסידישן ליולקע־ציבעק. אין פלונ האָט זיך אויסגעדרוכט אַז אין הייזל איז קיינער נישטאָ. סיידן אַ ייד איז גע־

שטאנען נעבן דער וואנט פונם הייזל און האט משתין געווען פונקט אויף דעם אָרט וואו עס איז געווען אויפגעשריבן מיט געפּתבהטע האלב־אויסגעמעקטע אותיות „אסור להשתין”. איז מען אָבער אריינגעקו־מען אינעווייניק אין די אָפענע טירן האָט מען געטראָפן אין צוויי גע־רוימיקע נידעריקע חדרים מיט שווארצע בעלקעס. די בעלקעס זענען גע־ווען אונטערגעשפּארט מיט דרענגלעך, אזוי ווי מע וואָלט זיך געבעטן ביי זיי, ביי די בעלקעס, זיי זאָלן מוחל זיין און נאָך ווארטן א מינוט און נישט אראָפּפאלן. אינעווייניק אין די חדרים איז תמיד געווען ווי אויף א ווילדן יריד. עס האָבן זיך געטומלט, געשלאָפן ווי אויך גע־דאוונט אָדער געטרונקען טיי מחנות מיט כּל־ערליי חסידים. אלעמען האָט א בייזער באַדינט בונם טיי־מאַכער און זיין איינציקע טאָכטער. אן אלטע געלע מויד, בלינד אויף אן אויג. זי האָט גערעדט אויף א שארף חסידיש לשון, געשריגן אויף די חסידים ווי א מלמד אויף חדר־יינגלעך און אלע האָבן פאר איר געציטערט אימת־מות. אויסנאַמען ביי איר זענען געווען די יעניקע חסידים וואָס זענען געווען שרכנים. די מויד האָט געחלשט נאָך א שידוך. ביינאַכט ווען זי איז געשלאָפן אויפן בוידעם — וואָרעם אין די שטובן זענען די בעטן געווען אָנגעפּאַקט מיט שלאָפנדיקע מאַנסבילן — האָט די מויד טיילמאָל געוויינט פון חיהשער בענקשאַפט נאָך א מאַן. נאָר קיינער האָט זי נישט געהערט, סיידן די שטערן וואָס האָבן אריינגעקוקט דורך די לעכער פון דעם אלטן שינדל־דאַך.

אחוץ זיין אכסניה האָט בונם טיי־מאַכער נאָך געהאַט אנדערע פרנסות, און אלע האָבן זיך געבונדן מיט אלעקסאַנדערער חסידות. אין רבינס בית־המדרש האָט ער געהאַט שטיין א געוואַלדיקן בלעכענעם סאַ־מאָוואַר וואָס האָט געזאָטן ווי א גזלן, האָט געפּיפן און ווי זיך געבײ־זערט אויף בונם טיי־מאַכער וואָס איז געשטאַנען — ווען ער איז נאָר נישט געווען אין זיין אכסניה — נעבן דעם סאַמאָוואַר. בונם האָט דאָ פאַרקויפט פאַר די חסידים צו גלעזלעך טיי מיט צוקער און ציטרין. עס רעדט זיך אזוי טיי, צוקער און ציטרין. מחמת אלצדינג איז ניט מער געווען ווי הוילע סימבאָלן. דאָס הייסע וואַסער אין גלאָז איז עפּעס גע־

ווען בלאָס פאַרפאַרבט, עפּעס ווי זיס, און עפּעס איז דערין אַרומגע־שוואומען אַ גרין שטיקל הושענה־בלעטל וועלכעס בונם האָט גערופן ציטרין. עס מאַכט נישט אויס. חסידים האָבן געזופּט דעם טיי וועלכן דער קאָכעדיקער בלעכענער און בעסריקער סאַמאָוואַר האָט פון זיך אַרויסגעגאָסן בשפע, ווי אינעווייניק אין זיין בויך וואָלט געווען אַ מבול מיט בונם טיי־מאַכערס טיי. דאָס איז געווען פּרנסה נומער צוויי. אויף פּרנסה נומער דריי, מוז איך מיך אַ קאַפּעטשקע אָפּשטעלן באַריכות: אַזוי ווי חסידים אָרעמעלייט קאָנען נישט דערלאַנגען צו אייגענע שטריימ־לעך — און ביים רבין שיקט זיך נישט צו גיין אָן אַ שטריימל — האָט בונם טיי־מאַכער געהאַט לינן אויפן בוידעם גאַנצע קופּעס מיט שטריימ־לעך, וועלכע ער פלעגט אויף שבת און יום־טוב אויסבאָרגן צו אָרעמע חסידים און נעמען פון זיי עטלעכע גראָשן אָפּנוץ־געלט. אויב טויטע זאַכן קאָנען האָבן כאַראַקטער און פאַרשיידענע אויסטערלישע און קאָ־מישע פאָרמען זענען עס געווען די דאָזיקע שטריימלעך. הגם זיי זענען געלעגן קופּעסווייז אויפן בוידעם, פונדעסטוועגן האָט יעדעס שטריימל באַזונדער געהאַט איר אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליטעט. עס האָט זיך צוגעפּאַסט, צוגעגעבן כאַראַקטער, צייכענונג און אויסטערלישן קאָמיזם צו די פּנימער פון די חסידים וועלכע האָבן עס אָנגעטון אויפן קאָפּ. זאָגן, אַז די שטריימלעך האָבן נאָך דאָס מינדסטע דערמאָנט אין די אַמאָליקע פעלן פון חיות, קאָן מען לחלוטין נישט. זיי האָבן זיך אַזוי ווייט דערווייטערט פון זייער אַמאָליקן חיהשן אָפּשטאַם און האָבן אָנגענומען אַזוי פיל יידישלעכע פאָרם, אַז זיי האָבן אַליין אויסגעקוקט עפּעס ווי קליינע קבצנישע חסידימלעך און עפּעס ווי שטיקער פון צע־קראָכענע חסידישע בערד. טייל זענען געווען דראָבנע און בייזע, מיט עטלעכע שפּיציקע הערעלעך וואָס זענען חוצפּהדיק געוואַקסן אינמיטן דער גרינער אָפּגעשאָסענער אַלטקייט פונם צעריסענעם טוך. טייל זענען געווען נאַקעטע אָן אַ סימן פון אַ האָר, און זענען געלעגן אויף די קעפּ פון די חסידים פלאַטשיקע מיט אַ רעזיגנירנדיקער עניוות. טייל האָבן פון זיך אַרויסגעהויבן אַ שפּיציקן צעריסענעם „ווערוך" ווי זיי וואָלטן ערגעץ־וואו אַהינגעקוקט מיט חסידישער האָפערדיקייט. זעלטן־ווען האָבן זינדיקע

שטריימלעך געהאט אין זיך אזוי פיל צעבראָכן יידיש געמיט ווי די שטריימלעך פון בונם טיי־מאכער. ערב יום־טוב, ווען די קאָצקער חסידים האָבן אָנגעטון די דאָזיקע שטריימלעך, האָט זיך דאָס רבישע בית־המדרש פארוואנדלט אין א גראָטעסק אויסטערליש אויסזען. ס׳האָט אָנגענומען דאָס אויסזען עטוואָס פון יידישער הימלדיקייט. פון אן עקזאָטיש־מאָלערישער פמליא של מעלה. עפּעס פון פויליש־חסידישן ימות־המשיח. יידן — מיט פּיאות און בערד פון אלערליי געשטאלטן און פאָרמען — האָבן זיך געשטופּט צווישן גרויסע ספרים־אלמערס, געזופּט בונמס טיי, געראויכערט ליולקעס אָדער פּאפּיראָסלעך, געשפּיגן אויפן דיל. צווישן דעם עולם יידן האָבן זיך ארומגעדרייט חסידימלעך אין צעדריפּעטע אטלאסענע קאפּאָטעס און מיט שטריימלעך אויף די קעפּ, שטריימלעך וואָס האָבן פון זיך אליין געאָטעמט מיט טיפער יידישער הכנעה.

# קאַפּיטל פינף

אין רבינס בית-המדרש. חסידים פון אַלע פּוילישע פּליינען דערציילן זייערע גבורות. משמשים. משה לייב משמש שרייבט דעם „יום-טוב-צעטל". וואָלף לייב האָט פאַרגעסן די קבלה.

דעם רבינס בית־המדרש אין אַלעקסאַנדער איז געווען אַ ברייט־אומגעלומפּערט הילצערנער בנין. שוואַרץ פון אַלטקייט און באַקלעפּט מיט אַלערליי „כרוזים" און לשון־קודשדיקע אויפשריפטן. דער בנין האָט אויף זיך געטראָגן אַ גרויסן בוידעם און עס איז געשטאַנען טיפער אַריינגערוקט הינטערן יידישן געסל אויף אַ ליימיקן פּלאַץ נישט ווייט פון בונם טיי־מאַכערס „מאַיאָנטעק". אינמיטן דעם פּלאַץ איז גע־שטאַנען אַ קלאָץ מיט אַ צעבראָכענער לאַמטער וועלכע האָט קיינמאָל נישט געברענט. פאַרנט פאַרן בית־המדרש־בנין איז געשטאַנען אַ קליין הייזל וואו עס האָט געוואוינט דעם רבינס שוואָגער ר' אלעזר ליפּשיץ, אַ ייד מיט אַ הדרתדיקן בויך, מיט אַ געוואַלדיק שוואַרצער באָרד און מיט טיפע ברעמען איבער די אויגן. ער האָט געהאַט אַ שענק. דאָרט האָט מען גראָד געזען ווייניק חסידים. די שענק איז שטענדיק פול געווען מיט פּראָסטע באַלעגאָלעס מיט בייטשן און לאָדזשער דראָשקאַזשעס. מע האָט זיך ממש נישט געגלויבט אַז די דאָזיקע שענק געהערט צו שבעלען דעם רבינס שוועסטער.

ערב ראש־השנה ווען מען איז אַריינגעקומען אינעווייניק אין גרויסן רבישן בית־המדרש האָט זיך געטון ווי אויף אַ טומלדיקן יריד. אין פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך דערציילט פון בונמס טיי און פון זיינע שטריימלעך. יידן־חסידים זענען סתם אַרומגעגאַנגען און געשמועסט. אין די ערב יום־טובים, ווען דאָס בית־המדרש איז פול געווען מיט פרעמדע חסידים, האָבן די היימישע יידן דאָרט קנאַפּ געהאַט אָרט צו לערנען, הגם די טישן זענען געווען פול אָנגעלייגט מיט אַלערליי גמרות

און ספרים איינגעבונדענע אין גראָער לייוונט. אינמיטן דעם חסידישן יאַריד האָט זיך פונדעסטוועגן געפונען אַ פּאַרעקשנטער מתמיד, אַ פאַר־עלטערטער איינזאַמער בחור, אָדער אַ קעסט־קינד, וואָס איז געזעסן אַריינגעשטופּט צווישן די פרעמדע יידן און מיט אַן אומעטיקן זינג־זאַנג זיך געשאָקלט איבער דער גמרא. אָדער עפּעס אַ מרה־שחורהדיקער למדן איז געשטאַנען ערגעץ נעבן אַ ספרים־אַלמער און אַריינגעשטופּט זיין קאָפּ אין אַ געעפנטן ספר.

דער עיקר איז דאָס בית־המדרש געווען פאַרנומען מיט די פרעמדע אָנגעפאַרענע חסידים. נייע יידן זענען אַלעמאָל אַריינגעקומען דורך די נידעריקע בית־המדרש־טירן וואָס זענען געווען באַקלעפּט מיט „כרוזים" און אויסגעקלאַפּט מיט אַלערליי צדקה־פּושקעס. צווישן זיי די חשובע צדקה־פּושקע פון ר' מאיר בעל הנס. די פרעמדע יידן האָבן באַלד אָנ־געהויבן צו זופן בונגמס טיי. טייל האָבן זיך אָנגעמאָסטן בונגמס שטריימ־לעך און ווי היימישע זיך פונאַנדערלאַנגט שלום עליכם מיט אַנדערע יידן און פונאַנדערגעגאַנגען אין שמועסעריי. אַלעקסאַנדערער בטלנים, ווי אויך אַלערליי באַפּיאותטע רבישע „אייניקלעך" אין קאַפּעלאַטשן און אין אָפּגעשאָסענע כאַלאַטלעך האָבן נייגעריקע צוגעשטעקט די אויערן צו די קופּקעלעך פרעמדע יידן און געכאַפּט וואָס מע שמועסט. וואָרעם פון די פרעמדע יידן האָט געשמעקט מיט מרחקים, מיט דער גרויסער וועלט און מיט מחלוקתן מיט די גערער חסידים. האָפערדיקע אַלעק־סאַנדערער חסידים פון ווייטע פּאַרוואָרפענע שטעטלעך האָבן באריכות דערציילט פון זייערע שאַרפע קאַמפן מיט די גערער, פון פעטש, פון שוחטים און רבנים און פון אַנדערע „פּאַטריאָטישע" נייעסן. די אַלעק־סאַנדערער בטלנים האָבן פאַרחידושטע געשמייכלט, נאָך טיפער צו־געשטעקט די באַפּיאותטע קעפּ און געקוקט מיט צופרידנקייט, און באַ־וואונדערט די שאַרפקייט און דעם מוט פון די דערציילער. חסידים פון לאָדזש און פון וואַרשע האָבן דערציילט וועלט־נייס, פּאָליטיקע, און אַז עס שמעקט אין דער וועלט מיט מלחמות. אויך דאָ האָבן אַלערליי בטלנים צוגעשטעקט די קעפּ און געהאָרכט. חייקל משמש, אַ ייד איבער שמונים און היפּש טויבלעך, איז — אין בלויזן שפּאַנצער און אין אַ לאַנגן צעדריפּעטן טלית־קטן — געשטאַנען אויף אַ טיש אינמיטן דעם

צעיאַכמערטן עולם חסידים און געפּוצט די גלעזלעך פון די גרויסע בית־המדרש־לאָמפּן און אריינגעגאָסן נאַפט אין זייערע בלעכענע בייכער. אַנדערע משמשים און רבישע קאַכלעפל זענען אַלע מאָל ארויסגעקומען פון דעם טירל וואָס פירט צום רבינס שטובן, חוצפּהדיק געשאָקלט מיט די פאַרפּעדערטע און פאַרוואַרלאָזטע פּיאות, זיך געשטופּט צווישן עולם און זיך נעסודעט מיט די נגידישע חסידים וועגן די שעהן, ווען דער רבי וועט „נעמען שלום".

ביי אַ לאַנגן טיש אונטער די בית־המדרש־פענצטער איז געזעסן משה לייב משמש, אַ לאַנגער אויסגעצויגענער ייד, מיט אַ דינער אויסגעצויגענער נאָז וואָס האָט כסדר געציטערט, מיט אַ לאַנג אויסגעצויגן מויל וואָס איז געווען בלאַס און בלוטלאָז, און מיט שיטערע באָרד און וואָנצעס וואָס זענען אים לענגלעך אראָפּגעהאָנגען פון פּנים ווי די באָרד און וואָנצעס פון אַ כינעזישן מאַנדארין. משה לייב האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַן אַלטן אויסגעגרינטן סאַמעטענעם קאַשקעט פון אונטער וועלכן ס'זענען שוועך ארויסגעקראָכן אַ פּאָר אויסגעטריקנטע פּיאות. ער איז געזעסן איבער אַ לאַנג, געווירעט בוך. פאַר אים איז געשטאַנען אַ פלעשל מיט בלאַסן וואַסערדיקן טינט. צווישן די לאַנגע אויסגעדאַרטע פינגער האָט משה לייב געהאַלטן אַ שטיקל האָלץ צו וועלכן עס איז מיט אַ סך שטריקלעך געווען צוגעבונדן אַ פעדער. די כינעזישע וואָנצעס האָבן אָנגערירט דאָס פּאַפּיר און מיטגעגאַנגען מיט דער פעדער ווען משה לייב האָט זיך ארונטערגעבויגן און מיטן וואַסערדיקן טינט גע־שריבן דעם „יום־טוב־צעטל". — דאָס איז געווען אַ מין רשימה וואו אַלע אָנגעקומענע חסידים האָבן זיך פאַרשריבן מיט זייערע מוטערס נעמען. די דאָזיקע רשימה איז ראש־השנה אינדערפרי דערלאַנגט געוואָרן צום רבין אויף איבערצולייענען. ס'איז געווען אַ מין „הזכרה". יידן חסידים, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעזופּט מיט בונם טיי־מאַכערס טיי, האָבן זיך אָנגעהויבן צו שטופּן נעבן משה־לייבן און אריינצו־שרייען אים אין די אויערן אריין זייערע אייגענע נעמען און די נעמען פון זייערע מאַמעס. יידן האָבן געשריגן אַלע צוזאַמען. משה לייב איז געזעסן מיט דער רואיקייט פון אַ כינעזער, אַלעמאָל אויפגעהויבן דאָס בלאַסע אויסגעצויגענע פּנים פונעם פּאַפּיר, מיט טויטע אויסגעלאָשענע

אוינן זיך ארומגעקוקט אויף די חסידים וואָס האָבן זיך געשטופּט ארום אים, און ווידער זיך איינגעבויגן איבערן פּאַפּיר און געשריבן. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז משה לייב האָט אלעמען געהערט, אלעמען פאַרשריבן, נישט געמאַכט דעם מינדסטן טעות אין די ווייבערישע נע־מען פון די חסידישע מאַמעס, און קיינעם נישט פאַרגעסן. ער האָט גענומען צו עטלעכע גראָשן, זיי אוועקגעלייגט נעבן זיך אין א קופּקעלע, און ווייטער געשריבן.

אין א ווייטן עק טיש, אויך ביי א פלעשל טינט, איז געזעסן יעקל וואָלף. אן אלטער ייד מיט אן אויסגעקראַכענע גרויע באָרד און מיט א פּאָר בייזע שיקלדיקע אויגן. אויף אים האָט מען געזאָגט, אז אין וואָרט־קע איז ער געווען א פייערדיקער חסיד, א מזל־טוב, א ייד א נגיד און א גרויסער מקובל. עס איז אים געשען אן „עין" און ער איז געוואָרן א יורד־מנכסיו, צוגלייך האָט זיך די קבלה פון אים אָפּגעטון. אז ער קוקט אריין אין א קבלה־ספר פאַרשטייט ער, נעבעך, מער נישט קיין וואָרט. פון גרויס צער איז דער ייד געוואָרן א ספרן, לאָזט נישט קיין מענטש אויפן אויג, שלאָפט ערגעץ ביי אן עם־הארצישן אלעקסאַנדערער בעקער אויפן פּיעקעליק, און קרינט זיך ארום מיט דער בעקערין איבער א בײגל. ווארעם דער ייד איז א גרויסער אכלער. דער דאָזיקער אמאָליקער מקובל שרייבט „קוויטלעך" פאַר חסידים און נעמט דערפאַר צו עטלעכע גראָשן. דאָס איז זיין פּרנסה. מחמת ער איז א ביסל טויבלעך מוז מען אים אריינשרייען אין די אויערן אריין. דאָס מאַכט אים נאָך בייזער. עס דוכט זיך, ווי אינעווייניק אין דעם ייד זידט אן איופּיקע רציחה.

דאָס בית־המדרש ווערט וואָס אמאָל פולער מיט יידן.

# קאַפּיטל זעקס

ווען וועט מען נעמען שלום? פירן עקשנים. דער רבי נעמט שלום.

אין די נאָך מיטאָג שעהן פון ערב ראש־השנה האָט זיך דער עולם ייִדן אין רבישן בית־המדרש אָנגעהויבן צו קליגן כדי צו טרעפן ווען דער רבי וועט „שלום נעמען". די דאָזיקע טעמע האָט אָנגעהויבן צו ווערן דער עיקר פון אַלע געשפּרעכן. די פרעמדע ייִדן זענען געוואָרן אויפגערעגט גלייך ווי זיי וואָלטן מורא האָבן צו פאַרשפּעטיקן דאָס גרעסטע גליק. די אויפרעגונג האָט אַלעמען אַרומגענומען. סע האָט זיך זיי אויסגעדוכט, די פרעמדע ייִדן, וואָס זענען אַהערגעקומען פון אַלע פּוילישע מרחקים קיין אַלעקסאַנדער, אַז עפּעס ליגט זיי שווער אויפן געוויסן איידער זיי האָבן „שלום גענומען", און זיי האָבן געוואָלט אָפּ־אָטעמען... די רייכערע חסידים זענען געווען האַפערדיקער. זיי האָבן זיך געשושקעט מיט די משמשים און האָבן פון זיי באַקומען דעם צו־זאָג באַצייטנס געוואָר צו ווערן ווען „מע וועט נעמען שלום" און ביי וועלכער טיר מען דאַרף שטיין און וואַרטן. די אָרעמע חסידים האָבן זיך אַליין געמוזט קליגן און טרעפן אויפן ווינט. זיי האָבן אויפגערעגטע און אויפגעשראָקענע געקוקט די איילנדיקע משמשים אין די אויגן אַריין, געקוקט אויף די שטומע טירן וואָס האָבן געפירט פון בית־המדרש צום רבינס חדרים. געפּרואווט פון די טירן עפּעס געוואויר צו ווערן. ביי אַלע טירן איז געווען אַ שטופּעניש פון ייִדן. ייִדן האָבן נעבעך געקרעכצט פון אומבאַשטימטער דערוואַרטונג, און קרעכצנדיק געשמועסט און גע־פּרואווט טרעפן וואו און ווען „מ'וועט שלום נעמען".

אין אַזעלכע געשטייגערטע מאָמענטן פלעגן די רייכערע חסידים און די „שענערע ייִדן" פאַרשווינדן פון בית־המדרש. די משמשים האָבן זיי פון פאָראויס געזאָגט אַלע געהיימענישן און אַריינגענומען דורך היג־

טערשטע טירן כּדי זיי זאָלן זיך נישט באַדאַרפן צו שטופּן און זיין די ערשטע ביים „שלום נעמען". מיט די אָרעמע חסידים אָבער, האָבן די משמשים ממש מיט אַ סאַדיסטישן תענוג געפירט קאַץ־ און מויז־שפּיל. די רבּישע משמשים האָבן זיך לגבּי די אָרעמע יידן איינגעהילט אין אַ שווייגן, און גיי פּרואוו טרעפן ביי וועלכער טיר מע דאַרף זיך שטופּן. די טירן זענען געווען פּונקט אַזעלכע בייזע און האַרטנעקיקע ווי די משמשים. די טירן צום רבּין האָבן נעקאָנט אויף זיך אויסהאַלטן דאָס גרעסטע געשטופּעניש און זיי האָבן נישט נאָכגעגעבן. פאַרביסענע טירן. און יידן האָבן געבעך הינטער זיי געקרעכצט און געשטופּט, אָבער די טירן האָט עס געאַרט ווי דער פּאַראַיאַריקער שניי.

אומגעדולדיקע חסידים זענען געלאָפן פון איין טיר צו דער צווייטער, געגישטערט, געפּרואווט עפּעס געוואויר ווערן און אַלעמאָל צוריקגעקומען צו די יידן אין שטופּעניש מיט אַנדערע פּאַטשטן. פּלוצעם האָט זיך געהערט אַ קול: „מע נעמט שלום". די פאַרעקשנטע טירן האָבן געעפנט אַ שפּאַרע און יידן האָבן זיך איינער אויפן אַנדערן אָנגעהויבן אַריינצושטופּן ווי אַ טייך וואָס מ'האָט געעפנט זיינע צוימען.

יידן זענען געקראָכן איינער אויפן אַנדערן גלייך ווי עס וואָלט געווען אַ שׂרפה. שוואַכע חסידים האָבן אויפגעשריגן אַז מע צעקוועטשט זיי — נאָר ווער האָט געקוקט? משמשים האָבן געשריגן, געפּאַכעט מיט די גאַרטלען איבער קעפּ, אָדער טיילמאָל אַראָפּגעוואָרפן דאָס היטל פון דעם קאָפּ פון אַ חסיד וואָס האָט זיך צו האַסטעריק געשטופּט און זיך געמאַכט אַ וועג מיט די עלנבויגנס. יידן האָבן געבעך שווער געקרעכצט מחמת דעם ווילדן שטופּעניש.

ביי אַ טיר פון אַ גרויסער לייִדיקער שטוב — אַ שטוב מיט נאַקעטע ווענט וואָס האָבן שוין לאַנג פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די פאַרב — איז געשטאַנען דער אַלעקסאַנדערער רבּי. ער איז געשטאַנען אין אַ שוואַרצן זיידענעם כאַלאַט, די גרויסע שוואַרצע פּיאות נאַס פון דער ערב ראש־השנהדיקער הייסער מקווה, און אויך דאָס נאַקעטע ערד־טונקעלע פּנים איז געווען ווי אָפּגעבריט פון הייסן מקווה־וואַסער, דער האַלדז איז אים געווען פאַרוויקלט מיט גרויסע און ווייסע זיידענע שאַלן, מחמת חשש פון פאַרקילונג, בלויז די שוואַרצע שאַרף־קלוגע אויגן האָבן איראָניש גע־

שמייכלט אויף דעם עולם שרעקיק־שווייגנדיקע יידן וואָס האָבן זיך ארום אים געשטופט און האָבן געשטראָמט פון דער אויפגעמאַכטער טיר. ס'איז געווען שטיל אין דעם ערפורכטיקן שטופעניש אין דער נאַקעטער שטוב אין וועלכער דער אַלעקסאַנדערער רבי איז געשטאַנען ביי דער טיר. בלויז די משמשים האָבן הוצפהדיק געשריגן און געפאָכעט מיט די גאַרטלען.

איינציקוויז, אין אַ שווייגנדיקער ערפורכטיקער שורה זענען די פרעמדע חסידים — וואָס זענען אהערגעקומען פון אַלע פוילישע מרחקים — פאַרביינגעגאַנגען דעם אַלעקסאַנדערער רבין. זיי האָבן קוים אָנגערירט זיין ווייכע און וואַרעמע האַנט וואָס איז געווען אַ גרויסע, אַן איבער־געטריבן־פרויענהאַפטע, מיט לאַנגע בלאַסע און ווייכע פינגער, וועלכע האָבן זיך שפּיציק אויסגעלאָזט מיט אומהיימלעך־טונקעלע נעגל. די יידן האָבן דעם רבין בהפזונדיק אריינגעשעפּטשעט אין די אויערן זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע מאַמעס, הגם, ער, דער אַלעקסאַנדערער רבי, האָט נוט געקאָנט אַלע זיינע חסידים ביים נאָמען. טיילמאָל נאָר האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, די דיקע צעפלאָשעטע פיאות האָבן זיך צע־שאָקלט ארום זיינע נאַקעטע באַקן, ער האָט איראָניש אַ שמייכל געטון מיט די שאַרפע קלוגע אויגן און ציינטנוויז עפּעס סאַרקאַסטיש אַ זאָג געטון צו אַ דערשראָקענעם חסיד.

# קאַפּיטל זיבן

יענקל פראגנער. דער וואַלד־מענטש. צווישן שניי און ווינט אין זיין
וואַרשעווער חיו־ביידל. דאָס גאָלדענע מלאכים־קול. סוף אין זייערע
הערצער וואַרטן יידן ווען יענקל פראַגנער וועט אָנהייבן דאָס ראש־
השנהדיקע דאַווענען.

אַלעקסאַנדער האָט געהייסן
דער ימים־נוראימדיקער בעל־תפילה אין
יעקל פּראַנער. ער איז געווען פון די וואונדערלעכסטע יידן, וואָס איך האָב
געקאָנט און ער שטייט מיר נאָך הײנט פאַר די אויגן.
יעקל פּראַגנער האָט אויסגעזען ווי · אַ ווילדער באַוואַקסענער הײלן־
מענטש, און דערצו אַן דעם מינדסטן סימן פון אַ ייד. ער האָט געהאַט
אַן ענלעכקייט צו די ריזן אין די נאָרדישע מעשהלעך. ער איז געווען אַ
הויכער און אַ בּײנערדיקער. און אַ רויטער. אַלצדינג אין אים איז געווען
רויט, די הויט, דאָס פּנים, די אויגן וועלכע האָבן רויט און חיהש־טעמפּ
שיקלדיק אַרויסגעקוקט פון אונטער אַ געפּלאָנטער פון רויטע שטעכנ־
דיקע ברעמען. דער עיקר די באָרד. זי איז געווען אַ פלאַמיק־רויטע,
אַ בּייזע, אַ ווילדע און שטעכנדיקע און זי האָט ממש אויסגעקוקט אים
אַרויסצוואַוואַקסן פון זיינע אינעווייניקייטן אַרוים ווי אַ ווילדער און פּלאַ־
מיקער בּוים אַזעלכער. זי, די באָרד, איז יעקל פּראַגנערן, האַסטיק אַראָפּ־
געפּלאָסן איבּער דעם האַלדז און איבּער דער גאָמבע און זיך פאַרענדיקט
אין דער לופטן מיט אַ הארטן קנויל. יעקל פּראַגנערס באָרד האָט פּשוט
געוועקט פּחד מיט איר חיהשער ווילדקייט. דערצו האָט ער געהאַט אַ
פּאָר גרויסע און משונהדיק אומגעלומפּערטע הענט, וואָס זענען געווען
רויטע און באַוואַקסן מיט אַ וואַלד פון רויטע שטעכנדיקע האָר. ממש
חיהשע הענט.
יעקל פּראַגנער האָט טאַקע געוואוינט ערגעץ אין אַ העק אין פּראַגע
צווישן גויאישע באַלעגאַלעס. ער האָט געהאַט אַ ביידל מיט היי, שטרוי

און האָבער וועלכע ער האָט פּאַרקויפט צו די גוים. אַ גאַנצן טאָג איז ער געשטאַנען אינעם ווינט, וואָס האָט אַריינגעבלאָזן דורך אַלע שפּאַ־רונעס פון זיין בּיידל און אין אייביקן ווישטן שטויב פון היי און פערדישע מאכלים. ווינטער האָט צו אים אַריינגעשנייט דורך די שפּאַרונעס, און יעקל פּראַגער איז געשטאַנען צווישן היי און צווישן גוים אַן איינגע־וויקלטער אין גראָבע וואָלענע טיכער. די רויטע חיהשע בּאָרד האָט זיך אים אַ צעפּלאַמטע און אַ שטעכנדיקע בּייז אַרויסגעריסן פון צווישן די וואָלענע טיכער, און זי איז געווען פייכט פון שניי. די גראָבּע רויטע נאָז איז אים געווען געשוואָלן פון קעלט, און אויך די רויטע חיהשע הענט זענען געווען אָנגעלאָפן פון דער מוראַדיקער ווינטערדיקער קעלט וואָס האָט געפיפן אין יעקל פּראַגערס בּיידל.

ווען יעקל פּראַגער איז געקומען קיין אַלעקסאַנדער, האָט ער זיך אויפן רויטן קאָפּ אָנגעטון אַ בּרייטן סאַמעטענעם קאַשקעט, און אויף די גרויסע אומגעלומפּערטע פיס — חסידישע ווייסע זאָקן. די רויטע שטעכנדיקע בּאָרד — וואָס האָט אויסגעקוקט אַרויסצוקריכן דורך זיין מויל פון זיינע אינעווייניקייטן — האָט זיך אַ האַרטע און אַ חיהשע און אַן אויסגעבּריטע אין דער מקווה, צעליינט איבּערן ווייסן העמד און אי־בּער דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע. אפילו דאָן אין רבּישן אַלעקסאַנדער צווישן אַלערליי יידן אין בּוגם טיי־מאַכערס שטריימלעך, האָט יעקל פּראַ־גער אויסגענומען מיט זיין רויער אויסטערלישקייט. דער רויטער וואַלד־מענטש איז נישט אָראָפּגעקראָכן פון זיין פּיזיאָנאָמיע. יעקל פּראַגער האָט אויך אין אַלעקסאַנדערער בּית־המדרש געשמעקט מיט דעם היי פון זיין בּיידל, און זיינע רויטע הענט זענען געווען אָנגעשוואָלן פון די פּראַ־גער ווינטן און קעלטן. ער איז געווען אַ שתקן, דער הויכער רויטער ייד, און אויך אַלעמען געקוקט מיט אַ פּאָר שיקלדיקע פּאַרלאָפענע אויגן.

אָבער ווען יעקל פּראַגער האָט געעפנט זיין מויל — וואָס האָט אומ־היימלעך אַרויסגעקוקט פון צווישן זיין רויטער בּאָרד און וואָנצעס — האָט זיך אויסגעדוכט, ווי עפּעס אַ שטילער, איידעלער און גאָלדענער גלאָס האָט וואונדערלעך זיס און וואונדערלעך צאַרט אַרויסגעקלונגען פון זיינע אינעווייניקייטן. עס האָט זיך פּשוט נישט געקאָנט פאַרשטעלן דער

צוזאמענהאנג צווישן דעם שטילן גאָלדענעם קול מיט דעם רויטן אומגע־לומפּערטן חיהשן גוף.

יענקל פּראַגערס קול איז געווען אַ דערוואַרטונג פאַר אַלע די פּאַרשי־דענע יידן, וואָס זענען אַהערגעקומען קיין אַלעקסאַנדער. ראש־השנה בייגאַכט. דאָס בית־המדרש און דער בוידעם איבערן בית־המדרש זע־נען געווען פול אָנגעפּאַקט מיט יידן, ניט אַ שפּילקע אַריינצוואַרפן. אויך די פינצטערנישן אויפן הויף אַרום בית־המדרש, — פינצטערנישן לייכט־באַלויכטענע פון דער לאָמטער אויפן קלאָץ, די לאָמטער וואָס מ'האָט אָנגעצונדן בלויז אין ימים־נוראים — זענען געווען אָנגעפּאַקטע מיט יידן. פון די אָפענע בית־המדרש־פענצטער האָט אַרויסגעשלאָגן אַ היץ פון צוזאַמענגעפּרעסטע מענטשן־לייבער און פון די פילע ליכט און לאָמפּן וואָס האָבן געברענט אין בית־המדרש און אויפן בוידעם. אַלע חסידים האָבן געוואַרט ווען מען וועט זאָגן אַז „ער זאָל לעבן", דער רבי הייסט עס, איז שוין דאָ אין בית־המדרש און מ'וועט אָנהויבן דאָס ראש־השנהדיקע דאַווענען. טיף אָבער אין זייערע הערצער האָבן דאָ די טויזנ־טער יידן געוואַרט אויף דעם אומרואיקן און גאָלדיק־זיסן מתיקות, וואָס ס'וועט זיך אַריינגיסן אין זייערע נשמות בעת ווען פון די אָפענע פענצ־טער וועט זיך דערהערן דאָס שטילע און צוגלייך שאַליקע גאָלד־געזאַנג פון יעקל פּראַגער. עפּעס ווי אַ מלאך פון גן־עדן וואָלט זיך צעזונגען אינמיטן דעם עולם פון אין דאַווענען צעברומטע יידן. אַלע זענען שטיל געוואָרן, ווען יעקל פּראַגער האָט געזונגען אָדער געזאָגט די אַלטע נוסחאות פון יום־נוראימדיקן דאַווענען. אַזויפיל גיגנאָלדענע גליקזעליקייט! עס האָט אויסגעקוקט אַז אין יעקל פּראַגערס קול שמעקן די זוניקע לאַנד־שאַפטן פון אַ ירושלים של מעלה.

עס האָט זיך עפּעס קיינעם נישט געגלייבט אַז דאָס איידעלע וואונ־דערלעכע קול קומט אַרויס פון רויטן חיהשן גוף. אָבער די, וואָס זענען געשטאַנען ביים עמוד און אַרונטערגעקוקט אונטערן פאַרהילטן טלית פון יעקל פּראַגער האָבן געזען ווי ביים זינגען איז זיין פּנים געוואָרן נאָך וואַלדיקער און מגושמדיקער. דער האַלדז, וואָס האָט זיך אָפּערגעהויבן פונעם ווייסן צעקנעפּלטן העמד, איז געווען אַרומגענומען מיט דיקע אויפגעבלאָזענע בלויע אָדערן גלייך ווי אַ זאַפטיקער בוים וואָלט אַרויס־

געוואַקסן פון יעקל פּראַגערס אינגעווייניקייטן און מיט זיינע צווייגן אים אַרומגענומען דעם האַלדז. אויך דאָס פּנים איז אים אַנגעשוואָלן געוואָרן מיט אָדערן. די רויטע באָרד איז אים נאָך געווען פון שווייס ווי זי וואָלט געווען פאַרעננט. די אויגן האָבן רויטע אָפּערגעשיקלט פון אונטערן טלית, און די ליפּן האָבן ביי אים פיבערדיק געציטערט ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פונאַנדעררייסן.

און פון אינעווייניק האָט געקלונגען דער גלאָק פון גן־עדן.

איך מוז צוגעבן: שפּעטער אין מיין לעבן האָב איך געהערט די גרעסטע און באַרימטסטע וועלט־זינגער. איך האָב זיי געהערט אויף די בינעס פון דער אָפּערע און אויף קאָנצערטן. ווען עס האָבן געזונגען די וועלט־באַרימטע טענאָרן, האָב איך תמיד פאַרגליכן זייערע שטימען מיט דעם קול פון יעקל פּראַגער, און ס׳האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז עס זענען בלויז בלאַסע שאָטנס פון זיין קול.

# קאַפּיטל אַכט

דריי „יושבים". זעליק פּשיטיקער אַן איבערבלייבעניש פון גאָר פאַר־
צייטנס. „כ'האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ ווייב און אַ חופּה־נאַכט". משה
חיימל וואורקער. ישראל יצחקל פּאַרטשינער. ישראל יצחקל און דער
קאַצקער. נאָר אַ גלעזעלע בראָנפן לעשט אים דעם אייביקן בעס.

אין אַלעקסאַנדער זענען געווען דריי אַלטע יידן „יושבים". זיי
זענען געווען רעקוויזיטן פון אַלטע וואורקער ציימן, זענען געזעסן אַ גאַנץ
יאָר ביים רבין, און אַלע האָבן זיי געקאַנט און דערציילט פון זיי פאַרשיי־
דענע מעשיות. עס זיינען געווען דריי פאַרשידענע טיפּן פון פּאַרצייטישע
חסידים זקנים. און איך וועל מיך אָפּשטעלן אויף איטלעכן פון זיי באַ־
זונדער.

זעליקל פּשיטיקער איז געווען אַ ייד הויך אין די ניינציקער. צו זאָגן
אַז דער דאָזיקער זקן האָט נאָך געהאַט אַ פיזיאָנאָמיע פון אַ לעבעדיקן
מענטש, איז שווער. ער איז געווען דער אַרומגייענדיקער טויט און דער
אַרומגייענדיקער משל פון מענטשלעכער פאַרגענגלעכקייט און מענטשן־
סוף. ער איז געקראָכן איינגעבויגן אין דרייען ווי אַן אויסגעטריקנט
וואַנדערנדיק געוויקס. דאָס פּנים קליין, און איינגעטריקנט און טויט־
געל. אָבער דאָס געלקייט איז געווען באַהויכט מיט אַן אומהיימלעכער
רויטקייט, ווי די רויטקייט פון עפּעס אַ בושה. פון די איינגעפאַלענע
באַקן איז אים אַרויסגעהאַנגען עפּעס ווי אַ באָרד, ניכער ווי אַ בינטל גרין
פאַרטריקנט גראָז. וואָרעם אויך דאָס גרויקייט פון די האָר איז אָפּגעשאָסן
געוואָרן דורך די לאַנגע יאָרן און עס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פאַר־
בלאָזן גרין. נאָר דאָס שרעקלעכסטע ביי זעליקל פּשיטיקער זענען געווען
זיינע אויגן. עס זענען געווען קליינע פאַרשלייִמטע און מיט אויסגע־
טריקנטע בלוט־אָדערלעך פאַרצויגענע אויגן. זיי זענען געלעגן טיף אין
זייערע לעכער ווי אין קברים און האָבן אויסגעקוקט מער נאַרניש צו זען.

ווען זעליקל פשיטיקער האָט זיי אַמאָל אַפּערגעהויבן און עמעצן אָנגעקוקט האָט זיך אויסגעדוכט ווי דער טרויער פון אַלע פאַרגענגלעכקייטן נעמט אייך אַרום מיט זיין גרויליקן בליק. כדי נישט צו דאַרפן אָנקומען צו מענטשן האָט זעליקל פשיטיקער געהאַנדלט מיט ציצית, און די בינטלעך ציצית אין זיינע קליינע טרוקענע אויסגעדאַרטע הענט האָבן אים צו־געגעבן פון „יענע־וועלטישער" פרומקייט און פון תכריכים. געוויינטלעך האָבן אַלע געקויפט ביי זעליקלען ציצית. אפילו דער רבי אַליין האָט זיינע גרויסע און לאַנגע ציצית געקויפט ביי זעליקל פשיטיקער. אַזוי איז זע־ליקל געווען אַ שווייגער, וואָרעם אויך דאָס קול איז אים אַלט געוואָרן אינעם עטלעכע און זיינציק יאָריקן גוף און עס האָט פאַרלוירן אַלע זאַפטן. זעליקל האָט שטיל און שוואַך געפּישטשעט ווי אַ קראַנקער פויגל. נאָר עס פלעגט זיך טרעפן ווען זעליקל איז פּלוצעם צוגעגאַנגען צו אַ האַפּערדיקן חסידישן יונגנמאַן, אַ יונגנמאַן נאָך דער חתונה, דאָס העמד און די אַטלאַסענע קאַפּאָטע האָבן נאָך ניי געבלאַנקט פון דעם אויס־שטייער און אויף דעם יונגן פּנים איז נאָך געלעגן דאָס גליק און דאָס נישט־אויסגעשלאָפנקייט פון דער חופּה־נאַכט. זעליקל איז צו אַזאַ מין יונגנמאַן צוגעגאַנגען מיטן בינטל ציצית אין די אויסגעקרימטע הענט, האָט אַ הויב געטון צו אים זיינע אַלטע רויט־פאַרשליימטע אויגן, האָט אַ קוק געטון אויף אים און אַ גרויליקער „יענע־וועלטישער" שמייכל האָט זיך אויסגעגאָסן אויף דער טויטער געלקייט פון זעליקלס זקנישן פּנימל. זעליקל האָט שטיל און איראָניש אַ זאָג געטון:

— איך בין אויך אַמאָל יונג געווען, יונגערמאַן; כ'האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ נייע אַטלעסענע קאַפּאָטע, און איך האָב אויך אַמאָל געהאַט אַ ווייב און אַ חופּה־נאַכט...

זעליקל האָט נאָך לאַנג געקוקט אויפן יונגנמאַן.

נאָר אין זעליקלען האָט דוכט זיך אָנגעהויבן עפּעס ווי אויפצובליען ווען ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים אויוון. אַן עולם חסידים האָט זיך געבן אים אַנידערגעזעצט, און זעליקל האָט אָנגעהויבן צו דערציילן פון רבי ר' בונם.

דער רבי ר' בונם פון פשיסכע האָט אין אַלעמענס אויערן געקלונגען ווי אַ מיטישע פיגור פון פוילישן חסידות. ווען אים האָט זעליקל גע־

רעדט ווי וועגן א לעבעדיקן מענטש ווען זעליקלס אוינן האבן בחוש געזען. פון זעליקלס מעשיות האט געשמעקט מיט לעבעדיק-געווארענעם גרויען פארצייטנס. וועגן אלע גרויסע געשטארבענע רביים, ווי דער קאצקער און דער אלטער װאורקער, האט זעליקל דערציילט ווי ער האט זיי געזען אלס פשוטע חסידים אין פשיסכע און ער האט צוזאמען מיט זיי געטרונקען בראנפן און צוזאמען „שלום געגומען״ ביים פשיסכער. זעליקל האט זיך באמיט נאכצומאכן דעם פשיסכערס אופן רעדן און ער האט דערביי געדעדט אן אלטן פארצייטישן יידיש, וועלכן קיינער האט שוין כמעט היינט נישט פארשטאנען. עס איז אלצדינג געווען אזוי פרעמדלעך וואס זעליקל האט פישטשעגדיק דערציילט, אז עס האט זיך ממש אויסגעדוכט אז די צייט האט זיך איבערגעקערט די קאפאטע און זי נעמט זיך אויף צוריק. חסידים האבן געשאקלט מיט די קעפ און זעליקל האט געשאקלט מיט די בינטלעך ציצית אין זיינע אויסגעדרייטע הענט און פלוצעם אינמיטן דערציילן אנטשלאפן געווארן פון גרויס זקנה.

דער צווייטער „יושב״ אין אלעקסאנדער איז געווען משה חיימל װאורקער.

אויפן קוק האט משה חיימל אויסגעזען ווי א זקן וואס האט שוין פארלוירן יעדן דעת. ער האט נישט מער געוואוסט ווי צו נעמען ביי חסידים א „צענערל״ (פינף קאפיקעס) און די אכילה. מיט דער עלטער איז אים געוואקסן דער אפעטיט און אננעגומען א חיהשע נישט-דערזעט-לעבקייט. משה חיימל איז מחמת זקנה אראפגעוואקסן, ער איז געווארן קלענער און קלענער, אבער דערפאר איז ער געוואקסן אין דער דיק און ער האט זיך ארומגעדרייט צווישן עולם ווי א קיילעכדיק פעסל. אלצ-דינג אין אים איז דיקער געווארן און זיך אויפגעבלאזן אין א צעלאזענער פעטקייט, אחוץ דאס זקנישע קעפל וואס איז אים, דוכט זיך, גאר געווארן קלענער און איינגעשרומפענער און איז אים געזעסן אויפן אויפגעבלאזע-נעם קיילעכדיקן גוף ווי א מין פראפן. דער פראפן-קאפ איז געווען אנ-געטון אין א גרויסן אפגעשאסענעם פארצייטישן חסידישן קאשקעט. מע האט דערציילט אז אין װאורקע איז משה חיימל געווען א ווילדער הוליאקע, א טענצער און האט געמאכט פרומע און פריילעכע חסידישע גראמען, נאר אין די צייטן פון די „גרויסע שלאפקייטן״ איז משה חיימל קראנק

געוואָרן אויף דער כּאַליערע און דאָס האָט בײַ אים צוגענומען דעם דעת. אָבער עס האָט זיך עפּעס נישט צוגעגלויבט אַז משה חימל איז אַמאָל אין וואורקע געוועזן אַ גראַמער. פון דעם אַלעם איז אויף אים ניט געבליבן קיין שפור. אַז משה חימל האָט נישט געגעסן, פלעגט ער אָפּט אַנט־שלאָפן ווערן שטייענדיקערהייט. דאָס ווינציקע קעפּל האָט זיך אים דערבײַ פאַרבויגן אין אַ זײַט און האָט זיך פישטשענדיק צעשנאָרכט. משה חימל פלעגט אַנטשלאָפן ווערן אין גרעסטן געשטופעניש, און ס'האָט אים גאָרנישט געאַרט אַז ער ווערט געוואָרפן אַהין און צוריק. ער איז געשלאָפן. וואו משה חימל האָט געוואוינט אין אַלעקסאַנדער האָט קיינער נישט געוואוסט, מחמת ער האָט נישט באַדאַרפט קיין שום מקום אויף צו שלאָפן. זײַן איינגעגער פעסלדיקער גוף איז געווען אי אַן אכסניה, אי אַ געלעגער וואו משה חימלס קעפּל האָט זיך געקאָנט אויסשלאָפן מיט דער גרעסטער מתיקות.

דער דריטער פון די „יושבים" האָט געהייסן ישראל יצחקל טאַר־טשינער.

אין היפּוך צו די אויבנדערמאָנטע „יושבים" האָט די זקנה ישראל יצחקלען גאָרנישט אָפּגעשוואַכט. זי האָט געבליט אויף זײַנע בעקעלעך מיט אַ האַרטנעקיקער יוגנטלעכקייט. און עס האָט אויסגעקוקט, אַז וואָס עלטער ער ווערט, לעבט ער איבער, ישראל יצחקל, אַ נײַע און צווייטע יוגנט. ער האָט אַ האָפערדיקער געטענצלט, נעקראָכן איבער מישן, גע־קנײַפּט ייִנגלעך מיט אַ מאָדנעם פאַרגעניגן און דערבײַ אַרויסגעשטעקט דאָס עקל פון אַ רויט און געזונט צינגעלע, געטריבן לײַדיקגייערישע בחורים צו דער גמרא און ליב געהאַט מיט יונגעלײַט צו שמועסן װעגן װײַבערישע זאַכן. קיין גרויסער למדן איז ער ניט געווען, אָבער פון די וואורקער צײַטן איז אים פאַרבליבן אַ שוואַכקייט צום ביטערן טראָפּן. ער האָט בײַ זיך תמיד אַרומגעטראָגן אַ פלעשעלע מיט בראָנפן, צו וועלכן ער האָט סײַנעם זיך ניט געלאָזט צורירן. אין אַלעקסאַנדער האָט ער געוואוינט בײַ אַ בעקער, געשלאָפן אויפן וואַרעמען פּיעקעליק און גאַנץ באַנינען, ווען עס איז נאָך געווען פינצטער, זיך מקדים געווען צו עסן די ערשטע און די וואַרעמע בייגל. פון זקנה איז אים פאַרבליבן נאָר דאָס, וואָס בײַ דער מינדסטער קלייניקייט איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ

ווילדן פּעס. די בעקלעך זענען אים אין פּעס נאָך רויטער געוואָרן. עס האָט אינעווייניק אין אים געקאָכט ווי אין אַ קעסל, און טאָמער איז אים אַ יינגל פּונקט דאַן געקומען אונטער דער האַנט, האָט ער אים אַזאַ שאַרפן קניפּ געטון אַז דאָס יינגל האָט אויפגעקוויטשעט פון ווייטיק. נאָר אַ לעק צום פלעשל מיט משקה האָט אים איינגעשטילט דעם פּעס.

אויך פון ישראל יצחקלען האָט מען דערציילט אַז אַמאָל אין שטעטל טאַרטשין האָבן אַלע פרעמדע חסידים פאַר אים געציטערט. ער האָט נערודפט אַלע רבנים און אַלע שוחטים און האָט געקערט וועלטן, נאָר די הויפּט־גלאַניז־מעשה פון ישראל יצחקלס שקאַציש יונגט האָט ישראל יצחק אַליין דערציילט. ער פלעגט דערביי באַזונדערס אַ לעק טון פון דעם פלעשל מיטן ביטערן טראָפּן, האָט זיך אויסגעביכיקעט מיט אַ שקאָציש געלעכטערל, די קליינע אויגעלעך האָבן זיך אים פונאַנדערגעגלאַנצט און ער האָט דערציילט פון זיין האַפּערדדיקן צוזאַמענשטויס מיטן סאַמע קאַצקער.

די מעשה איז געווען אַזוי:

דער „יונגער וואָרקער" פלעגט איין מאָל אין יאָר אויף אַ שבת פאָרן קיין קאָצק. עס איז מיט אים מיטגעפאָרן אַ גרויסער עולם וואָרקער חסידים. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער „יונגער רבי" איז געקומען קיין קאָצק אַלס נוטער־ייד, פונדעסטוועגן האָט ער זיך דאָרט אויפגעפירט באַגלייך מיט אַלע קאָצקער חסידים און פּריוויטיק־צונאָכטס איז ער מיט אַלע חסידים געשטאַנען אין דער ריי „שלום צו נעמען" ביים קאָצקער. בלויז ביי זיך אויף דער אכסניה האָט ער זיך נוהג געווען ווי אַ „רבי" און „געפירט טיש" מיטן וואָרקער עולם. די וואָרקער חסידים וואָס זענען מיטגעקומען מיטן „יונגן רבין" פלעגן אויך אַריינגיין צום קאָצקער אויף „שלום נעמען" און אויף „זיך געזעגענען". איין מאָל איז ישראל יצחקל טאַרטשינער געווען צווישן דעם וואָרקער עולם וואָס איז מיטגעקומען מיטן „יונגן רבין". לויטן מנהג איז ער פאָרן אוועקפאָרן אַריינגעגאַנגען צום קאָצקער זיך געזעגענען. פּלוצעם האָט דער קאָצקער אַ הויב אויף געטון צו אים זיינע שאַרפע טיף־באַברעמטע אויגן און אים — ישראל יצחקלען — אַ זעלטענער פאַל — אַ פרעג געטון ווי ער

הייסט מיט דער מוטערס נאָמען, ד"ה ער האָט אים אויפגעפאָדערט זיך „מזכיר צו זיין" פאַר אים, פאַרן קאַצקער.

— איך „פאַר" קיין וואורקע, האָט זיך ישראל יצחק דערדרייסט האָפּערדיק צו ענטפערן דעם פאַרבצומען קאַצקער און אים שקאַציש גע־נעבן אָנצוהערן אַז „מזכיר זיין" טוט ער זיך נאָר פאַרן וואורקער רבין.

— ביסט אַ שגץ, — האָט אים דער קאַצקער אַ צופרידענער גע־ענטפערט. דער קאַצקער האָט טיילמאָל ליב געהאַט שאַרפע מענטשן וואָס ברעכן זיך נישט אונטער זיין אימה.

דעם ראָזיקן אינצידענט מיטן סאַמע קאַצקער האָט ישראל יצחקל געהאַלטן פאַרן העכסטן פּונקט פון זיין לעבן. און ער האָט עס נישט אויפגעהערט צו דערציילן, און דערביי האָבן זיך אים די פּולע בעקעלעך צעבליט אין פאַרשייטער יונגטלעכער רויטקייט.

שבת און יום־טוב ביי די רבישע „טישן" ווען די דריי זקנים געזעסן צוזאַמען אין סאַמע עק פון טיש. זעליקל פּשיטיקער איז געזעסן אין אַ פּראָסטער קאַפּאָטע, אין אַ מין באַלאַטל אָזעלכן, און אין אַן אַלט־פאַרצייטיש שבת־מיצל. ער האָט אַלעמאָל אַפּערגעהויבן זיינע רויטע פאַרשלייטע אויגן און מיט זיינע אויסגעדרייטע הענטלעך קוים אָפּגע־צופּט פון אַ שטיקל חלה. משה חיימל וואורקער האָט בין שיכל לשיכל פאַרבויגן דאָס קעפּעלע אין אַ זייט, און געשמאַק געשלאָפן אינמיטן דעם רבישן „טיש". בלויז ישראל יצחקל טאַרטשינער האָט געוויזן זיינע אַפּעטיטן. ער האָט געגעסן מיט פולע באַקן און ווען קיינער האָט נישט געזען האָט ער פאַרבלאָנדזשעט מיט אַ לעפל אין די טעלער פון זיינע שכנים. דערביי האָט אינעווייניק אין אים געקאָכט דער אייביקער כעס, וועלכן ער האָט אַלעמאָל געלאָשן מיט אַ גלעזעלע בראָנפן.

# קאַפּיטל נײַן

שאַטענעס אין אַלעקסאַנדער. יונגעלייט ווילן זיך ראַטעווען. שמחת־תורה אין שטעטל. יידן הוליען אין די גאַסן. די טונקלקייטן פון די ארון־קודש'ס זענען באַלויכטן מיט וואַקסענע ליכט. ווייבער ביי די טירן פון דער שול. הקפות. די ספרי־תורות טאַנצן מיט יידן. אויף טיש און אויף בענק אין רבישן בית־המדרש. דער רבי טאַנצט. די רבישע „מיליטער־קאָמיסיע". „ניע גאַדיען."

אויף ימים־נוראים זענען זיך צונויפגעפאָרן קיין אַלעקסאַנדער אַלע יונגעלייט, אַלעקסאַנדרער חסידים, וואָס האָבן זיך „געפּייניקט" צום פּריזיוו. זיי זענען געקומען פון אַלע עקן פּוילן און פון אַלערליי שטעט און שטעטלעך. זיי זענען געקומען שוין אויסגעפּייניקטע, בלאַסע און שאַטנהאַפטיקע. ביי טייל פון זיי איז ממש געלעגן דער טויט אויף די ליפּן. זיי האָבן קיין אַלעקסאַנדער מיטגעבראַכט אַלע פלעשלעך און טעפּלעך מיט ביטערע קרייטעכצער און דאָ ממשיך געווען דאָס „פּייניקן". דער פּריזיוו אין פּוילן האָט זיך ערשט אָנגעהויבן נאָך סוכּות־צייט, און די שווערד פון די נוים האָט זיך וואָס אַמאָל נידעריקער אַראָפּגעלאָזט איבער די קעפּ פון יידישע זין.

אין אַלעקסאַנדער האָבן זיי געוואָלט אויספּועלן ביים רבין מיט „הזכרות" דאָס, וואָס דער זינדיקער גוף האָט שוין מער נישט געהאַט קיין כּוח צו באַווייזן. הגם צווישן די „געפּייניקטע" זענען געווען יונגעלייט וואָס האָבן, דוכט זיך, געקאָנט זיכער זיין אַז זיי טויגן נישט פאַר קיין זעלנער. אַנדערע האָבן מער נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס, קוים געכאַפּט אָטעם און געפאָכעט מיט דער נשמה. מע האָט זיך געוואַלגערט אין די אכסניהס. פינפערווייז איז מען געשלאָפן אין די בעטן פון נטען און בונם טיי־מאַכער. אַנדערע האָבן זיך געוואַלגערט אין רבישן בית־המדרש און וויפל די אויסגעלאָשענע אויגן האָבן נאָך נעסטאַיעט איז מען צוזאַמען וואָך געווען אין די תשרידיקע נעכט. אַלע האָבן אויף

זיי געקוקט מיט אַפּשיי: נעבעך, טייערע חסידישע יונגעלייט וואָס קאָנען — קיין בייז מויל זאָל עס נישט אויסרעדן — אַריינפּאַלן אין גוישע הענט און צום קעסל מיט טרפות. וויפל בני־תורה, לומדים און שאַרפע חסידים געפינען זיך צווישן די צוקינפטיקע זעלנער! ווי איז מיר. זייערע טעפּלעך מיט קרייטעכצער האָבן זיך מיוחסדיקע געקאָכט אויף די קיכן צווישן די גרויסע טשייניקעס מיט טיי און פאַרשפּרייט אויף די חסידישע אכסניהס דעם וויסטן ריח פון חלשות. נאָר יידן האָבן עס פאַרנומען באהבה. אויך די מוידן פון נטען און בונמס אַלטע בונרת האָבן די טעפּלעך נישט אָנגערירט. יונגעלייט ווילן זיך ראַטעווען! אַלע האָבן זיך צו זיי באַצויגן מיט פּיעטעט, אָפּגעטרעטן פּלאַץ אויף אַ באַנק אינמיטן דעם גרויסן שטופּעניש פון ימים־נוראימדיקן דאַווענען. אפילו די טירן צום רבין זענען כמעט ווי אָפן געווען פאַר די דאָזיקע יונגע־לייט. די חוצפהדיקסטע משמשים האָבן פאַר זיי נישט פאַרהאַקט די טירן און געוואָרן שטיל בעת זיי האָבן אָנגעקוקט די האַלב־טויטע „פּרי־זיוניקעס". מע האָט טאַקע נישט געזשאַלעוועט קיין „הזכּרות". די יונגעלייט האָבן אַרומגערינגלט דעם רבין, מיט צעשראָקענע אויגן אים אַריינגעפּליסטערט אין די אויערן זייערע נעמען און די נעמען פון זייערע מאַמעס. דער רבי האָט אויפגעהויבן זיינע קלוגע און שאַרפע אויגן און זיי אָנגעקוקט, און נעבעך שווער און ביטער אָפּגעזיפצט.

דעם רבינס זיפצן האָבן די יונגעלייט נאָך מער דערשראָקן, וואָרעם זיי האָבן געזען בחוש אַז מע דאַרף רחמים, און דער רבי האָט נישט קיין לייכטע אַרבעט אין די הימלען ווען סע קומט פּריזיוו־צייט.

דער קולמינאַציע־פּונקט מיט די פּריזיוניקעס איז געווען שמחת־תורה. די טעג פון „פּריזיוו" האָבן זיך דערנענטערט און דערנענטערט. באַלד וועט זיך אָנהויבן די גרויסע „שחיטה" אויף יידישע קינדער.

דערווייל האָט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק אין שטעטל אַלעקסאַנדער. אין אַלע חסידים־שטיבלעך און אין דער שול האָט זיך געטון אַ געטאַנצעריי מיט די ספרי־תורות ביי הקפות. אויך אַלטע ספרי־תורות — ספרי־תורות אין וועלכע מען האָט שוין מער נישט „געלייענט", נייערט זיי זענען ווי שוויינגדיקע חשובע זקנים אין צעריסענע מענטעלעך אַ גאַנץ יאָר געשטאַנען אין די טונקלקייטן פון אָרון־קודש — האָבן יידן

ארויסגענומען און ארומגעטראָגן אין די באַלויכטענע ליכטיקייטן פון דער שול. יידן האָבן געטאַנצט מיט ספרי־תורות ארום דעם באַלעמער. עס האָט אויסגעקוקט גלייך ווי די הייליקייטן — אין דעם עניוותדיקן און פרומען עשרות פון זייערע מענטעלעך — ווערן לעבעדיק אין יידישע הענט, און פרייען זיך מיט, און טאַנצן מיט מיט יידן אינעם פריילעכן שמחת־תורה. די אָרון־קודשס אין די „שטיבלעך" און אין דער שול זענען געשטאַנען אויפגעפּראַלטע ווי די שכינה וואָלט א היימישע פון דאָרט ארויסגעקוקט. איבעווייניק אין די אָרון־קודשס האָבן גאָלדיק געברענט וואַקסענע ליכט און מיט א פרומער זיסקייט באַלויכטן די הייליקע טונקלקייטן, פון וואַנען עס האָט ארויסגעשלאָגן דער ריח פון אַלטע פאַרמעטן. א שמחה האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף יידן ווען זיי האָבן געטאַנצט מיט דער תורה. יינגלעך האָבן מיטגעטאַנצט מיט שמחת־תורה־פענדלעך אויף וועלכע עס זענען אויפגעמאָלט געווען משה און אהרן. אין די ענגשאַפטן פון די שול־טירן זענען געשטאַנען ווייבער צו זען ווי די הייליקייטן טאַנצן מיט מיט יידן. אַלע האָבן זיך געשטופּט צו קושן די ספרי־תורות און איינצואָטעמען אין זיך זייערע אַלטע לומדישע ריחות.

אויך אין רבינס בית־המדרש אין אַלעקסאַנדער האָבן חסידים געטאַנצט מיט הקפות און אויף טיש און אויף בענק. יעקל פּראַגער האָט געזאָגט „אתה הראית" און אַלע האָבן געפילט האָניק אין זייערע הערצער פון גרוים מתיקות. די רבישע ספרי־תורות זענען געווען גרויסע און בייכיקע און אויסגעפּוצט אין סאַמעט און אין זילבער ווי חשובע רביצינס. ווען מען האָט מיט זיי געטאַנצט האָבן זיי געקלונגען מיט די זילבערנע גלעקלעך אין זייערע „כתרים" ווי זיי וואָלטן געוואָלט מיטזינגען בעתן טאַנצן באַגלייך מיט די צעהוליעטע חסידים. ווען דער רבי האָט גענומען זיין הקפה און ער האָט זיין קאָפּ צוגעשטעקט צו דער ספר־תורה און זי געקושט, האָבן זיך רעדלעך חסידים ארומגענומען ארום דעם רבין און פאַרגאַנגען אין אַלטע וואָורקער חסידישע טעניז. יעקל פּראַגער האָט מיטגעטאַנצט און געזונגען, און זיין קול האָט זיך איבער אַלעמענס קעפּ געגאָסן ווי ריינער גינגאָלד. אויך די פּריזיוואָניקעס, הגם זיי זענען שוין קוים געווען בכּוח צו שטיין אויף די פיס, האָבן זיך אויך דערשראָקענע און אויסגעבלייכטע ארומגענומען פאַר די הענט און זיך געשלעפּט

אין אַ ראָד בעת דער רבי האָט געטאַנצט מיט דער הקפה. צוזאַמען מיט די פּריזיוויקעס האָבן מיטגעטאַנצט די דריי זקנים, זעליקל פּשיטיקער, משה חיימל וואָרקער און ישראל יצחקל טאַרטשינער.

שמחת־תורה נאָך מיטאָג האָבן אינמיטן אַלעקסאַנדערער געסלעך געטאַנצט ייִדן. חברה־קדישא־לייט זענען שיכּורע געלעגן אין די סוכּות־דיקע בלאָטעס. אַלעקסאַנדערער גוים האָבן מיט פֿרעמדלעכן דרך־ארץ צוגעקוקט ווי ייִדן האָבן זיך אַמאָל באַבוסעט און טאַנצן אין די גאַסן. אויך דער קהלישער באָק האָט זיך אַ יום־טובדיקער געדרייט אין די גאַסן און געקייט „שמות".

ווען די גרויסע שמחת־תורהדיקע פֿרייד האָט דערגרייכט אירע העכ־סטע מדרגות, האָט מען נישט פֿאַרגעסן יענע ייִדישע יונגעלייט איבער וועמענס העלדזער עס הענגט די ביטערע שווערד פֿון די גוים, געמיינט, די פּריזיוויקעס וואָס זענען געקומען פֿון אַלע עקן פּוילן אויסבעטן הילף ביים אַלעקסאַנדערער רבין. אויבנאָן ביים טיש אין דעם רבינס בית־המדרש איז געזעסן דער רבי אין שוואַרצן שבתדיקן שטריימל און אין דער זיידענער קאַפּאָטע מיט סאַמעטענע סטראָקעס. אין דער זייט ביי אים האָט מען אוועקגעזעצט די דריי זקנים, זעליקל פּשיטיקער, משה חיימל וואָרקער און ישראל יצחקל טאַרטשינער. עס האָט געהייסן די מיקלאָמפּערשטע פּריזיוו־קאָמיסיע, וואָס וועט אַרויסגעבן איבער די חסי־דישע פּריזיוויקעס דעם לעצטן פּסק. די אויסגעפּייניקטע און אויסגע־בלייכטע יונגעלייט האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער שורה און אָנגעהויבן אַדורכצוגיין פֿאַר דער קאָמיסיע פֿונעם רבין מיט די זקנים. דער עולם חסידים האָט זיך געשטופּט צו קוקן און ס'האָט געהערשט אַן אומהיימלעך שווייגעניש, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז אויבן אין הימל וועט מען זיך דורכאויס רעכענען נאָר מיט דער דאָזיקער רבישער קאָמיסיע אין שמחת־תורה. אויך אויף די פּריזיוויקעס האָט די הויט געציטערט פֿון אימה, מחמת אַלע האָבן געוואוסט אַז דאָס איז דער לעצטער און ענדגילטיקער פּסק. דער רבי האָט אויסגעהויבן זיין קאָפּ און אַ קוק געטון אויף די יונגע חסידים וואָס שטייען פֿאַר דער שחיטה. טרערן האָבן זיך אים גענאָסן פֿון די אויגן. דער אַלעקסאַנדערער רבי איז בכלל געווען אַ גרויסער בעל־בכי. די פֿאַרביימאַרשירנדיקע יונגעלייט האָבן זיך באַ־

מיט אויפצוכאַפּן דעם רבינס בליקן כּדי צו וויסן ווי עס האַלט מיט זיי. צעשראָקענע, האָט איטלעכער באַזונדער צוגעפּליסטערט צום וויינענדיקן רבין זיין נאָמען און דעם נאָמען פון זיין מאַמען. זעליקל פּשיטיקער האָט אויפגעהויבן זיינע אַלטע רויט־פאַרשלייסטע אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין די קאַנטאָניסטן. משה חיימל וואורקער איז געשמאַק געשלאָפן. אין ישראל יצחקל טאַרטשינער האָט געקאָכט דער כּעס ווי אַ קעסל. די בעקלעך האָבן אים געבליט מיט אַ פאַרשייטער יונגנטלעכקייט. צו איטלעכן יונגנמאַן באַזונדער פון די פּריזיוונקיעס האָט ער אַ געשריי געטון מיט זיין חוצפּהדיק שאַרף קולעכל. ער האָט אַ געשריי־געטון אויף רוסיש : „ניע נאַדיען".

# קאַפּיטל צען

משה גזשיוואַטש און די קראַנקע ריוועטשע. עראָס. חיים טוביה. נדרים מיט ר״ן. שאַרפקייט. חיים טוביהס חדר. די רביצין רבקהלע. ווי אַזוי די פּעטש פליען אַרויס פון חיים טוביהס הענטעלעך. צונעמעניש.

איך בין געוואָרן עטלעכע יאָר עלטער און מיר האָבן זיך שוין געהאָט צו ביסלעך איינגעבירגערט אין לאָדזש. אחוץ דלוטאָוו און לאַגעווניקי האָט דער זיידע ברוך אויך אָנגעהויבן צו קויפן אנדערע וועלדער ארום לאָדזש. עטלעכע פון זיידנס משפּחה אין אָסמולסק האָבן זיך אויך אָנגעהויבן אריבערצוציען קיין לאָדזש. מע האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אין אָסמולסק פון די גליקן, וואָס וואַלגערן זיך אין די לאָדזשער גאַסן און ווי אַזוי יידן ווערן דאָרט איבער נאַכט נתעשר. עס האָט געלאָקט. צו אונדז אין די „הויזן״ אריין האָט זיך אריינגעצויגן דעם פעטער אברהמקעס עלטסטער זון משה גזשיוואַטש. ער איז געקומען מיט דריי מיידלעך, מיט אַ זון און מיט אַ קראַנק ווייב, וואָס האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן און איז כּסדר געלעגן צו בעט. משה גזשיוואַטש האָט זיך אין די „הויזן״ פאַרלייגט אַ „בשם געוועלבל״ און אַלע פרייטיק צו נאַכטס פלעגט ער צו אונדז אַרויפקומען נאָכן שבתדיקן עסן. אַז מ׳האָט אים געפרעגט וואָס ריוועטשע (זיין ווייב) מאַכט, האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און דערביי נישט אויפגעהערט צו עסן פון דעם כּיבוד. ער האָט עס געטון מעכאַניש במשך לאַנגע יאָרן: געגעסן, געשטאַנען אין בשם־געוועלבל און אַ מאַך געטון מיט די הענט ווען מען האָט אים געפרעגט אויף ריוועטשען. ריוועטשע איז יאָרן־לאַנג געלעגן אַ טויט־קראַנקע אין בעט, געוועזן אויסגעבלייכט ווי אַן איינגעטריקנטער אתרוג, גענומען פלעשלעך מעדיצין — אָבער עס האָט זיך איר נישט געוואָלט שטאַרבן, און אַלע האָבן זיך שוין געהאַט צוגעוואוינט צו דעם צושטאַנד פון דער

דאָזיקער יידענע, אַ יידענע אין בעט ערב־שטאַרבן. משה גזשיוואַטש האָט שוין נעהאַט אין מויל אַלע טעמים פון אַן אַלמן, און ער האָט האָפערדיק געטראַכט פון אויפסניי חתונה האָבן, נאָר מיט אַ געזונטער יידענע וואָס זאָל אים זיין אַ ווייב צום געקריוודעטן יצר־הרע, ער זאָל איר קאָנען אַ קניים טון אויפן אַבסאָלוטער אופן, און זי זאָל אים נישט ליגן אַ קראַנקע אין פינצטערן בעט. אויף די דריי מיידלעך האָבן אַלע נעקוקט ווי אויף קיילעכדיקע יתומות — ריוועטשעס קינדער נעבעך. און אַזוי האָט זיך שוין נעהאַט אַוועקגעשטעלט דער סדר פון דער וועלט.

די יינגסטע טאָכטער פון משה גזשיוואַטש, אסתר, איז נעווען אין מיינע יאָרן. זי איז נעווען אַ לוסטיק שוואַרץ־חנוודיק מיידל מיט גרויסע לאַכעדיקע אויגן. זי פלעגט אָפט אַרויפקומען צו אונז, פאַרגעסן אַז זי איז אַ יתומה נאָך דער קראַנקער ריוועטשע, און מיר פלעגן זיך צוזאַמען שפּילן. עפּעס האָבן אַלע פאַרגעסן אַז סך־הכּל איז אסתר אַ מיידל. זי האָט אין זיך נעהאַט די פאַרשייטע שקאָציששקייט פון אַ יינגל. אָבער זיך שפּילנדיק מיט איר האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערפילט די זיס־נעהיימענישפולע יונגטלעכקייט פון פרויען־לייב — אַ וואַרעמקייט, וואָס וועקט אַזוי פיל באַנער און דערוואַרטונג. איך קאָן מיך נישט דערמאָנען צי איך האָב אַמאָל אסתרן אַ קוש נעטון. סך־הכּל בין איך געווען אַ חסידיש בחורל, — דערצו אַ בן־יחידל — וואָס האָט זיך נעשראָקן פאַר דער זיסער אומבאַקאַנטקייט פון דעם צווייטן געשלעכט. איך האָב בלויז נעזען אין דלוטאָוו ווי שקצים בראַיען אַרום מיט שיקסעס. און דאָס זענען פאַר מיר געווען סצענעס, באַוועגונגען און גלוסטיקייטן, עפּעס ווי אַן אַנדערע ספערע, וועלכע איז אָפּגעטיילט פון מיר מיט נעוואַלדיקע מרחקים. מיין שפּילן זיך מיט אסתרן האָט אָבער געהאַט אין זיך פון יענעם זיסן אומהיימלעכן טעם, וואָס האָט מיך דערמאָנט אָן די שקצים מיט די שיקסעס אין דאָרף.

אין קעגנזאַץ צו יענע רוישיקע מינוטן, וועלכע איך האָב נעפילט אין דער נאָענטקייט פון דער לעבעדיקער שוואַרץ־חנעוודיקער אסתר, בין איך איצטער געגאַנגען אין „חדר" אַריין צו אַ שאַרפן גמרא־מלמד מיטן נאָמען חיים־טוביה. חיים־טוביה איז נעווען אַן אַלטער קאָצקער חסיד, אַ קליין אויסגעדאַרט און שאַרף יידל מיט אַ גראָ שפּיציק בערדל און מיט

קליינע גרינע אויגעלעך פון א בייזער קאץ. ער האט געהאט א גע־פעפערט קולעכל, וואס האט שניידיק געגרילצט אין די אויערן, און גע־רעדט האט ער יידיש מיט א פארצייטיש זשעליכאָווער דיאלעקט. חיים־טוביה איז געווען זינט זיין יוגנט־אן אן אלמן, האט זיך אויסגעוואלגערט איבער אלערליי שטעט און שטעטלעך, געשלאָפן ביי יענעם אויפן פיע־קעליק, אסקעטיש זיך געפייניקט מיטן יצר הרע — ווארעם אומעטום האט ער געוואוינט ביי פרעמדע באלעבאטעס — און אומעטום גע־קנעלט מיט יינגלעך „נדרים מיטן ר"ן". כ'וויס נישט צי חיים־טוביה איז געווען א גרויסער למדן, אבער ער האט געהאט זיין ספעציאליטעט: „נדרים מיטן ר"ן", און עטלעכע פארפלאָנטעטע זייער קונציק געבויטע פשטלעך — דוכט זיך גראד וועגן ווייבערישע ענינים. מיט די דאזיקע ספעציאליטעטן איז ער געגאנגען איינעמען פוילן. נאכדעם ווי ער האט זיך „אויסגעקנעלט" אין אלערליי שטעטלעך האט ער זיך באוויזן אין לאָדזש. ער האט זיך איינגעדונגען ביי א דרדקי־מלמד וואס האט גע־האט א חדר אין די „הויזן" און האט זיך אנגעהויבן צוזאמענצושטעלן א „קאפעליע" פון גמרא־יינגלעך.

די וואונדער וואס חיים־טוביה באווייזט אין „נדרים מיטן ר"ן" און די קונציקע פשטלעך זיינע, וואס ער איז א מייסטער זיי אריינצור־קנעטן אין יינגלשע מיילעכלעך, האט זיך באלד פארשפרייט צווישן לומדים אין לאָדזש. חיים־טוביה איז אויף דער עלטער געווארן אן אלעקסאנדרער חסיד און איידער וואס ווען האט ער זיך דערוויל גע־וואלגערט אין „גרויסן" אלעקסאנדרער שטיבל, געשלאָפן דארט אויף א הארטער באנק הינטערן אויוון, האט באלד באגינען גענומען א טרונק בראָנפן, דערציילט מעשיות פון קאָצק, און בייטאָג זיך אוועקגעזעצט צווישן די שארפע יינגלעך וואס האבן געלערנט אין „גרויסן" שטיבל, זיי געפרואווט אויף שווערע שטיקלעך „ר"ן", און זיי אויסגעלערנט זיינע פשטלעך. די קעפלעך פון די שארפע יינגלעך האבן אזש געפלאמט פון דעם שפיציקן געפלעכט פון די פשטלעך. חיים־טוביהס גרינע קאץ־אויגן האבן געגלאנצט פון גרויס ליידנשאפט, ער האט מיט זיינע דאַ־רע פינגערלעך געקנייפט די יינגלעך אין די בעקלעך. די יינגלעך האבן אויפגעקוויטשעט פון ווייטיק און פון שכלדיקייט און חיים־טוביה האט

געכיביקעט אויף זיין פעטערדיקן קולעכל. די בעקלעך האָבן אים גע־פלאַמט, און ער האָט געקנייפּט און אפילו טיילמאָל געטיילט הילכיקע פּעטש. הקיצור חיים־טוביהס שם אלס שאַרפער גמרא־מלמד האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער לאָדזש און ער האָט לייכט באַקומען תלמידים, — וואָרעם אַלע האָבן געזען בחוש אַז ביי חיים־טוביהן, קענען „גוטע" ייִנגלעך האָבן דעם אמתן תכלית.

ער האָט זיך צוזאַמענגעשטעלט אַ געקנעלעריי פון פינף תלמידים צווישן וועלכע איך בין געווען איינער.

ביי דעם נעמלעכן דרדקי־מלמד אין די „הויזן" האָט חיים־טוביה אָפּגעדונגען אַ לעצט פינצטער שטיבל נעבן דער קיך און נעבן אַן אונ־טערשטן טרעפּן־הויז. דאָרט האָט געזאָלט זיין דאָס גמרא־חדר. אַלצ־דינג איז דאָרט געווען נאַקעט און אָפּגעלאָזן. עס איז געשטאַנען בלויז אַ לאַנגער הילצערנער טיש, אויפן טיש אַ קליין נאַפט־לעמפּל און צע־ריסענע און פאַרפעצטע גמרות „נדרים", וועלכע חיים־טוביה האָט מיט־געשלעפּט מיט זיך איבער גאַנץ פּוילן. פון הינטער די ווענט האָט מען בסדר געהערט דאָס טומלען זיך פון די קליינע קינדער אינעם דער־נעבנדיקן דרדקי־חדר, דעם זינג־זאָנג פון די באַהעלפערס וואָס האָבן געלערנט אַלף־בית, דאָס חומש לערנען פון רבין ישראל אברהם וואָס איז תמיד אַרומגעגאַנגען איבערן חדר אין אַ קאַפּאָטע און אין די בלויזע שפּאַנצער און הויזן און געהאַלטן אַ קאַנטשיק אין דער האַנט, — און די געשרייען פון דער רביצין רבקהלע, אַ קליינע דאַרע ייִדענע מיט אַן אויסגעקראָכן געל שייטל. זי האָט תמיד געפּילדערט און תמיד געוויינט איבער אירע ביטערע פינצטערע יאָרן און אויף איר גורל צו זיין אַ מלמדקע און צו שטיין אַ גאַנצן טאָג ביים פּריפּעטשיק. סך־הכל איז זי — אַזוי האָט די רביצין רבקהלע לאַמענטירט — יונגערהייט גאָר גע־ווען אַ נגידיש טעכטערל, נעגעסן פּומער־קוכן מיט קאַווע, געוואוינט אין סאַליעס און נישט געטון די האַנט אין קאַלטן וואַסער, רק קאָמאַנדעוועט מיט דינסטן. לאָז זי נאָר געווינען אויף דער לאָטעריע — און געווי־נען וועט זי זיכער — דאַן שלאָגט זי כפּרה מיטן חדר און מיט די באַהעל־פערס, ציט זיך ווידער אַריין אין סאַליעס, און דינסטן וועלן איר אַלע אינדערפרי צוטראָגן אין בעט אַריין קאַווע מיט קוכן.

באלד די ערשטע טעג נאָך סוכּות ווי מיר זענען צוריקגעקומען פון א זומער אין דלוטאָוו, איז חיים־טוביה אליין ארויפגעקומען צו אונז. מיט זיין קליין דאַר הענטעלע מיך אָנגענומען פאַר דער האַנט און ארויפ־געפירט אין חדר אריין. דאָס דרדקי־חדר פון ישראל אברהמען איז שוין געווען געפּאַקט מיט קינדערלעך און מיר זענען אריינגעגאַנגען צו חיים־טוביהן אין דער טונקעלער שטוב. דאָרט זענען שוין געווען די איבעריקע פיר גמרא־יינגלעך, מיינע צוקונפטיקע חברים. צוויי האָב איך געקאָנט. זיי האָבן געוואוינט אין די „הויזן". די איבעריקע זע־נען פאַר מיר געווען פרעמדע פנימער. חיים־טוביהס פנים האָט זיך אָנ־גענומען מיט א שאַרפער לומדישער בייזקייט, ער האָט אונדז געהייסן זיך זעצן צום טיש, אויפגעמישט די צעריסענע גמרות „נדרים" און מיט זיין פעפערדיק קולעכל אָנגעהויבן אין זינג־זאַנג פון די שבועות, חרמים און נדרים וואָס יידן טוען.

ער האָט עס אונדז אויסגעטייטשט אויף א פאַרצייטישן זשעלע־כאָווער יידיש און דערביי האָט זיך זיין פנים צעלויכטן מיט א מאָדנעם אסקעטישן תענוג. ווייל מיר זענען נאָך אלע געווען גאָר יונגע יינג־לעך און די דאָזיקע פרעמדע ווערטער און באַגריפן, וואָס חיים טוביה האָט אַזוי זיס ארויסגעזונגען מיט זיין שאַרף און געפעפערט קולעכל, האָבן זיך אונדז נישט באַלד אַזוי לייכט געלייגט אויף דער צונג, האָט עס נישט לאַנג געדויערט אַז איינער פון אונדז וואָס איז געזעסן נישט ווייט פון חיים־טוביהן — א הויך אויסגעצויגן יינגל, מיט צעשראָקענע אויגן און א פּלאַטשיקע נאָז — האָט געכאַפּט דעם ערשטן פּאַטש. א שאַרפן הילכיקן פּאַטש וואָס איז פלינק ארויסגעפלויגן פון חיים־טוביהס דאַר הענטעלע און האָט ביים יינגל אויף די באַקן איבערגעלאָזט די צייכנס פון חיים־טוביהס פינגער. דערביי האָט חיים־טוביה א קריי־געטון די ציינער מיט א מאָדנעם פאַרגעניגן און אויפן געפּאַטשטן יינגל א געשריי געטון „הינטישע צורה!" חיים־טוביה האָט פונדאָסניי אָנ־געהויבן דעם זינג־זאַנג פון „נדרים" ווי עס וואָלט גאָרנישט געהאַט גע־שען. אָבער איבער אונדז זענען שוין געהאַנגען די פּעטש, וואָס קאָנען פּלוצעם אומגעריכטערהייט ארויספליען פון חיים־טוביהס הענטעלעך און אויסקנאַלן אויף אונדזערע באַקן. עס האָט זיך ארויסגעוויזן אַז

דער דאָזיקער ייד האָט אַ שאַרף אויג פאַר קערפּערלעכער פיזיאָנאָמיע און ער האָט באַלד ביים ערשטן „שיעור" אויפגעהערט צו רופן זיינע תּלמידים ביי זייערע ריכטיקע נעמען, נאָר זיי צונעקלעפּט צונעמענישן. די דאָזיקע צונעמענישן זענען געקומען צוזאַמען מיט די פּעטש וואָס האָבן תּמיד אומגעריכטערהייט אויפגעפּלאַמט אויף עמעצנס אַ באַק. אַריינקוקנדיק אין דער גמרא „נדרים" זענען מיר תּמיד גרייט געווען צו חיים טוביהס הילכיקע פּעטש.

איך וועל דאָ אומישנע אויסרעכענען די נעמען און צונעמענישן פון מיר און מיינע פיר חברים וואָס האָבן געלערנט ביי חיים־טוביהן די מסיכתא „נדרים" און פאַרשיידענע פּשטלעך.

א) הענעך קאַזשעץ („די הינטישע צורה"), דאָס אָפּגעשראָקענע יינגל מיט דער פּלאַטשיקער נאָז. ער האָט געוואוינט אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס אין אונדזער הויז „הויזן". ער איז געווען דער ייננסטער פון אַ גאַנצער רייע ברידער, אַלע הויכע און שרייענדיקע און כּמעט אַלע מיט פּלאַטשיקע נעזער. ביי זיי אין הויז האָט מען זיך נאָסט געפּאַטשט. פּעטש זענען פאַר הענעכן געווען זייער אַ וואָכעדיקע זאַך. זיינע על־טערן האָבן געהאַנדלט מיט קוילן, און זענען תּמיד אַרומגעגאַנגען איינגעריסטע.

ב) אברהם מענדל („דער אָרעמער בעל־עבירה"). אַ יינגל אַ יתום מיט רויטע בעקלעך און וואַסערדיקע הונגעריקע אויגן. ער האָט געשטאַמט פון גערער חסידים און איז זייער שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן פון זיין שטיף־טאַטע. אברהם מענדל האָט דער ערשטער פון אונדז אַלעמען אויפגעכאַפּט חיים־טוביהס פּשטלעך, און געשפּרונגען חיים־טוביהן אין די אויגן אַריין פון דער גרויסער שאַרפער שכלדיקייט פון די פּשטלעך. דאָס האָט אים אַבסאָלוט נישט אויסגעהיט פון כאַפּן די אומגעריכטע פּעטש פון חיים־טוביהס הענטלעך. אברהם מענדלס רויטע בעקלעך זענען נאָך רויטער געוואָרן פון חיים־טוביהס פּעטש און דער יתום האָט זיך אינמיטן די פּשטלעך צעוויינט. דאָס האָט נאָך מער גערייצט חיים־טוביהס אַסקעטישער בייזקייט. ער האָט געקריצט מיט די ציינער, דאָס גראָע בערדל האָט אים געציטערט פון בייזן תּענוג, און ער האָט גערופן אברהם מענדלען „אָרעמער בעל־עבירה", וואָרעם

אברהם מענדל האט ליב געהאט נאשערייען און חיים־טוביהס גרינע אויגעלעך האבן עס גלייך באמערקט.

ג) בעריש טוימאן („דער רב"). זיין טאטע איז געווען דער באַרימטער מאיר טוימאן, וועלכן איך האב באשריבן אין א פריערדיקן קאפיטל און איז געווען דער פחד פון אלע יידן פון פסחדיקן בראנפן. בעריש האט נישט געהאט אין זיך דאס מינדסטע פון זיין הויכן בריטביינינקן און טונקל־באוואקסענעם טאטן. בעריש איז גראד געווען א קליין דיקלעך יינגל, א קרענקלעכער און א בלאסער, א קאפעטשקע א געשטופלטער, מיט א גרויסן קיילעכדיקן קאפ, און דערצו זייער א פלעגמאטישער. קוים וואס ער האט זיך גערירט. יעדע זאך איז ביי אים ארויסגעקומען אומגעלומפערט און שלימזלדיק. תמיד איז ער געווען דער לעצטער. ביים שפילן מיט אנדערע יינגלעך האט ער תמיד פארשפילט. ביי „בלינדע קו" האט מען אים געכאפט דעם ערשטן, און ווען מ'האט אים פארבונדן די אויגן מיט א טיכל און געהייסן זיין די „בלינדע קו", האבן זיך אלע געקאנט רואיק אוועקזעצן, ווארעם בעריש האט זיך א שלאבריקער ארומגעדרייט איבער דער שטוב, מכלומרשט געטאפט מיט די הענט אין דער לופטן, אבער געכאפט האט ער קיינמאל קיינעם נישט. פארשטייט זיך אז סיי דער „נדרים מיטן ר"ן", סיי די פיפיקע חיים־טוביהשע פיטלעך האבן זיך צו בערישן געקלעפט ווי אן ארבעס צו דער וואנט. ער האט געגעבן אומבאהאלפן געפינטלט מיט די אויגן, נארנישט באוויזן נאכצוזאגן די שווערע גמרישע טערמינען און וויפיל פעטש ס'זענען אויף אים ארויסגעפלויגן פון חיים־טוביהס הענטעלעך, זענען בעריישעס באקן געבליבן בלאס און שלאבריק, ווי עס וואלט זיי נארנישט געארט. אים אייגעם האט חיים־טוביה געפאטשט אן מאדים־טישן תענוג. חיים־טוביה האט נישט ליב געהאט אז די ייִנגלישע בעקלעך בלייבן שטום אויף זיינע פעטש. ביי חיים־טוביהן איז עס געווען ארויסגעווארפענע ארבעט, און מיט דער צייט האט ער בערישן גאר אויפגעהערט צו פאטשן. ס'זענען געווען בילבערע. דערפאר האט ער בערישן מיט גרויס ביטול גערופן „דער רב" — דערביי האט ער דאס ווארט „רב" לאנג געצויגן, כדי אט־א דאס טעמפע יינגל זאל ענדלעך

דערפֿילן דעם גרויסן ביטול פֿון חיים־טוביהס צונעמעניש. נאָר כ'בין מסופּק צי דער „רב" האָט דאָ יאָ פֿאַרשטאַנען חיים־טוביהס מיין.

ד) עליש (תּלמיד ט...). זיין טאַטע האָט געהייסן שבתי העכט, אַ הויכער ייִד מיט אַ קײַלעכיק שוואַרץ בערדל און מיט אַ גביריש בייכל. שבתי העכט איז געווען דער באַרימטסטער מוהל אין לאָדזש. דרייַ פֿערטל לאָדזשער „דײַטשן" זענען אַדורכגעגאַנגען זיין מוהל־מעסערל. צו קיין קבצנים האָט ער זיך נישט צוגערירט. ער האָט דער ערשטער אײַנגעפֿירט „דײַטשע" מנהגים בײַם מל־זיין. ער האָט מל געווען אין אַ ווײַס פֿאַרטוך, זיך געוואַשן די הענט מיט סובלימאַט, זיך געשווענקט דאָס מויל פֿאַר מציצה, די געמלטע קינדער אײַנגעשיט מיט פּודער אָנשטאָט מיט פֿאַרשימלטע פּרוכגע, און נאָך אַזעלכע „גוייִשע" זאַכן פֿון וועלכע ייִדן האָבן נישט געוואוסט ביז צו שבתי העכט. שבת איז שבתי צוריק געוואָרן שאַרפֿער אַלעקסאַנדערער חסיד, געטראָגן אַ גרויס שטרײַמל, דווקא געגאַנגען אין דער שמוציקסטער מקווה אין לאָדזש, געמלעך אין דער מקווה פֿון ר' יצחק יוסף קאַץ, און געדאַוונט פֿאַרן עמוד אין „גרויסן" אַלעקסאַנדער'ער שטיבל. מ'האָט שבתין געהאַלטן פֿאַר אַ ווילדן בעל־מנגן. פֿון דעם מל־זיין די „דײַטשן" האָט מען שבתין געהאַלטן פֿאַר אַ וועלט־מענטש. ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פֿאַר אַ וועלט־מענטש און דערציילט מעשיות פֿון די רײַכע „דײַטשן" וועלכע ער האָט מל געווען.

עליש זיין ייִנגל, דער פֿערטער תּלמיד אין חיים־טוביהס חדר, איז געווען אַ דאַר דראָבנע ייִנגל, תּמיד מיט אַ באַהאַלטן שמייכעלע אויף די ליפּן און מיט שעלמישע און לעבעדיקע אויגן, אויגן וואָס זענען געווען עטוואָס געשניטן אין דער שיף און האָבן אין זייער פֿאָרם געהאַט אַן אָנהויך פֿון יאַפּאַנעזישעס. בײַם ערשטן פּאַטש וואָס עליש האָט באַקומען פֿון חיים־טוביהן, האָט עליש נעמען אַן אומהיימלעכן פֿרעמדן קוויטש און די שיפּע שעלמישע אויגן האָבן זיך אָנגעפֿילט מיט אַזאַ טיפֿער גרויזאַמקייט, אַז חיים־טוביה איז כּמעט ווי בלאַס געוואָרן, די צייִנדזיינע האָבן נישט באַוויזן צו קריצן, און די דאַרע הענטעלעך זענען געוואָרן ווי שלאַבעריק. חיים טוביה האָט אַראָפּגעלאָזט דאָס קול און מורא געהאַט צו קוקן עלישן אין די אויגן אַריין. די בייזע גרינע אויגן

האָבן זיך בײַ חיים־טוביהן מיטאמאָל אויסגעלאָשן ווי בײַ א געשלאָגענער קאַץ. עליש האָט שוין מער נישט געקרינגן קיין פּעטש, אָבער צווישן עלישן און חיים טוביהן האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט א מוראדיקע שנאה וועלכע חיים־טוביה האָט זיך געהיטן ארויסצואווייזן. עליש האָט כמעט ווי עפנטלעך אָנגעהויבן קענען חיים־טוביהן אן אָפענסיווע פון אזיאַטישער נקמה.

ה) ווײַל איך בין געווען א בן־יחידל און א גביריש קינד, האָט מיך חיים־טוביה נישט געשלאָגן. איין מאָל האָט ער זיך פאַרגעסן און מיר דערלאַנגט א פּאַטש. ער האָט אַזוי אומגליקלעך געטראָפן אַז עס האָט מיר גלייך אָנגעהויבן צו בלוטן פון דער נאָז. חיים־טוביה האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און אַרײַנגעלאָפן צו דער רביצין רבקהלע. די רביצין רבקהלע האָט אַרײַנגעבראַכט א שיסל קאַלט וואַסער, מיר צוגעלייגט נאַסע שמאַטעס צו דער נאָז און מיר אַרײַנגעלייגט א שליסל אונטערן האַלדז אַלס א סגולה אָפּצושטעלן דאָס בלוט. חיים־טוביה האָט געציטערט ווי א פיש. עליש האָט כיטרע געשמייכלט און דערציילט א מעשה ווי א יינגל איז געשטאָרבן פון נאָז־בלוטן. ווען עס איז מיר בעסער געוואָרן האָט חיים־טוביה מיך געגלעט איבערן בעקל און געבעטן אַז כ׳זאָל נישט דערציילן אין דער היים פון דעם טרויעריקן געשעעניש.

ווײַל איך בין געווען א ביסל א פאַרחלומטער יינגל האָט מיך חיים־טוביה גערופן „תענית חלום" — און איך בין געווען דאָס פינקטע צו־נעמעניש פון זיינע תלמידים.

# קאַפּיטל עלף

עלישעס מעשיות. אויף אַ ברית-מילה בײַ שדים. חיים טוביה צינדט-אָן דאָס גאַסט-לעמפּל. בלינדע קו. סמײַטש שפּילן אין בלינדע קו און כאַפּן דעם אײגענעם רבין? דער גרױזאַמער פּסק. שבת בײַ „פּאַרהערן". פּעטש. דאָס גלעזל פּלאַצט און מיר בלײַבן זיצן אין דער װינטערדיקער פֿינצטערניש. עליש. חיים טוביה הינטער דער טיר. ס'איז אײך נעפּיך קאַלט, רבי? יענטל. װאָס מײנסטו, איך בין קורח? חיים טוביה צײלט קערבלעך. יאַנקל. געלט, טאַטע! מע גרײט זיך צו חתונה!

כ'װײס נישט װי אַזױ עס איז צו אים דערגאַנגען, נאָר עליש האָט אָנגעהױבן צו דערצײלן מעשיות פֿון חיים־טוביהס פֿאַרלעבן אַז די האָר האָבן זיך אונדז געשטעלט קאַפּױער. אַ סך פֿון די מעשיות האָבן דערמאָנט אָן „קב־הישר". ער האָט דערצײלט, אַז חיים־טוביה איז אַמאָל געװען סנדק אין אַ חורבה װאו שדים האָבן געפּראַװעט אַ ברית־מילה און אַז די שדישע קימפּעטאָרין אַלײן האָט חיים־טוביהן געקנײַפּט אין הינטן אַרײַן. דער טעם פֿון דעם דאָזיקן קניפּ ליגט אים נאָך אין מױל. פֿון דאַנען נעמט זיך װאָס חיים טוביה קריצט אַזױ יצר־הרעדיק מיט די צײן בעת ער פּאַטשט זײַנע תּלמידים. עליש האָט דערצײלט אַז דעריבער איז חיים־טוביה אױסגעפּאַרן אַזױ פֿיל שטעטלעך, װײַל אומעטום איז מיט אים „עפּעס געשען". מע האָט אים געטראָפֿן שלאָפֿן אױף אַ בױ־דעם, אָדער דאַװענען ביחידות אין אַ פּוסטער קרעטשמע, און װען מען האָט בודק געװען די ציצית האָט זיך אַרױסגעװיזן אַז סך־הכּל דאַװנט חיים־טוביה אין אַ פּסולן טלית. עליש האָט די אַלע מעשיות דערצײלט מיט אַ באַהאַלטן ביטרע שמײכעלע אױף זײַנע ליפּעלעך, און זײַנע יאַ־פּאַנישע אױגן האָבן דערבײַ געבליצט מיט אַ קאַלטער גרױזאַמקײט. מיר האָבן אָנגעהױבן מורא צו קריגן פֿאַר חיים־טוביהן. מיר האָבן זיך געשאַרפֿט אין זײַנע פּשטלעך װעגן די שבועות, קנסות און חרמים

פון דער מסיכתא „נדרים" — און חיים־טוביה האָט געפּאַטשט. דאָ האָט אונדז עליש ווידער דערציילט פון די ווידערשטאַנדן און די קאַמפן פון די פריערדיקע תלמידים פון דעם דאַזיקן „אַלטן תרח".

חיים טוביה האָט געהאַט שטיין אין שענקל אַ פלעשל מיט בראָנפן. האָט עליש דערציילט, אַז איינער אַ געל יינגל וואָס האָט שוין מער נישט געוואָלט ליידן פון חיים־טוביהן, האָט סך־הכּל אַריינגעגאָסן אינעם פלעשל בראָנפן אַ היפּשע פּאַרציע שתנה. חיים־טוביה האָט וואָכן־לאַנג געטרונקען בראָנפן מיט שתנה. און ער איז דערפון געוואָרן דיקער און די דאַרע הענטעלעך זענען אים געוואָרן ווייכער און די פּעטש האָבן מער נישט אַזוי ווי געטון. דאַן האָט עליש דערציילט, ווי חיים־טוביה איז אַמאָל איינמיטן לערנען איינגעשלאָפן ביים טיש. יינגלעך האָבן אים מיט הייסן לאַק צוגעקלעפּט דאָס שפּיציקע גראָע בערדל צום טיש־ברעט. דאַן האָבן זיי אַ געשריי־געטון: רבי, ס'ברענט! חיים־טוביה האָט אַ ריס אויף געטון דעם קאָפּ, אַ האַלבע באָרד איז אים געבליבן קלעפּן אויפן טיש. דאָס דם האָט זיך אים גענאָסן פון דער צעבלוטיקטער גאָמבע. די יינגלעך האָבן געלאַכט און זיך געפרייט מיט דער גרעסטער שמחה. חיים־טוביה איז אַ צייט געוואָרן אַ ביסל שטילער און ווייניקער געפּאַטשט. אַמאָל — אַזוי האָט עליש דערציילט — האָבן יינגלעך אים אַריינגעלייגט אין די שטיוול אַריין שפּיציקע נעגל און חיים־טוביה איז וואָכן־לאַנג אַרומגעגאַנגען אַ לאָמער. מיר האָבן די אַלע סאַדיסטישע מעשיות געהערט מיט אומגלויבלעכער שרעקעוודיקייט און אויף אַן אמתן אָנגעהויבן פאַר חיים־טוביהן מורא צו קריגן אויך אַחוץ זיינע פּעטש. איבערהויפּט ווען די ווינטערדיקע טעג זענען געוואָרן קורצע, די בין־השמשותן טומנע און פינצטערלעכע, און עס האָט לאַנג געדויערט ביז חיים־טוביה האָט זיך אַרומגעגראַבלט ביי דעם קליינעם נאַפט־לעמפּל און עס אָנגעצונדן — דאַן האָט זיך אונדז טיילמאָל אויסגעדוכט, אַז חיים־טוביה וואַקסט עפּעס אויס אין דער פינצטער. זיין באָרד ווערט לאַנג און שפּיציק. זיינע הענט ווערן לאַנגע און אויסגעצויגענע ווי די פיסלעך פון אַ שפּין. מיר זענען שוין געווען לחוט צו זען ווי דאָס נאַפט־לעמפּל האָט אָנגעהויבן צו ציטערן אין זיין פייכטער

און אומעטיקער ליכטיקייט און חיים־טוביה האָט צוריקבאַקומען זיין אַלטע געשטאַלט און געהייסן אויפמישן די גמרות „נדרים".

אָבער עליש האָט נישט געשווינגן. קודם כל האָט ער אונדז געלערנט שפּילן אין „קוויטלעך". ער האָט אין אונדז צעפּלאַמט אַזאַ חשק צום קוויטלעך־שפּיל אַז מיר האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אַפילו אינמיטן לערנען. עליש האָט עם קונציק איינגעאָרדנט. מיר האָבן זיך דערלאַנגט די קאַרטן אונטערן טיש און נאָכגעזאָגט חיים טוביהן זיין „נדרים מיטן ר"ן". עלישן האָט דערביי צוגעהאָלפן אברהם מענדל דער „אָרע־מער בעל־עבירה". דאָס שפּיל איז געשמאַק געגאַנגען און חיים טוביה האָט נישט אָנגעהויבן צו באַמערקן וואָס סע טוט זיך ביי אים אונטער דער נאָז, הגם געפּאַטשט האָט ער סיי ווי. דאַן האָט עליש אָנגעהויבן איינצופירן אַ מנהג אַז טאָמער איז חיים טוביה נאָר ארויסגעגאַנגען האָבן מיר באַלד אָנגעהויבן צו שפּילן „בלינדע קו". פאַרשטייט זיך אַז בעריש טוימאַן („דער רב") איז כסדר געווען די „בלינדע קו", ער איז אַרומגעגאַנגען איבערן חדר מיט פאַרבונדענע אויגן, געטאַפּט מיט די הענט אין דער לופטן, און מיר זענען דערוויל רואיק געזעסן ביי די אויפגעמישטע גמרות און געשפּילט „קוויטלעך".

איינמאָל איז חיים טוביה פּלוצעם אַריינגעקומען אינמיטן אַזאַ סצענע. די „קוויטלעך" זענען באַלד פאַרשוואונדן פון דער אויבער־פלאַך. מיר האָבן זיך כלומרשט געמאַכט, גלייך ווי מיר זענען מעיין אין אַ שווער שטיקל „ר"ן". בעריש טוימאַן מיט די פאַרבונדענע אויגן האָט ניט געהאַט די מינדסטע אַנונג אַז דער מלאך־המות שטייט אים צו קאָפּנס. ער האָט כסדר אַרומגעזוכט מיט די הענט אין דער לופטן. חיים טוביה איז געבליבן שטיין ווי אַ קאַץ וואָס לויערט אויף אַ מויז. די גרינע אויגן זענען אים געוואָרן נאָך גרינער, די האָר פון די וואָנצעס האָבן זיך אים שטעכעדיקע אויפגעשטעלט, און דאָס גרויע בערדל האָט זיך געדוכט אים אויסצוציען און צו ווערן נאָך שפּיציקער. די קליינע הענטעלעך האָבן אים געציטערט פון בייזן תענוג. מיט קליינע טריטעלעך האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דערנעענטערן צו דער אומגליקלעכער „בלינ־דער קו". בעריש טוימאַן האָט דערוויל אַן אַנונגסלאָזער אַרומגעטאַפּט אין דער לופטן. חיים טוביה האָט זיך צו אים שטיל און קעציש

דערגענטערט. בעריש האָט עפּעס ווי געצויגן צו זיין תּלין. די ביידע זענען שוין געווען גאָר האַרט איינער נעבן אַנדערן. ווען בעריש האָט דערשפּירט דעם ריח פון חיים טוביהס קאַפּאָטע איז ער אויף אים, חיים טוביהן, אַרויפגעפאַלן, מיט ביידע הענט אים אַרומגעכאַפּט, און מיט אַ טריומפירנדיקן קול אַ געשריי געטון: „געכאַפּט"!

ס'האָט זיך געהערט אַ הילכיקער קנאַל פון אַ פּאַטש. חיים טוביה האָט זיך געצילעוועט צו טרעפן בערישן גלייך אין די חאַרבונדענע אויגן אַריין. בעריש האָט אַ צעטומלטער פון איבערראַשנדיקן ווייטיק אַ ריס־אַראָפּ געטון דאָס טיכל פון די אויגן און דערזען פאַר זיך חיים טוביהן אין זיין גאַנצער מלמדישער גרויזאַמקייט.

חיים טוביהס גרינע אויגן האָבן ניפּטיק געשמייכלט קוקנדיק אויפן קרבן. דאָס יינגל איז געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. אָבער אינעווייניק אין חיים טוביהס בויך האָט פּלוצעם אָנגעהויבן צו קאָכן, גלייך ווי דער גאַנצער אַסקעטישער כעס וואָלט אים אָנגעצונדן די אינגע־ווייד. די גראָע האָר פון באָרד און וואָנצעס האָבן זיך אים שפּיציקע אויפגעשטעלט אין דער זייט פון בערישן, די ליפּן זענען ביי אים געוואָרן טרוקן און ער האָט זיי אַלע מאָל באַלעקט מיטן רויטן שפּיץ פון זיין צינגל. אָבער ער האָט כסדר געשוויגן, חיים טוביה, און געקוקט אויפן קרבן און אַלץ נישט געוואוסט וואָס ער זאָל מיט אים טון. פּאַטשן? עס איז צו ווייניק און צו וואָכעדיק. סטייטש, שפּילן אין בלינדער קו און כאַפּן דעם אייגענעם רבין? בעריש האָט שוין געוואָלט ווישן זיין פּסק. חיים טוביה האָט זיך נישט געאיילט.

פּאַמעלעכל, פּאַמעלעכל האָט חיים טוביה אויסגעשטרעקט זיינע לאַנגע הענטלעך. סיי בעריש אַליין, סיי מיר אַלע, האָבן געקוקט וואָס חיים טוביהס הענטלעך האָבן איצט בדעה צו טון. אָבער זיי האָבן זיך אויסגעצויגן און אויסגעצויגן און געזוכט בערישעס אויערן. ערשט איצט האָבן מיר אַלע געזען אַז בעריש האָט בלאַסע און גרויסע אויערן און זיי שטעקן אים אַרויס פון ביידע זייטן קאָפּ ווי צוויי בלאַסע און מויטע שטיקער פּלאַכטע. בערישעס אויערן האָבן זיך עפּעס ווי צוגעבויגן צו די דאַרע פינגער פון חיים טוביהס הענטלעך וואָס האָבן מיט תּענוג זיך געגראַבן אין דער לופטן און זיך נישט געאיילט צוצוקומען צום ציל.

בערישעס אויערן האָבן בלאַסע געציטערט. אויך זיי האָבן געוואַרט. ווען די אויערן האָבן זיך ענדלעך געפונען צווישן חיים טוביהס פינגער, האָט בעריש געטון אַ חיהשן קוויטש פון שאַרפן ווייטיק. חיים טוביה האָט מיט דער צוַנג זיך געטון אַ לעק אויף די פאַרטריקנטע ליפּן, האָט מיט דער גאַנצער קראַפט אַ כאַפּ־געטון בערישעס אויערן. דאָס קאָפּן אין חיים טוביהס בויך האָט זיך געשטאַרקט. חיים טוביה האָט מיטאַמאָל אַ צי געטון בערישן ביי די אויערן, אים אויפגעהויבן אין דער הויך און אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד ווי אַ דערהרגעט קאַלב.

בעריש איז געבליבן ליגן אַ פאַרחלשטער. חיים טוביה האָט זיך אָפּגעווישט דעם קאַלטן שוויים פון שטערן. אין זיינע אינגעווייידן איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. די גרינע אויגן האָבן זיך אים אויסגעלאָשן פון מידקייט. ער האָט אַריינגערופן די רביצין רבקהלע צו באַגיסן בעַרישן מיט קאַלט וואַסער. חיים טוביה האָט זיך צוגעזעצט צום טיש און אָנגעהויבן מיט אַ מיד קול מיט אונדז צו לערנען די גמרא „נדרים“.

נאָר עליש האָט נישט געשוויגן.

די ערגסטע אָוונטן אין חיים טוביהס חדר זענען געווען די אָוונטן פון דאָנערשטיק. חיים טוביה האָט דעם „שיעור“ געוואָלט פאַרטיק האָבן אויף שבת כדי ביים „פאַרהערן“ זאָלן זיינע תּלמידים ווייזן וואָס חיים טוביה קאָן. ער אַליין, חיים טוביה, פלעגט אין אַ שבת אַרויפקומען צו די עלטערן פון זיינע תּלמידים. ער איז געקומען אין אַן אַלטע אָפּגעשאָסענע און צעריסענע אַטלאַסענע קאַפּאָטע און האָט אויסגעקוקט ווי אַ שבתדיקער בעטלער. חיים טוביה האָט געטרונקען הייסע שבתדיקע טיי, צוגעביסן מיט אַ שטיקל צוקער. באַלד האָט מען געבראַכט אַ גמרא „נדרים“ און דער תּלמיד האָט געמוזט ווייזן וואָס ער קאָן. טייל־מאָל האָבן די ייִנגלעך געזאָגט חיים טוביהס אַ פּשט. די טאַטעס זענען ס׳רוב נישט געווען קיין גרויסע לומדים, האָבן נישט קיין סך פאַרשטאַנען. זיי האָבן זיך געריכט נאָר לויט דער גלאַטקייט מיט וועלכער דאָס ייִנגל זאָגט אָפּ דעם אויסגעלערנטן מזמור. חיים טוביה האָט פּיינט געהאַט אַז מע פאַרהוקעט זיך. חיים טוביה האָט דערביי שטיל געקריצט מיט די ציין, געפינקלט מיט די גרינע אויגן — אָבער ער האָט געמוזט היטן זיינע הענטעלעך אַז עס זאָל זיך זיי נישט ווילן פּאַטשן.

נישט תמיד איז עס אים געראָטן. אויך ביי זיך אין דער היים, שבת ביים „פאַרהערן", האָט מען טייל מאָל געכאַפּט אַ פּאַטש. חיים טוביה האָט געזאָגט צו דעם ייִנגלס עלטערן אַז פּעטש שאַרפן די תפיסה פון אַ ייִנגל. מילא, אויב עס איז גוט צו דער תפיסה האָט מען חיים טוביהן פאַרשוויגן. סיי־ווי האָט מען דעמאָלט געהאַלטן דערפון, אַז שלאָגן קינדער איז אַ גוט פּעדאַגאָגיש מיטל און עס קומט זיי נאָר אַרויס צום גייסטיקן געזונט. יעדנפאַלס די פאַרנאַכטן פון דאָנערשטיק זענען געווען די ביטערע יום־הדין טעג אין חיים טוביהס חדר. חיים טוביה האָט זיך דאָ געגרייט צו דער גרויסער עקזעקוציע.

איין מאָל אין אַ דאָנערשטיק, עס איז געווען טיף אין ווינטער, ס'איז געוואָרן פרי נאַכט. חיים טוביה האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפט־לעמפּל און האָט אונדז געזאָגט צו די גמרות. דער „שיעור" איז געווען אַ שווערער. חיים טוביהן האָט זיך אויסגעדוכט אַז אונדזערע צינגלעך רעדן נאָך נישט ווי געהעריק אַראָפּ די אויסגעלערנטע שווערע ממילא. חיים טוביה האָט זיך פאַרגומען אונדז צו מאַכן דעם אמתן יום־הדין. קוים האָבן מיר אויפגעמישט די גמרות און מיר האָבן אָפּגעזאָגט די ערשטע זאַצן, האָט דאָס גלעזל פונעם נאַפט־לעמפּל פּלוצעם געטון אַ שאַרפן פּלאַץ, און מיר זענען געבליבן זיצן אין דער ווינטערדיקער פינצ־טערניש.

אין חיים טוביהן האָט אָנגעהויבן צו זידן דער כעס. ער האָט געשריגן, געוואָלט פּאַטשן. עס איז נישט געווען וואָס צו מאַכן. אין דער פינצטערניש האָט ער זיך נישט געקענט פונאַנדערקלייבן צווישן זיינע תלמידים. ער האָט נאָר אויף זיין געפּעפּערט קולעכל אונדז אַלעמען אויסגערופן פאַר די צונעמענישן.

עס איז געבליבן אַז עליש זאָל גיין קויפן אַ ניי גלעזל. עליש האָט זיך נישט לאַנג געזוימט און געבראַנגט אַ גלעזל פון דעם געוועלבל פון משה גזשיוואַטש. חיים טוביה האָט פונדאָסניי אָנגעצונדן די לאָמפּ. קוים האָבן מיר אַרויסגעזאָגט די ערשטע זאַצן פון דער גמרא האָט דאָס גלעזל פונדאָסניי געפּלאַצט.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז עלישעס מלאכה. ער האָט קונציק געטאָן אַ שפּיי אויפן דערהיצטן גלעזל און עס האָט געפּלאַצט.

און עס האבן זיך אין די פאלגנדיקע דאנערשטיקן אנגעהויבן נייע עינויים פאר חיים טוביהן.

איין מאל במשך די ווינטערדיקע אוונטן. אין דרויסן איז געפאלן א געדיכטער שניי און דער פראסט האט נעקנאקט אויף די דעכער. פונקט אינמיטן לערנען — מעשה שטן — איז חיים טוביהן אויסגעקומען צו שפירן אין זיינע אינגעווײדן מענטשלעכע געברויכן. אויף זיין אפענער גמרא האט ער אוועקגעלייגט א גרויסע רויטע פאטשיילע און אונדז אנגעזאגט דערווייל צו חזרן די אויסגעלערנטע גמרא. ער האט זיך פארנומען אראפצוגיין אונטן אין די הויף־בית־הכסאם. דערביי האט ער געזאגט אז היות אויף די לאדזשער הייף האבן זיך אין די ווינטערדיקע נעכט אנגעהויבן צו באווייזן גזלנים, דערימאך זאל מען למען השם געדענקען קיינעם נישט צו עפענען די טיר. מער האט עליש נישט באדארפט. ער האט פארשלאסן די טיר הינטערן רבין, ארויסגענומען די „קוויטלעך" און מיר האבן געשמאק אנגעהויבן צו שפילן איבער די אויפגעמישטע גמרות. נאך א צייט האט זיך געהערט א קלאפ אין דער טיר, און מיר האבן געהערט חיים טוביהם קול: „עפנט שקצים!" אבער אויף עלישעם א וואונק, האבן מיר אלע אויף א יאמערלעך קול אנגעהויבן צו שרייען: „געוואלד, גזלנים!" חיים טוביה איז הינטער דער טיר דערציטערט געווארן. עס האבן אים דארט געטרייסלט די קעלט און דער פחד. מיט זיינע דארע הענטעלעך האט ער אנגעהויבן צו האקן אין דער טיר אריין און אוממענטשלעך געשריגן: „דאס בין איך, חיים טוביה". מיר האבן אבער נאך העכער געשריגן: „גזלנים!" עס האט געדויערט א לאנגע צייט, ביז מיר האבן געהערט ווי חיים טוביהם האקן ווערט שוואכער און עליש האט געפסקנט אז דער „אלטער תרח" האט שוין אפבאקומען דאס זייניקע. מיר האבן אלע מורא געהאט צו עפענען די טיר, מחמת מיר האבן געוואוסט וואס חיים טוביה איז פעאיק אונדז אפצוצאלן פאר אזא וויץ, אבער עליש האט מיט א פרום אונטערטעניק מינעדע, ווי ער וואלט זיך ערשט איצט געכאפט אויפן טעות, אז עפן נעטון די טיר. חיים טוביה איז געשטאנען א דער־
[illegible] טיר און קוים געקענט דאס

עליש מיט עניוותדיקער כיטרעקייט א פרעג געטון: „ס'איז אייך געפּעך קאַלט, רבי?" חיים טוביה האָט געפּרואווט אויפצוהייבן די האַנט און נעבן עלישן דעם אמתן פּאַטש, נאָר די האַנט איז אים געווען שטאַר און בלוי פון קעלט און זי האָט אים געשטאָכן ווי מיט שפּילקעס. ער האָט בלויז פון די, מיט פּראַסטיקן שניי פאַרלאָפענע באָרד און וואָנצעס, אַרויסגעדרשאַמדזשעט עלישעס צונעמעניש. אַפילו צו קריצן מיט די ציינער האָט ער נישט באַוויזן פון גרוים חולשות. חיים טוביה איז קוים צוגעפאַלן צו זיין בענקל, זיך דערוויף אַ טויט־מידער אנידערגעזעצט און אָנגעהויבן שווער צו אָטעמען.

דעם פאָלגנדיקן שבת איז חיים טוביה נישט געגאַנגען צום פאַר־הערן" פון זיינע תּלמידים. ער איז זיכער געווען אַז זיי קאָנען נישט דעם „שיעור".

איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן פאַרמיטאָג ווען מיר האָבן געהאַלטן אין רעכטן מיטן לערנען עפנט זיך מיטאמאָל אויף די טיר און אויף דער שוועל באַווייזט זיך אַ דיקע נידעריקע מויד אָנגעטון אין עפּעס אַ נייר־מאָדישע רעטאָנדע. די מויד האָט געהאַט די אייגענע גרינע שטעכנדיקע אויגן וואָס חיים טוביה. די באַקן זענען איר געווען פלאַטשיקע און פלאַמיקע ווי מע וואָלט זי געווען אָקערשט אויסגעפּאַטשט. זי איז אריינ־געקומען אַ בייזע און מיט אַ ירגזון ווי עס וואָלט איר שוין געקומען אַ רעשט צו צאָלן. די גרינע אויגן האָבן באַלד געטון אַ קוק אויף חיים טוביהן, און זי האָט געטון אַ זאָג מיט אַ שאַרף קולכל וואָס איז ווידער געווען ענלעך צו חיים טוביהס קול, נאָר מיט אַ ווייבערישן אונטערטאָן:

— גוט מאָרגן, טאַטע.

חיים טוביה איז בלאַס געוואָרן ווען ער האָט דערזען די מויד. אינסטינקטיוו האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין רויטע פּאַטשיילע און זי אַרויפגעלייגט אויף דער אָפענער גמרא. ער האָט אַ שוואַכן קריץ געטון מיט די ציין, אַראָפּגעלאָזט די גרינע אויגן און שטיל אַ פרעג געטון, ווי ער וואָלט זיך געהיטן פאַר די פיר ווענט:

— וואָס מאַכסטו, יענטל?

— וואָס איך מאַך? — האָט די מויד געענטפערט מיט כעס, — איך גיי חתונה האָבן.

און דאַ האָט יענטל, אַוועקזעצנדיק זיך בײַם טיש, בײַ די אָפּענע גמרות, אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז זי האָט זיך שוין געגנוג אָפּגעשוואַרצט די יאָרן אויף אַלערליי „שטעלן" (זי איז געווען אַ דינסט) און זי גייט חתונה האָבן מאַר אַ בעל־מלאָכה. גדן האָט זי זיך אָנגעזאַמלט. נאָר נאָך אויסשטײַער איז זי געקומען צום „שיינעם טאַטן". אויך חתונה צו מאַכן איז דער „שיינער טאַטע" נישט קליין, חתונה מיט פיש און בולקעס, קלעזמאָרים און אַ בדחן. אָן פיש מיט בולקעס וועט דער חתן אַנטלויפן פון אונטער דער חופה. „היינטיקע יונגעלייט" האָבן נישט ליב אַז מען בלאָזט זיי אין דער קאַשע, — דערבײַ האָט יענטל אַרויפּגעלייגט אירע רויטע צעפּראַצעוועטע הענט אויף אַן אָפּענער גמרא און די גרויסע בריסטן האָבן איר פעסט אָנגעהויבן צו אָטעמען אונטער דער רעטאָנדע.

חיים טוביה האָט געקנייפּט די רויטע פּאַטשיילע וואָס איז געלעגן אויף זײַן גמרא —

— מילא, אויסשטײַער. נו... איך וועל דיר מאַכן אַ קליידל.

— אַ קליידל ? — האָט זיך יענטל צעלאַכט מיט אַ ווילדן כעס — אַ קליידל גייט ער מיר מאַכן, דער ליכטיקער טאַטע. ער מיינט אַז עס זענען די פאַרשלומפּערטע זשעליכאָווער צייטן. היינט איז אַן אַנדער וועלט, טאַטע לעבן, האָט זי געטון אַ קריץ מיט די ציין פּונקט ווי חיים טוביה און האָפערדיקער אויסגעלייגט אירע הענט איבער דער אָפּענער גמרא, חתנים האָבן היינט געגנוג מיידן. זיי וועלן נישט גיין אונטער דער חופה בלויז פאַר דעם שיינעם פּנימל. יענטל האָט אָנגעהויבן אויסצורעכענען וואָס זי באַדאַרף אויף אויסשטײַער, און זי האָט פאַר חיים טוביהן אַ זאָג אַרויס געטון די אַלע עקזאָטישע נעמען פון די היינטיקע מאָדעס, ווערטער וואָס האָבן געשטאָכן חיים טוביהן אין די אויערן מיט זייער פרעמדקייט. אַן אומגעדולדיקער האָט ער בסדר געקנייפּט די רויטע פּאַטשיילע און ענדלעך אַרויסגעפּלאַצט:

— וואָס מיינסטו, איך בין קרח ?

— זע נאָר דעם שיינעם טאַטן, האָט יענטל זיך צעשריגן און זיך אָנגעכאַפּט פאַר די באַקעס. ווילסט כ'זאָל בלײַבן אַן אַלטע מויד ? ניין, טאַטע־לעבן. נו, איך זע אַז איך וועל דיר מוזן אַרויפשיקן דעם

חתן אין חדר אריין. ס'איז אַ יינגעלע וואָס ווייסט ווי צו רעדן מיט אַזעלכע יידעלעך ווי דו. און אַז מע באַדאַרף, ליגן די הענט בײַ אים נישט אין קימפּעט — יענטל האָט זיך חוצפּהדיק צעלאַכט און זיך אויסגעבויגן צו חיים טוביהן — פון זיינס אַ פּאַטש זעט מען די עלטערבאָבע אין גן־עדן. נאַ, זע, און יענטל האָט פּלוצעם אויפגעדעקט אַ פעטע פליישיקע האַנט אויף וועלכער עס איז געזעסן אַ גרויסער בלויער פלעק. עס האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון וואַרעם פּרויען־לייב. יענטל האָט די נאַקעטע אויפגעדעקטע האַנט צוגעבויגן צו חיים טוביהס נאָז. דאָס האָב איך געקריגן חתימה־געלט פון חתן, האָט יענטל געזאָגט מיט אַ בייז געלעכטערל.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און חיים טוביה האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן אַנגעהויבן פונאַנדערצוקנעפּלען דעם דיקן וואַטאָוון שפּאַנצער און ערגעץ פון צווישן די צעריסענע שפּאַנצער־שפּאַלטן אַרויסגעשלעפּט אַ שמוציק זעקל, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַלערליי שטריקלעך. דאָס זעקל איז אַרויסגעקומען פון די באַהעלטענישן אַ דיקלעכס, און אַן אַנגעבלאָזנס און אַ זאַטס. חיים טוביה האָט אַריינגעשטעקט זיינע דאַרע ציטערדיקע פינגערלעך אין דעם זעקל אריין, אַרויסגענומען פון דאָרט עטלעכע צעקנייטשטע קערבלעך און זיי געוויזן דער מויד —

— נו, לאָמיך לערנען, — האָט ער געקריצט מיט די ציין און אַלץ געהאַלטן דאָס געלט אין דער האַנט.

— קורחס אוצרות האָט ער אין זעקל, דער אָרעמאַן נעבעך, האָט די מויד געקוויטשעט און אים אַרויסגעריסן די פּאָר רובל פון דער האַנט. ער מיינט טאַקע, אַז איך וועל אים ווערן אַן אַלטע מויד. דער חתן וועט קומען, וועט ער זיך שוין מיט דיר אויסטענהן, האָט זי אַ געשריי־געטון, שנעל אויפגעשטאַנען, גענומען דאָס געלט און פאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

חיים טוביה איז געבליבן זיצן אַ נידערגעשלאָגענער. מיר אַלע האָבן געשוויגן. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז ער איז געקומען צו זיך און אויף אַ שטיל קול אָנגעהויבן מיט אונדז צו לערנען די גמרא „נדרים".

צומאַרגנס אינמיטן לערנען האָט זיך ווידער געעפנט די טיר און כ'איז אַריינגעקומען אַ בלייכער קרענקלעכער יונגערמאַן מיט אַ געל אָפּגעשאָסן בערדל. ער איז אַריינגעקומען אַ פּאַרסאַפּעטער, זיך שווער אָנידערגעזעצט אויף דער באַנק צווישן אונדז און זיך מיט אַ גרויסע רויטע פאַטשיילע געווישט דעם נאַסן שטערן. קוים האָט ער באַוויזן אַרויסצוזאָגן די ערשטע ווערטער האָט ער געזאָגט צו חיים טוביהן: „וואָס מאַכסטו, טאַטע?" און ער האָט זיך אויף דערויף באַלד שטאַרק פאַרהוסט. חיים טוביה האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און איז מיט דעם יונגנמאַן אַוועקגעגאַנגען אין דער זייט און זיך געסודעט. זיי האָבן גערעדט וועגן דער חתונה פון דער שוועסטער.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז דער יונגערמאַן איז אַ מלמד ערגעץ אין לאָדזש, אַ שלאָפער און שפּייט צו ביסלעך צו מיט בלוט. דערצו איז ער אַן אָפּגעגטער חשוך־בנים און וואַלגערט זיך פונקט ווי חיים טוביה אין לאָדזש אַרום אָן אַ ווייב.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ווידער געקומען חיים טוביהס טאָכטער, אָבער איצט איז די מויד נישט געקומען אַליין.

זי איז געקומען מיט אַ הויכן ברייט־ביינעקן געלן יונג. דער יונג האָט געטראָגן הויכע גלאַנציקע שטיוול און אַ קליין יידיש היטעלע אויפן שפּיץ קאָפּ. ער האָט געשיקלט און געהאַט אַ פול פּנים מיט פּרישטשעס. ער האָט געהאַט אַ געגאָלטע באָרד און אַ פּאָר דיקע געלע וואָנצעס. ער איז נאָכגעגאַנגען חיים טוביהס טאָכטער מיט פעסטע און כיטרע־איינגעהאַלטענע טריט. אַריינקומענדיק אין חדר האָט ער זיך קודם־כל אַרומגעקוקט אויף די ווענט, און דאַן אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אונדז און געטון אַ פּיפּיק שמייכעלע מיט די שיקלדיקע אויגן.

חיים טוביה איז בלאַס געוואָרן ווען ער האָט דערזען דעם בחור. ער האָט ווידער אַרויסגעכאַפּט די רויטע פאַטשיילע פון דער קעשענע און זי אַרויפגעלייגט אויף דער גמרא. די מויד האָט אָבער אויסגעקוקט צו זיין אין בעסטן מוט.

— דאָס איז דיין מחותן, יענקל, — האָט די מויד אַ זאָג געטון צום געלן יונג און אים אַ צופּ געטון פאַרן אַרבל. שעם זיך נישט, יענקל.

יענקל האָט בסדר פּיפּיק געשמייכלט מיט זיינע שיקלדיקע אויגן און געגעבן אַ הוסט צו חיים טביהן.

— גולט, טאַטע, — האָט די מויד געזאָגט אין אַ זיכערן און האָ־פּערדיקן טאָן. און חיים טוביה האָט ווידער מיט ציטערדיקע פינגער אַרויסגעשלעפּט דאָס פעטע זעקל פון די שפּאַלטן פון זיין וואַטאָוון שפּאַנצער און געציילט קערבלעך.

אַזוי האָט זיך פּאַמעלעך דערנענטערט דער זמן פון דער חתונה. ווען עס האָט שוין געהאַלטן גאָר נאָנט צו דער חתונה, האָט זיך די רביצין רבקהלע אָנגעהויבן צו פּאָרען. זי איז אַריינגעקומען צו חיים טוביהן און אָנגעהויבן צו מאָנען געלט אויף פיש, אויף פלייש, לעקע־כער און בולקעס. אַלצדינג וואָס מע דאַרף צו אַ חתונה. חיים טוביה האָט אַלעמאָל אַרויסגענומען דאָס זעקל פון זיין שפּאַנצער. דאָס זעקל, וויפיל מע האָט דערפון נישט געשעפּט, האָט נאָרנישט אויסגעקוקט מאָגערער צו ווערן. אַלע מאָל איז עס אַ ביסל דיקער צוריק פאַרשוואונדן אין די וואַטעס פון דעם שפּאַנצער, און חיים טוביה האָט געקריצט מיט די ציין, אונדז אויסגערופן אויף די צונעמענישן און געלערנט גמרא „נדרים".

# קאַפּיטל צוועלף

עליש גיים אונז „עפּעס ווייזן". דורך קעלער־פענצטערלעך. די געלע מויד יאָגט אונז מיטן בעזים. ווען איר קומען אין גן־עדן אַרייַן, רב ייד...

א טאָג פאַר דעם חופּה־טאָג האָט חיים־טוביה א ביסל אָפּגעלאָזט די לייצעס איבער אונדז. פון דער קיך האָבן אַריינגעשלאָגן די ריחות פון פיש, געבעקס און פון עופות. אינמיטן לערנען איז אַלעמאָל אַריינגעקומען די רביצין רבקהלע מיט אַנדערע חשבונות. אויך די כלה איז עפּעטער געקומען א צעיאַכמערטע און א בייזע. מיר האָבן אַלעמאָל געמוזט איבעררייסן דאָס לערנען הגם די נמרות „נדרים" זענען פסדר געעפנטע געלעגן אויפן טיש.

אין דעם דאָזיקן פאַר־חופּה־טאָג איז חיים טוביה געווען פאַרנומען מיט חתונה און געלט־זאַכן. ער איז ערגעץ־וואו אוועקגעגאַנגען מיט דער רביצין רבקהלע, איבערגעלאָזט די רויטע פּאַטשיילע אויף דער אָפענער גמרא און אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלן דערווייל חזרן, וואָרעם אָקערשט קומט ער צוריק. ווען מיר זענען געבליבן אַליין האָט זיך עליש אָנגערופן:

— דער אַלטער תרח וועט נישט אַזוי גיך צוריקקומען. קומט אַראָפּ אויפן גאַס און איך וועל אייך עפּעס ווייזן.

דערהערט „עפּעס ווייזן" האָט זיך אברהם מענדל (דער אָרעמער בעל־עבירה) באַלד אָנגעצונדן. ער איז זשעדנע געווען צו זען וואָס עליש וועט „ווייזן".

ווען מיר זענען אַראָפּגעקומען אויפן הויף (אפילו בעריש טוימאַן דער „רב" איז מיטגעגאַנגען) האָט אונדז עליש אַרויסגעפירט אויפן

נאַס. איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס איז ער מיט אונדז געגאַנגען צו דער „פּראָמינאַדע". דאָרט איז ער געבליבן שטיין ביי אַ קעלער מיט פענצטערלעך.

— בוינט זיך אַראָפּ און קוקט אַריין דורך די פענצטערלעך. איר זעט דאָרטן בעטן? — האָט עליש געפרעגט.

— מיר זעען בעטן, — האָבן מיר געענטפערט.

— אויף די דאָזיקע בעטן טוט מען עבירות, — האָט עליש געזאָגט. — אין די אָוונטן ווען ס'ווערט טונקל קומען דאָ מאַנספּאַר־שוינען צו טון עבירות. בשעת די מאַנספּאַרשוינען טוען עבירות שפּילט אַ בלינדער ייד אויף אַ קאַטערינקע. מע האָט אים אומישנע אויסגעשטאָכן די אויגן כדי ער זאָל נישט זען.

— און מיידן זעט איר? — האָט עליש ווייטער געפרעגט.

— ניין, מיר זעען ניט קיין מיידן, — האָבן מיר אַלע גע־ענטפערט.

— קוקט בעסער, וועט איר זען נאַקעטע מיידן. מיט זיי טוען יידן עבירות.

פון עלישעם מויל האָבן זיך מיר אויסגעדוכט צו שפּירן די סמאַ־לעם פון גהינום. איך האָב מיר נישט געקענט גוט פאָרשטעלן דעם שייכות פון די בעטן, די מיידן, און די זינדיקע יידן. פון די שטילע קעלער־פענצטערלעך האָט עס אָנגעהויבן אַרויסצושמעקן מיט די גרוי־ליקע מעשיות פון „קב־הישר". מיר האָבן אַלע געפילט באַשיימפּער־לעך אַז עליש האָט אונדז דאָ, נישט ווייט פון דער פּיעטריקאָווער גאַס, צוגעפירט צו דער פינצטערער טיר פון גהינום.

עליש האָט פּלוצעם גענומען אַ שטיינדל און אַריינגעוואָרפן אין אַ פענצטערל פון דעם קעלער ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט אויפ־טרייסלען די „יענע וועלטישע" זומפּ צו וועלכער ער׳ האָט אונדז צו־געפירט.

אין דער ישוב פון דעם פענצטער האָט זיך באוויזן א קאָפּ פון אן עלטערער יידענע אין א שלאָף־קופּקע. זי האָט צו אונדז ארויסגעדראָט מיט דער פויסט.

עליש האָט געוואָרפן נאָך א שטיינדל.

דאָ האָט זיך מיט א געפּראַל געעפנט די טיר פון קעלער. א רויטע צעשויבערטע מויד איז א צעפּעסטע ארויסגעקומען מיט א בעזעם.

עליש האָט איר נאָכגעשריגן עפּעס א וואָרט אויף פּויליש, וועלכעס איך האָב נישט פאַרשטאַנען. דאָס וואָרט האָט דער מויד גאָר ארויסגעבראָכן פון די כלים. זי האָט זיך מיט ווילדע געשרייען אויף אונדז געוואָרפן מיטן בעזעם און מיר זענען אנטלאָפן.

אנטלויפנדיק האָט עליש איר נאָכגעשריגן עפּעס פּרעמדע פּויליש ווערטער, וואָס קיינער פון אונדז האָט נישט פאַרשטאַנען נאָר זיי האָבן באשיימפּערלעך געווייעט מיט טומאה. די מויד איז וואָס אמאָל מער אריינגעפאלן אין א ווילדערן כעס. זי האָט אונדז געיאָגט מיטן בעזעם.

מיר זענען אנטלאָפן. אָבער די מויד האָט געיאָגט. שוין זייענדיק אויפן הויף פון חדר איז די מויד אלץ געווען הינטער אונדז און געפּאָכעט מיטן בעזעם. מיר זענען צעיאָכמערטע ארויפגעקומען אין חדר אריין. חיים טוביה איז געזעסן ביי דער גמרא. דער כעס האָט געקאָכט אין זיינע איננעווייַדן. ער האָט זיך געוואָלט וואָרפן אויף אונדז שלאָגן.

פּלוצעם האָט זיך א פּראַל־אויף געטון די טיר פון חדר. די רויטע מויד מיטן בעזעם איז ווי א וויכער אריינגעפאלן אין חדר אריין.

— וואָס האַלט איר נישט ביי זיך אייערע ממזרים, רב פּעטער — האָט די מויד א הייזעריקע געקוויטשעט — וועט איר קומען אין גן־עדן אריין, רב ייד...

אין גרויס שרעק האָב איך בחוש געפילט ווי פון דער רויטער מויד שמעקט מיט „יענער וועלט”.

חיים טוביה האָט זיך איינגעקאָרטשעט פֿון בלאַסקייט. ער האָט אַרויסגעכאַפּט די רויטע פּאַטשיילע פֿון דער קעשענע און זי געקנייפּט פֿון פֿאַרלוירנקייט. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז דאָס שפּיציקע גרויע בערדל איז אים ווייסער און בלאַסער געוואָרן אין יענער רגע.

די מויד האָט געקוויטשעט און געפּאַכעט מיטן בעזעם צו דער זייט פֿון חיים טוביהן. דאַן האָט זי פֿעסדיק פֿאַרהאַקט די טיר. הינטער דער טיר האָט מען נאָך געהערט אירע הייזעריקע געשרייען. חיים טוביה איז געזעסן אַ טויט-בלאַסער.

פֿון דער טיר האָט אַ דערשראָקענע אַריינגעשטעקט איר קאָפּ די רביצין רבקהלע.

# קאַפּיטל דרייצן

דאָס קנאַפּערע „שטיבל" פֿון גלאָוואַצקי און מוכניצקי. צוויי שותּפֿים. משה גלאָוואַצקי׳ן טוט דאָס ווייב אָפּ אויף טערקיש. אין דער ליידיקער שלאָף־שטוב. הירשל מוכניצקי. בערל. ביי ר׳ מרדכי וולאָטשאָווער. בערל וואַקסט אַן אַפּיקורס. די וואַרשעווער שנור. דאָס חויקערל. שבת אין דער פֿרי. דאָס גערטנדל אויף דערוויל. הזכּרת־נשמות. איידער די פֿייגל וועלן עס דערציילן אויף די דעכער, איז גלייכער צו שיקן אַ שדכן.

דער טאַטע האָט געדאַוונט אין „גרויסן" אַלעקסאַנדרער שטיבל, וואו עס האָבן געדאַוונט די שאַרפֿע אַלעקסאַנדערער חסידים. דער זיידע ברוך — וואָס האָט אין די ווינטערס אָנגעהויבן מיט אונדז צוזאַמען צו וואוינען אין לאָדזש — האָט געדאַוונט אין אַ שטיבל וואָס איז געווען סך־הכּל דאָס דריטע הויז פֿון די „הויזן". דאָס שטיבל פֿון גלאַוואַצקי און מוכניצקי. אָפּיציעל אויך מפֿלומרשט אַן אַלעקסאַנדערער שטיבל, אָבער אין דער אמתן האָט דאָרט געדאַוונט אַ צוזאַמענגעלאָף פֿון פֿאַרשיידענע באַלעבאַטישע יידן. דער עיקר היינטצייטיקע יאָלדישע און נגידישע פֿאַבריקאַנטלעך. שבת האָבן זיי געטראָגן יאָלדיש־געניטע זיידענע קאַפּאָטקעלעך און ממזריש־קליינע סאַמעטענע היטלעך אויף די קעפּ. זייערע טליתים זענען תּמיד געווען ווייסע און אויסגעוואַשענע און מיט בלאַנקענדיקע זילבערנע עטרותלעך. עס האָט זיך פֿון די דאָזיקע יונגעלייט געטראָגן דער ריח פֿון שמעקעדיקע זייף. שבת צום דאַווענען זענען זייערע אויגן געווען פֿייכט פֿון שפּעטן שלאָף און פֿון ווייכע וואַרעמע בעטן. זיי זענען געווען קנאַפּע דאַווענערס און האָלט געהאַט צווייִדייטיקע הלצהלעך. ביים לייענען האָט דער גבאי כּסדר געמוזט קלאַפּן אין שולחן אַריין אַז עס זאָל זיין שטיל, מחמת די יונגעלייט האָבן גראָד אינמיטן „לייענען" ליב געהאַט צו שמועסן פֿון קאָרטן און געפּעפּערטן ניבול־פּה. אַלטע יידן,

וואָס האָבן אַרייַנגעקוקט אין די חומשים און נאָכגעפּאָלגט די קריאה האָבן בּסדר געשריגן שאַ! עס האָט קנאַפּ געפעלט. פון גרוים שוואַכקאָג האָבן די געבאַלעוועטע זיידענע יונגעמאַנטשיקלעך אַלעמען געהערט ווי דעם נעכטיקן טאָג. איבערהויפּט, ווען די שרייערס און קלאַפּערס זענען סרוב געווען אָרעמע יידן.

אויך אָרעמע יידן האָבן נעדאַוונט אין דעם נגידישן שטיבּל פון גלאַוואַצקי און מוכניצקי. סרוב זענען עס געווען עניוותדיקע אַלעקסאַנדערער חסידים. יידן פון דער גראָער חסידישער מאַסע, אַזוי צו זאָגן. יידן, וואָס וואָלטן אין די שאַרפקייטן פון „גרויסן" שטיבּל נישט געהאַט קיין אָנזען. וואָרעם די דאָזיקע אָרעמע יידן זענען געווען צווייטראַנגיקע. צווייטראַנגיקע בּני־תורהס, צווייטראַנגיקע מנגנים און צווייטראַנגיקע בּעלי־תפילות און בּעלי־קוראָס. צווייטראַנגיקע אָרעמעלייט. אין „גרויסן" שטיבּל וואָלט זיך קיינער אויף זיי נישט אומגעקוקט. ט'זענען נעווען בּילכערע. אַקעגן ר' לוי סאַהן, שמחה אַבּערבּוים, מרדכי וולאַשטשאָווער און שבּתי העכט וואָלטן זיך די דאָזיקע ווינציקע אָרעמע יידן נאַרנישט אַרויסגעזען. דערצו זענען עס נעווען יידן, וואָס זייערע קינדער זענען געווען בּעלי־מלאכות, וועבּער, און געאַרבּעט אין די קליינע יידישע לאָדזשער פאַבּריקלעך. צו האָבן אַזעלכע קינדער איז אויך נישט נעווען קיין סגולה אויף כּבוד אין „גרויסן" אַלעקסאַנדערער שטיבּל. דערפאַר האָבן זיי פאַרט היפּש געגאָלטן אין דעם קנאַפּערן שטיבּל פון גלאַוואַצקי און מוכניצקי, וואו אַלע זענען סוף־כּל־סוף געווען פּראָסטע מענטשן, און די דאָזיקע צווייטראַנגיקע חסידישע אָרעמעלייט האָבן געקאָנט גילטן פאַר בּעל־תפילהס, בּעל־קוראָס און צו אַנדערע אַמטן וואו אַן אָרעמער ייד קאָן בּאַווייזן זיין חשיבות.

דער דריטער צד אין גלאַוואַצקיס און מוכניצקיס שטיבּל זענען געווען די עטלעכע נגידישע עלטערע יידן וואָס האָבן דאָ נעדאַוונט. אויך זיי האָבן נישט בּאַלאַנגט צו דעם איי־איי פון דער חסידיש־נגידישער סמעטענע אין לאָדזש. פאַר זייערע נגידישע אַמבּיציעס איז אויך בּילכער געווען צו דאַוונען אין דעם צווייטראַנגיקן שטיבּל איידער אין „גרויסן" שטיבּל וואו עס בּרענט דאָס שאַרפקייט.

קודם־כל די צוויי באַלעבאַטים פון דעם הויז, וואו עס איז געווען דאָס שטיבל: משה גלאָוואַצקי און הירשל מוכניצקי.

משה גלאָוואַצקי איז געווען אַ קליין דריבנע יידל מיט אַ לאַנגער גרויער גביריש־צעקעמטער באָרד. ער איז בטבע געווען אַ גרויסער שתקן, געמיינט רייך אַז מען לאָזט אים צורו. וואָרעם שטענדיק איז דער ייד נעבעך געוועזן אַן אַלמן און געשטאַנען אין שידוכים. פון די שידוכים האָט זיך כּסדר אויסגעלאָזט אַ בוידעם, און משה גלאָוואַצקי האָט כּסדר געזיפצט הלמאי ער איז אָן אַ ווייב, און מקנא געווען זיין שותּף הירשל מוכניצקי, וועלכער האָט דווקא געהאַט אַ ווייב, אַ געזונטע, אַ רויטע, אַ פעטע און מיט אַ היפש בייכל. נאָר אַזוי ווי משה גלאָוואַצקי איז געווען אַ שתקן האָט ער געשוויגן און געקוקט מיט אַ פּאָר טרויעריקע טונקעלע אויגן אויף דער אַכזריותדיקער וועלט, וואָס לאָזט אים זיצן אָן אַ ווייב. ער האָט געהאַט אַ טבע צו קייען דאָס דאַווענען. טאָמער האָט זיך באַוויזן אַ פרעמדער ייד אין שטיבל האָט ער צו אים בושהדיק אויפגעהויבן די אויגן פון סידור. משה גלאָוואַצקי האָט אויף יעדן פרעמדן ייד געקוקט ווי אויף אַ שדכן וואָס וועט אים ענדלעך ברענגען דאָס ריכטיקע. נאָר אַזוי ווי שדכנים האָבן אָנגעהויבן וואָס זעלטענער צו קומען, איז דער ייד נעבעך איינגעטריקנט געוואָרן פון תשוקה. ער האָט געקייט דאָס דאַווענען און ביינאַכט געזעען אין חלומות וואָס אַט־אַ דער שותּף הירשל מוכניצקי טוט אַוועק מיט זיין באַבייכלדיק ווייב. נעבעך!

דאָס ערשטע ווייב זיינס האָט אים, משה גלאָוואַצקין, אָפּגעטון אויף טערקיש, אַוועקגעשטאָרבן און אים איבערגעלאָזט אַליין אין דער לײדיקער שלאָף־שטוב מיט דעם ווײסטן אומעט פון אַן אַלמן און מיט די חלומות, וואָס עס טוט זיך איצט אָפּ אין דער שלאָף־שטוב פון זיין שותּף הירשל מוכניצקי. די דאָזיקע יידענע — משה גלאָוואַצקי קאָן איר נאָך נישט פאַרגעסן די עוולה: סטייטש, ווי נעמט דאָס אַ ווייב און שטאַרבט אַוועק פון אַ מאַן? ווער ווייסט, אפשר איז עס נאָר אירס אַ שפּיצל פון „יענער וועלט", וואָס שדכנים קאָנען אים נישט צוקלייבן קיין שידוך, און צום סוף האָבן זיי, די שדכנים, בכלל נעגעבן אויף אים אַ מאַך מיט דער האַנט און האָבן אים

ווי אויסגעשטראָכן פון זייער שדכנים־צעטל. פון דער דאָזיקער גע־שטאָרבענער יידענע האָט משה גלאָוואַצקי געהאַט צוויי קינדער, בערל און שרהטשע.

בערל איז געווען אַ הויכער, אַ בלאַסער און אַ קרענקלעכער. אויס אויג די מוטער עליה השלום. יינגלווייז האָט בערל געהאַט נים קיין „שלעכט קעפּל" — און דערצו אַ קיילעכדיקער יתום — האָט משה גלאָוואַצקי אים אוועקגעגעבן צו לערנען ביי ר' מרדכי וואָלאַשטשאָווער. איינעם פון די גרעסטע לומדים צווישן אַלעקסאַנדערער חסידים און אַ לייבלעכער שוואָגער פון ר' לוי קאָהן. ר' מרדכי וואָלאַשטשאָווער האָט געוואוינט אין אַ נאַסע און פינצטערע דירה ערגעץ אין אַ צווייטן הויף אויף צעגלאַנע גאַס, אַ דירה מיט נידעריקע פענצטער, וואָס זע־נען פונקט אַרויסגעגאַנגען אויף די הויפּישע בית־הכסאס. די נאַסקייט האָט געפרעסן פון די ווענט. סיי די בעטן און סיי די שענק האָבן געמוזט שטיין אָפּגערוקטע, אַזיסט וואָלט אַלץ נעפוילט. נאָר עס האָט סיי־ווי געפוילט. אַלצדינג אין ר' מרדכים דירה איז פול געווען מיט שימל. מע האָט געמוזט האָבן לונגען און אַ האַרץ פון אייזן צו קאָנען לאַנג זיין אין ר' מרדכי וואָלאַשטשאָווערס דירה. ר' מרדכי, הגם אַ שטיקל לונגען חלוש, האָט דאָרט געוואוינט כּמה וכּמה יאָרן, געהאַט קינדער אין די פּאַרווילגאָטשטע בעטן, און געקנעלט שאַרפע סוגיהם מיט די נגידישסטע בחורים צווישן אַלעקסאַנדערער חסידים. לערנען ביי ר' מרדכין האָט שוין אַליין פאַר זיך געהייסן אַן אַטעסטאַט פון אַ „גוטן בחור" און אַ גרויסע סגולה צו אַ שיינעם שידוך.

אין דער נאַסער פינצטערקייט פון ר' מרדכי וואָלאַשטשאָווערס דירה — און צווישן די אומאָנגענעמע ריחות, וואָס האָבן עקשנותדיק אַריינגעשלאָגן פון די קעגנאיבערדיקע בית־הכסאס — האָבן זיך אַריינ־געמישט די אַלטע און טייערע אַראָמאַטן פון איידעלע אונגאַר־ווײַנען וועלכע זענען אין פלאַשן, סטאַדעסווייז געשטאַנען הינטער די שענק און ביי די פּאַרווילגאָטשטע ווענט. ר' מרדכי וואָלאַשטשאָווער האָט אַחוץ זיין מלמדות מיט רייכע חסידישע חתן־בחורים אויך געהאַנדלט מיט אונגאַר־ווײַן. רייכע אַלעקסאַנדערער חסידים פלעגן ביי אים קויפן די דאָזיקע טייערע ווײַנען.

ווען בערל איז אונטערגעוואקסן האָט עס משה גלאָוואצקי גע־האַלטן פאַר אַ מאָראַלישן חוב אָפּצוגעבן דעם בלאָסן בן־יחיד צו ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער. ערשטנס: כּדי צו ווייזן דעם חילוק צווישן זיין בלייכן און קרענקלעכן בן־יחידל און הירשל מוכניצקיס געזונטע אָנגעפּרעסטע בנים. מע זעט אויף זיי די מאַמעס — און משה גלאָ־וואצקי האָט זיך ווידער דערמאָנט אין זיין לײדיקער שלאָף־שטוב און אין דער רויטער פעטלעכער יידענע פון הירשל מוכניצקי. לאָז כאָטש דאָס זיין די נקמה. צווייטנס: לערגען ביי ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער צוזאַמען מיט די נגידישסטע בחורים פון לאָדזשער אַלעקסאַנדערער חסידים איז אַ גרויסע סגולה צו קריגן פאַר בערלען אַ יחוסדיקן שידוך. און אפשר — גאָט ווייסט — וועלן זיך אין זכות פון בערלען די שרכנים אין אים אויך דערמאָנען און אים ענדלעך ברענגען דאָס ריכטיקע.

קיינער ווייסט נישט ווי אַזוי, נאָר ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער האָט אַמאָל ביי בערלען געפּאַקט אַ „הצפירה". ש. י. יאַצקאָן האָט דאָרט אָנגעהויבן צו שרייבן זיינע טעגלעכע פעליעטאָנען א״נ „חזון היום" אין וועלכע ער האָט מיט אַ מתנגדיש־משכּילישער סאַטירע אָפּגעלאַכט פון חסידים און פון חסידים־שטיבלעך. ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער האָט גענומען די „הצפירה" איבערגעלייענט פון קאָפּ ביז פיס, ביז ער האָט ענדלעך געפּאַקט דעם וואָרעם אין כריין. ער האָט אויף דעם בלאָסן קרענקלעכן בערל געטון אַ שאַרפן קוק ווי ער וואָלט אין אים געכאַפּט דעם צוקונפטיקן משה דעסער. אָבער מע דאַרף אים ראַ־טעווען כּל־זמן עס איז נאָך צייט. ראַטעווען אפילו אויפן חשבון פון אַן איינמאָליקן ביטול תורה. כּל המקיים נפש אחת מישראל אא״וו. ר׳ מרדכי האָט זיך טאַקע נישט געפוילט, אָוועקגעלייגט די גמרות אין דער זייט און אויסגעלייגט אויפן טיש די „הצפירה" און גענומען מיט בערלען וואָרט ביי וואָרט אַדורכצוקייען יאַצקאָנס „חזון היום" און ווייזן ווי פאַליש און נישט ריכטיק אַלץ איז דאָרט. פונדעסטוועגן — דעם זעלבן אָוונט איז ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער אַרויפגעגאַנגען צו משה גלאָוואצקין, זיך מיט אים פאַרמאַכט אין דער לײדיקער שלאָף־שטוב און אים אָנגעזאָגט, למען־השם נישט צו פאַרציען אין דער לאַנגער באַנק אַריין און צו טון מיט בערלען אַ שידוך. אַ שידוך איז

די איינציקע רפואה, אז בערל זאָל חס־ושלום נישט אויסוואַקסן צו קיין אפּיקורס.

אויף משה גלאָוואַצקין האָט אַרויסגעשלאָגן דער קאַלטער שוויים ווען ער האָט געהערט פון מרדכי וואָלאַשטשאָווער דאָס וואָרט „אפּיקורס". אין זיין באַלעבאַטישער משפּחה איז אַזעלכעס נאָך קיינמאָל נישט געווען. זיי האָבן מיט דעם קיינמאָל נישט געהאַנדלט. טאָמער ווערט בערל חס וחלילה אַן אפּיקורס, מעג ער אַליין, משה גלאָוואַצקי הייסט עס, שוין פאַרנעמען צו קריגן פאַר זיך אַ שידוך און אַ ווייב. קיין שום יידענע וועט נישט איינגיין צו וואוינען אונטער איין דאַך מיט אַ טריף־פּסול. משה גלאָוואַצקי האָט אַ קוק געטון אויף ר׳ מרדכי וואָלאַשטשאָווער און אויף דעם ליידיקן בעט פון דעם געשטאָרבענעם ווייב.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און בערל איז אַ חתן געוואָרן פון וואַרשע. דער מחותן האָט געהייסן ר׳ אברהמעלע באָראָווסקי, אַ וואַרשעווער גביר און נעשוועסטערקינדל פון ר׳ ישעי פּריוועס. סאַמע סמעטענע.

ר׳ מרדכי וואָלאַשטשאָווער האָט געיאָגט. מע האָט נישט באַלע־מוטשעט מיט דעם זמן החתונה.

צו משה גלאָוואַצקין אין פּאַראַלעמנטן הויז איז געקומען אַ נגידישע וואַרשעווער שנור, אַ הויכע, אַ בלייכע און אַ קרענקלעכע. אַלע זענען פאַר איר געגאַנגען אויף די נעגל וואָרעם זי האָט גערעדט וואַרשעווער לשון, געזאָגט „יאַך" און צווישן צוויי ווערטער דערציילט פון איר טאַטעשי אברהמעלע באָראָווסקי, פון די פּריוועסעס און פון די לאַ־זשענסקעס. בערל האָט איר אַלע אינדערפרי געמוזט צוטראָגן אין בעט אַריין פּוטער־קוכן מיט קאַווע, וואָרעם אַזוי איז מען זיך נוהג ביי די פּריוועסעס און ביי אַנדערע וואַרשעווער גבירים. שפּיל זיך מיט וואַרשע!

משה גלאָוואַצקי האָט זיך איצטער זאָרגפעלטיקער געקעמט די לאַנגע גראָע באָרד און געוואָרט אויף שדכנים. ביינאַכט האָט ער געקוקט אויף דעם צווייטן ליידיקן בעט, וואָס איז געשטאַנען נעבן

אים. ווען ער איז איינגעשלאָפן האָט זיך אים, אחוץ די שלאָף־שטוב פון הירשל מוכניצקי, אויך געחלומט וואָס עס טוט זיך אין דער שלאָף־שטוב פון זיין זון בערל מיט דער וואַרשעווער מיוחסת.

---

משה גלאָוואַצקיס טאָכטער שרהטשע איז גראָד געווען אַ קליינע און אַ דריבנע ווי דער פאָטער. הנם מיט דער קרענקלעכער בלאָס־קייט האָט זי געגראָטן אין דער געשטאָרבענער מוטער. שרהטשע איז קינדווייז אַראָפּגעפאַלן פון אַ טיש. פון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן פאַל, הייסט עס, איז איר פאַרבליבן אַ גרויסער און שפּיציקער הויקער. דער דאָזיקער אומגליקלעכער מום האָט אין דעם מיידל דער־צויגן אַ טיפע אָפּגעשלאָסענע פאַרביטערטקייט. זי האָט זעלטן־ווען אַרויסגערעדט אַ וואָרט. זעלטן־ווען געטון אַ שמייכל. זי איז אויך זעלטן־ווען אַרויסגעקומען אין דרויסן. זי האָט נישט געהאַט קיין חברטעס, געהאַט אַ טיפן איינגעבוירענעם האַס צו אַלע און צו אַלע־מען. שעהנווייז פלעגט זי אָפּזיצן אין דעם פאָטערס שלאָף־שטוב און קוקן אויפן אויפגעבעטן בעט פון דער געשטאָרבענער מוטער. פון כסדרדיקן זיצן אין שטוב איז זי געוואָרן נאָך קרענקלעכער און בלאַסער. דער הויקער אויף אירע פּלייצעס האָט אויסגעקוקט צו וואַקסן אין דער אומעטיקער פאַראַלמנטער לופט ביי משה גלאָוואַצקין אין דירה. בלויז שבת אין דער פרי פלעגט זי זיצן ביים פענצטער און מיט אַ בייזער נייַגעריקייט אַראָפּקוקן אויף די נגידישע יונגעלייטלעך, וואָס זענען — מיט די יאַלדישע טליתים־זעקלעך אונטערן אָרעם — געגאַנגען אין שטיבל אַריין דאַווענען.

דאָס ערשטע נפש, צו וועלכן שרהטשע האָט זיך אַ ביסעלע דער־נעענטערט איז געווען די מיוחסדיקע שנור, וואָס איז מיט אַמאָל אַ קום אַריין געגעבן אין דער שטילער אומעטיקער דירה פון משה גלאָוואַצ־קי. דאָס וואַרשעווער ווייבל — ווענען עס איז נישט אָנגעשטאַנען מיט קיינעם זיך צו חברן און זיך נאָר באַקלאָגט אויפן פינצטערן לאַדזש — האָט זיך דווקא צוגעלאָזט צו דער פאַרביטערטער שוועגערין, צום הויקערל. ס'איז געווען עפּעס ווי אַ פּראָטעסט קעגן דער לאַדזשער

אויפגעקומענער סביבה. די באהאלטענע צערטלעכקייטן צווישן דעם בלאסן און הויכן בערל און דעם ווארשעווער ווייבל האבן אין הויקערל געוועקט א טיפע און ערצטישע פרויענהאפטיקייט. ביינאכט פלעגט זי א בארוועסע זיך אוועקשטעלן ביי דער טיר פון בערלס שלאף־שטוב און אויפהארכן יעדן ריר. שבת אין דער פרי האט זי נאך גיריקער ארויס־געקוקט דורך די שויבן און געקוקט אויף די יונגעלייט וואס נייען צום דאוונען. דאס הויקערל האט זיך פארליבט געטוליעט צו דער נייער שווענערין און באטאפט דאס לייב פון דער יונגער פרוי, וואס האט אדורכגעווארעמט דורך די נייע ווארשעווער קליידער. דאס ווייבל האט איר אויפן ברייטן ווארשעווער דיאלעקט דערציילט פון די גרויסע גבירישע חתונות אין די ווארשעווער סאליעס, פון „גרויסן טעאטער" אין ווארשע, פון אלטן קינינלעכן שלאס ביי דער ווייסל, און פון די שפאצירן אין די לאזשענקעס. דאס הויקערל האט גע־הערט פון דער גרויסער וועלט און האט געקוקט אויף דער שווענערין מיט פארבענקטע אויגן.

ביי גלאוואצקין און מוכניצקין אין הויז, נישט ווייט פון שטיבל איז צווישן די מויערן געוואקסן א קליין גערטנדל. די שותפים האבן געוואלט דארט אויפשטעלן א פאבריק, נאר עס האט זיי אויסגעפעלט מזומנים. איידער וואס און איידער ווען זענען דארט געוואקסן עט־לעכע פארגעסענע אויבסט־בוימער. פרילינג האבן זיי ווייס געבליט אינמיטן די רויטע אפגעקרישלטע מויערן, און זיי האבן זיך באדעקט מיט בלעטער און דערוויל איבערן זומער געגרינט. דערוויל. בסדר האט מען אין גערטנדל געמאסטן און גערעכנט פלענער פאר דער פאבריק. א ליאדע טאג האט געקאנט קומען די האק און די דאזיקע „בוימער אויף דערווייל" אונטערהאקן.

צווישן די דאזיקע עטלעכע צום טויט־פארמשפטע אויבסט־בוי־מער פלעגט דאס ווארשעווער ווייבל ניין אמאל שפאצירן. זי האט אויך צוגעוואוינט איר שווענערין, דאס הויקערל, ארויסצוגיין אין דעם אינדרויסן און א קוק צו טון ווי עס בליען אין פרילינג די אויבסט־בוימער און ווי זיי זענען גרין אין זייערע בלעטער. צווישן די בוימער זענען די מעשיות וועגן די לאזשענקעס און וועגן דעם קעניגלעכן שלאס

אין ווארשע אויסגעקומען ווארשיינלעכער. דאָס הויקערל האָט געהאָרכט. ווען דאָס האַרץ איז איר גאָר איבערגעגאַנגען, איז זי מיטאַמאָל אַרויס־געפאַלן אויף דער שוועגערין און זי ליידנשאַפטלעך געקושט אויף די ליפּן.

צום מיינסטן האָט דאָס הויקערל ליב געהאַט אַראָפּצוגיין אין גערטנדל אַריין שבת אינדערפרי. אַ סך נגידישע יונגעלייטלעך האָבן זיך בשעתן „לייענען" אַרויסגעכאַפּט פון שטיבל און דערווייל געוואָלט כאַפּן אַ קוק אין גערטנדל אַריין און אַ קוק טון אויף דער נייער מיוחס־דיקער שנור, וואָס משה גלאָוואַצקי האָט אַהערגעבראַכט פון די „הויכע פענצטער" אין ווארשע.

דאָס הויקערל האָט יעדן איינציקן פון די יונגעלייט דערקענט, וואָרעם זי האָט זיי שבת ביי שבת בסדר געזען דורכן פענצטער.

ווען עס איז געקומען צו די ימים־נוראים איז די ווארשעווערין מיט דעם הויקערל אַראָפּגעגאַנגען אין גערטנדל אַריין צו הערן דאַווע־נען און שופר־בלאָזן. צו „הזכרת נשמות" זענען אַ סך פון די יונגע־לייטלעך אַרויסגעקומען אין גערטנדל אַריין און איבערגעוואַרט די הזכרה, מחמת די יעניקע, וואָס האָבן געהאַט לעבעדיקע עלטערן, טאָרן זיך נישט געפינען אין שטיבל בעת מע איז מזכיר די טויטע.

משה גלאָוואַצקים שנור האָט הויך גערעדט אויף איר ווארשעווער יידיש און טיילמאָל זיך אַפילו צערעדט אויף זייער אַן אַריסטאָקראַטישן פויליש. ס'האָט געשמעקט מיט די נאַלעווקעס און מיט דער גרויסער וועלט. די הזכרה אין שטיבל האָט לאַנג געדויערט. עטלעכע יונגעלייטלעך האָבן זיך דערווייל דערדרייסט צו דערנעענטערן צו דעם פרעמדן ווייבל און מיט איר צו כאַפּן אַ שמועס. די ווארשעווערין האָט געוואוסט, ווי אַזוי מע רעדט מיט יונגעלייט. זי האָט זיי אַלעמען פאַרבליפט מיט איר ווארשעווע־רישקייט. מע האָט מקנא געווען בערלען וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַזא גבירישן יחוס. ס'הייסט מזל. נעבן בערלס ווייבל איז געשטאַנען שרהטשע, משה גלאָוואַצקים בעל־מומישע טאָכטער. אירע באַקן זענען רויט געוואָרן אין דער נאָענטקייט פון די פרעמדע מאַנספאַרשוינען. אירע אויגן זענען גרעסער געוואָרן און זיך פונאַנדערגעלויכטן.

ווען עס האָט זיך געענדיקט די הזכרה אין שטיבל און די יונגע־לייט האָבן געמוזט צוריקגיין צום דאַווענען האָט די וואַרשעווער שנור אויסגעשטרעקט איר וואָרעמע ווייכע גבירישע האַנט און זי דערלאַנגט צו די אַוועקגייענדיקע יונגעלייט. זי האָט זיך מיט זיי געזעגנט אויף אַן אופן ווי מען טוט אין דער גרויסער וועלט.

די בלעטער אויף די אויבסט־בוימער אין גערטנדל האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרפאַרבן מיטן געלד פון האַרבסט. אַ פויגל האָט געטריי־לערט ערגעץ אויף אַ בוים ווי ער וואָלט זיך געפרייט וואָס דערווייל האָבן די בוימער נאָך איבערגעלעבט אַ זומער און די האַק האָט זיך נאָך נישט באַוויזן. עס זענען פאַרבייגעגאַנגען די ימים־נוראים און די סוכותדיקע טעג. נאָך שמחת־תורה ווען עס האָט אָנגעהויבן צו רעגע־נען האָט מען אָנגעהויבן צו דערציילן אַז דאָס הויקערל, משה גלאָוואַצ־קים טאָכטער, האָט זיך פאַרליבט אין איינעם פון די יאָלדישע נגידישע בחורים וואָס האָבן געדאַוונט אין שטיבל. די וואַרשעווער שנור האָט איינגעאָרדנט באַהאַלטענע ראַנדעוואוס. ר׳ מרדכי וולאָשטשאָווער איז אַרויפגעקומען צו משה גלאָוואַצקין, זיך מיט אים פאַרמאַכט אין דער ליידיקער שלאָף־שטוב און אים געוואָרנט, אַז איידער די פייגל וועלן עס דערציילן אויף די דעכער און עס וועט קומען צו חרפות און בושות, איז גלייכער באַלד צו שיקן אַ שדכן און נישט צו פאַרציען אין דער לאַנגער באַנק.

# קאַפּיטל פערצן

ישׂכר שעפּס. מיט דער פּוטער אַרויף. ער האָט פּיינט קבצנים. ישׂכר שעפּס און דאָס צווייטע ווייב. בנים און שנירן. ישׂכר שעפּס און דער זיידע ברוך.

בײַ גלאָוואַצקין און מוכניצקין אין שטיבל האָט געדאַוונט איינער פון די רייכסטע לאָדזשער חסידישע פאַבריקאַנטן — ישׂכר שעפּס.

ישׂכר שעפּס איז געווען אַן עלטערער ייִד, אַ נידעריקער, אַ דיק־לעכער. תמיד אַ בייזער. פאַרוואָס ישׂכר שעפּס האָט נישט געדאַוונט אין „גרויסן" שטיבל צוזאַמען מיט די קאַרפּן־קעפּ, נאָר האָט זיך גראָד אויסגעקליבן אַ צווייטראַנגיק באַלעבאַטיש שטיבל צום דאַווענען, דאָס האָט געהאַט די פאָלגנדיקע סיבה:

ישׂכר שעפּס איז געווען אַ רבס אַזון. אין דער יוגנט זיך אַרומגע־וואַלגערט אין ישיבות און „געגעסן טעג". קיין גרויסער שאַרפער מוח איז ער ניט געווען. ער האָט ענדלעך באַשלאָסן צו ווערן אַ ווע־בער. לאָדזש האָט זיך אָקערשט אָנגעהויבן פונאַנדערצובויען און אויף די פּוסטע ווילקער זאַמדן האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצועפענען נאָלד־ברונעמער. מע האָט נאָר געדאַרפט צו האָבן דאָס ביסעלע מזל. אין לאָדזש האָט מזל מער געגאָלטן ווי פעאיקייטן און ווי חכמה. צו די דאָזיקע גליקלעכע, וואָס האָבן אַליין נישט געוואוסט ווי אַזוי זיי האָבן אַרייַנגעטראָפן אין פּינטל האָט אויך געהערט ישׂכר שעפּס. קיין גרויסער סוחר איז ער נישט געווען. אויך נישט קיין גרויסער חכם. ניכער קאָן מען זאָגן אַז ישׂכר שעפּס איז געווען אַ היפּשער נאַר. נאָר די פּוטער האָט זיך אים אַ קער־געטון אויף אַרויף. און דאָ קאָן מען נישט זיין קיין חכם. ישׂכר שעפּס האָט זיך אויפגעשטעלט אַ גרויסע פאַבריק

אין זדונסקע־וואָליע. האָט זיך אויסגעבויט אַ הויז אין לאָדזש. סוחרים זענען געקומען פון אַלע עקן רוסלאַנד קויפן זיינע סחורות, און ס'איז אַוועק אַ מזמור.

מיטן וואַקסן פון זיין גבירותשאַפט האָט ישכרן געשטאָכן דער האָבער זיך אַרויסצוהייבן פון אַלע לאָדזשער „אויפגעקומענע". ער איז טאַקע אַמאָל געווען אַ וועבער און געשוויצט אונטער דער וועב־שטול באַגלייך מיט אַלע באַלוטער בעלי־מלאכות, אָבער — סוף־כּל־סוף איז ער פאָרט, ישכר שעפּס, געווען אַ רבס אַזון און זיך אויסגעוואַלגערט אין ישיבות. — ישכר שעפּס האָט געוואָלט גילטן אויך אַלס אַ למדן, און דער עיקר אַלס אַ תורה־זאָגער.

ווי קאָן מען אָבער זיין אַ למדן, ווען דער זאַפּאַס תורה, וואָס איז אים פאַרבליבן פון די אַמאָליקע בחורישע צייטן, איז געבעך געווען זייער אַ מאָגערער. אין „גרויסן" אַלעקסאַנדערער „שטיבל" צווישן די פולע ספרים־אַלמערס האָט ממש געשמעקט מיט תורה. דעם גבירישן אויבנאָן האָט שוין דאָרט נעהאַט פאַרנומען ר' לוי קאָהן וואָס איז — נישט צו פאַרגלייכן — געווען מער למדן און מער חסיד ווי ישכר שעפּס. ישכר שעפּס האָט געוואָלט גילטן. ער האָט געוואָלט האָבן אויערן פאַר זיינע תורהס און פאַר זיינע לומדישע גלייכווערטלעך. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן כּלל, בעסער צו זיין דער ערשטער אין דאָרף איידער דער לעצטער אין שטאָט. עס איז אים אויסגעקומען, אַז דאָס פאַסיקסטע אָרט פאַר זיינע אַמביציעס איז דאָס שטיבל פון גלאַוואַצקי און מוכ־ניצקי.

גלאַוואַצקים און מוכניצקים שטיבל האָט אָבער געהאַט אַן אַנדערן חסרון פאַר ישכר שעפּס. די נגידים דאָרט זענען געווען לויטער פּראָס־טע מענטשן, אָפּגעהאָרעוועטע אַ גאַנצן טאָג אין די פּיפּיקע לאָדזשער מסחרים. זיי האָבן ביי יעדן דאַווענען אויסגעקוקט ווען מ'וועט שוין ענדלעך זאָגן עלינו און מ'וועט קאָנען אַהיימגיין עסן, און נאָכן עסן אויסשלאָפן זיך אין די וואַרעמע בעטן. אַ קלייניקייט לאָדזשער ששת ימי המעשה! צו הערן ישכר שעפּסעס תורהס און אויסטערלישע

טייטשעניש אין דער סדרה פון דער וואָך, איז זיי געלעגן אין דער לינקער פאה. די יידן האָבן גאַרגישט געהאַט דעם קאָפּ דערצו. די נגידישע יונגעלייטלעך וואָס האָבן געשמועסט אינמיטן „לייענען" זענען אוודאי נישט געווען קיין בעלנים צו הערן ישכרס פשטים אויף דער סדרה פון דער וואָך. די אָרעמע יידן אין שטיבל האָבן אפילו יאָ צו־געבוינן די קעפּ אויף צו האָרכן ישכרס תורהס — אָבער ישכר שעפּס האָט פיינט געהאַט קבצנים און איז נישט זשעדנע געווען צו האָבן כבוד פון זיי. מענטשן האָבן דערציילט אַז ישכר שעפּסעס צווייט ווייב גייט אין די אייגענע האָר און רעדט דייטשמעריש. דער גאַנצער קנאַקער ישכר שעפּס איז ביי זיך אין דער היים שטיל ווי אַ לעמעלע, מוז גיין אָנגעטון אין שטעק־לאַטשן כדי נישט צו פאַרשמוצן די גבירישע דילן, טאָר נישט רויכערן קיין פּאַפּיראָסן, מחמת ער שיט אומעטום אָן אַש. „די דינסטן זענען נישט מחויב כסדר נאָכצוראַמען אַזאַ חסידישן לאַפּיטוט" — אַזוי, הייסט עס, זאָגט דאָס צווייטע ווייב זיינס. און אויך צו ישכרן רעדט זי אויף דייטשמעריש. דאָס צווייטע ווייב לאָזט אים נישט אַריין אין די אייגענע סאַליעס זיינע, וואָרעם זי קאָן נישט ליידן דעם גערוך פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע. און בכלל איז ישכר שעפּס אינדערהיים נישט דער אייגענער ישכר שעפּס.

ישכר שעפּס איז געקומען אין שטיבל אַריין מיט אַ גאַנצער כאַפּטע גרויסנעוויקסיקע זין. זיי אַלע האָט ער געהאַט מיטן צווייטן ווייב. זיי זענען אַלע געווען טונקעלע און נוט־אָנגעגעסענע און האָבן אויסגעקוקט ווי שפּאַניער. די זיידענע קאַפּאָטקעלעך און די קליינע סאַמעטענע היטעלעך האָבן לחלוטין נישט צוגעפּאַסט צו זייער פיזיאָנאָמיע. ישכר שעפּסעס צווייטן זיינע זין האָט אויסגעקוקט ווי אַ הינערישע קוואָקע מיט קאַטשקעלעך, מחמת זיי זענען גאָרנישט געווען פון דעם גלייכן מין. מ'האָט געזאָגט, אַז זיי גראָטן אויפן אויג אַריין אין דער מוטער, ד"ה אין ישכר שעפּסעס צווייט ווייב און העלפן צו דער מוטער אַכטונג צו געבן אַז ישכר שעפּס זאָל חלילה נישט איינשמוצן די געוואַקסטע דילן. מע האָט קיינמאָל נישט געזען, אַז ישכר שעפּס זאָל אויסרעדן אַ וואָרט צו זיינע טונקעלע בנים. זיי האָבן אויך אין שטיבל געשוויגן

ווי פרעמדע, מיט קיינעם נישט אויסגערעדט קיין וואָרט. אפילו צווישן זיך האָבן זיי נישט גערעדט. זיי האָבן מיט אַ גבירישער טעמפּקייט אַריינגעקוקט אין זייערע קליינע יאָלדישע סידורימלעך און קוים גע־מאַכט מיט די ליפּן. אַלע האָבן געהאַט עפּעס ווי אַ באַהאַלטענע מורא צו דער פרעמדקייט, וואָס האָט פון זיי אַראָפּגעשלאָגן. אין דער שטיל האָבן אַלע געזאָגט, אַז סך־הכל זענען ישכר שעפּסעס זין גרויסע נאַראָנים. נאָר גיי ווייס. פּאַרט שעפּסעס קינדער, און די מאַמע זייערע גייט אין די אייגענע האָר און רעדט דייטשמעריש.

אייניציקווייז האָבן די דאָזיקע זין חתונה געהאַט. ישכר שעפּס האָט קיינעם נישט געבעטן אויף דער חתונה און אפילו נישט פונאַנ־דערגעשיקט קיין חתונה־בריוולעך. מען האָט דערציילט אַז זיינע מחותנים זענען שווערע מיליאָנערן, שפּילן קאָרטן מיטן גובערנאַטאָר און זענען פּאָדריאַטשיקעס פון רוסישן מיליטער. שווערע פּאַנישע יידן, די שנורן, וואָס זענען אָנגעקומען קיין לאָדזש צו ישכרן אין דירה אַריין, זענען אַלע געווען גרויסע און געוויקסיקע, געטראָגן די אייגענע האָר און אויסגעקוקט ווי גויעס, און האָבן גערעדט בלויז רוסיש און פּויליש. אפילו די אייגענע מענער האָבן נישט גוט פאַרשטאַנען וואָס די ווייבער רעדן צו זיי. מחמת ישכר שעפּסעס זין זענען נישט געווען קיין גרויסע לומדים אויף גוייש לשון. סיידן אַ ביסל דייטשמעריש. קיין גרויסע טראַגעדיע איז עס נישט געווען, וואָרעם ישכרס זין זענען געווען ווילדע שתקנים אויך וואָס שייך זייערע ווייבער. ישכר שעפּס האָט נאָר באַקומען אַ פּנים פון אַ לעמעשקע ביי זיך אין די סאַליעס.

אָבער ווי אַזוי דער גביר ישכר שעפּס זאָל נישט האָבן אויסגעקוקט אונטערן דאַך פון זיין הויז, אין גלאָוואַצקיס און מוכניצקיס שטיפל האָט ער געזוכט אויסצושפּילן זיינע אַמביציעס און געזוכט אויערן. זיין אויפמערקזאַמקייט איז געפאַלן אויפן זיידן ברוך.

דער זיידע ברוך איז געווען אין דעם זעלבן עלטער וואָס ישכר שעפּס. אויך אַ ייד אַ גביר — דאָס הייסט אין דער מדרגה פון ישכר שעפּס — דערצו אַ דאָרפס־ייד, וואָס ווייסט נישט פון די גאַווהדיקע

שטיק פון די שטאָטישע גבירים, נישט קיין גרויסער מאדים אין דער גמרא ווי א שטייגער לוי קאָהן אויף וועמען ישכר שעפּס האָט געטראָגן אַן אייביקע קנאה שנאה — דאָך איז דער זיידע ברוך געווען געגונב בן־תורה אז מ'זאָל פאַר אים קאָנען אויפמישן דעם חומש און ווייזן וואָס אזא ישכר שעפּס קאָן זיך טשעפּען צו דער סדרה, אויף אים, אויף דעם זיידן ברוך, אַנשרייען מיט איבערגעלעגענער לומדות און אויסמינצן פאַר אים אָט די אַלע געקרענקטע אמביציעס וואָס דאָס צווייטע ווייב אין דער היים לאָזט נישט אויסשפּילן. ישכר שעפּס האָט געטון אויף אַלעמען אין שטיבל א מאַך מיט דער האַנט, ער האָט ענגדלעך געפונען דעם ריכטיקן פּאַרשוין, און ער האָט זיך אוועקגעזעצט ביים זיידן ברוך, אויפגעמישט דאָס גרויסע גבירישע חומש וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער היים און מיט אים גענומען קנעלן. אפילו אינמיטן דער קריאה האָט ישכר שעפּס אויסגעפּאַקט זיינע תורהס. דער זיידע ברוך וואָס איז זינט זיין לעבן געוואוינט געווען מיט וואלד און מיט פּויערים — אים האָט היפּש אימפּאָנירט וואָס אזא באַרימטער שטאָטישער נגיד, ישכר שעפּס, האָט זיך גענומען מיט אים חברן. דערזעענדיק דעם זיידן ברוכס צונעגווינטקייט האָט אים ישכר שעפּס אומברחמנותדיק אָנגעהויבן צו פּאַרמאַטערן מיט זיינע תורהס. ער האָט אים כמעט ווי נישט געלאָזט דאַווענען און כסדר אים געהאַלטן דעם חומש פאַר די אויגן, געטייטלט מיט א פינגער אויף די פּסוקים, געזאָגט ווילדע אויסטייטשונגען און דערביי הויך געביביקעט פון גרויסער זעלבסטצופרידנקייט. הגם צו זיך אהיים האָט ישכר שעפּס דעם זיידן ברוך קיינמאָל נישט פאַרבעטן. ער האָט מורא געהאַט פאַרן צווייטן ווייב צו ברענגען אהיים זיינע פריינט. אזא דאָרפס־ייד ווי דער זיידע ברוך וואָלט דאָרט אוודאי א תל געמאַכט פון די אויסגעוואַקסטע דילן און אוודאי אומעטום אָנגעשיט מיטן אַש פון זיינע זואָלוועלע ציגאַרן, ציגאַרן אין פּרייז פון א קאָפּיקע וועלכע דער זיידע ברוך האָט כסדר גערויכערט. א שיינער גאַסט פאַרן צווייטן ווייב.

דערפאַר איז אין ישכרן געוואַקסן די לייַדנשאַפט אויסצופּאַקן פאַרן זיידן ברוך אַלע זיינע פּשטים אויפן חומש. עס איז געקומען אזוי

ווייט, אז ישכר שעפס האט זיך נישט געקאנט דערוואַרטן ביז צו דעם שבתדיקן דאַווענען. שוין שבת גאַנץ אינדערפרי ווען מיר אַלע זענען נאָך געלעגן אין די בעטן האט אָנגעקלאַפּט א שליח פון ישכר שעפּס. דער שליח איז געקומען מיט ישכרס אַן אויפגעמישטן חומש, זיך אָנגעשטעלט ביים זיידנס בעט און וואָרט ביי וואָרט איבערגעחזרט א תורה, וואָס איז ישכרן אײַנגעפאַלן אינמיטן דער נאַכט. דער שליח האט עס גאָר פּאַמעלעכל איבערגעחזרט וואָרט ביי וואָרט, וואָרעם אזוי האט ישכר שעפּס דורכאויס באַפוילן.

# קאַפּיטל פופצן

דער ערשטער פּורים אין לאָדזש. שלח-מנותן. געסט. אברהם אָפּאָ-טאָווסקי לייענט די מגילה. בבא-מעשיות. סטייטש מע גיים שחטן יידן ? אסתּר אַ יידענע און אֲחשורוש אַ חסידישער בטלן. הירש לייב זשיכלינער שילט פון גרויס גוטפרײנטשאַפט. זיינע מעשיות פון פּאַרצייטנס. ער וועט שוין בסדר חתונה האָבן פון ליוויטש.

דעם ערשטן פּורים, וואָס דער זיידע ברוך האָט מיט אונדז געוואוינט אין לאָדזש האָט ער אַהיים געבעטן צו דער אויפדערנאַכטיקער פּורים־דיקער סעודה אַלע אָרעמע יידן פון גלאָוואַצקים און מוכניצקים שטיבל. דער פעטער לייזער יוסף האָט פון דלוטאָוו צוגעשיקט אַ גרויסע פור אָנגעפּיקעוועט מיט כּל־טוב, פעטע אויסגעפּאַשעטע עופות, האָניק, מיל־כיקס און אויבסטן, און די באָבע חיה האָט געוויזן וואָס זי קאָן. אַ גאַנצן פּורימדיקן טאָג האָט מען געקאָכט און געבאַקן. דער פּורימדיקער טיש האָט זיך ממש געבראָכן פון די פעט־זיסע סעודה־קוכנס, אַלערליי קיכלעך און המן־טאַשן, גרויסע טעלערס מיט געקאָכטע און געמארינירטע קארפּן און העכט, געזאָטענע הינער און אינדיקעס און געבראָטענע גענדז. אַחוץ אויבסטן און אַ שפע פון אַנדערע פּורימדיקע מעדנים.

די באָבע חיה האָט אויסגעשטעלט אַלע זילבערנע לייכטער אויפן טיש און מע האָט אָנגעצונדן סטעאָרין־ליכט. די פּורים־סעודה האָט זיך נאָך נישט געהאט אָנגעהויבן. דער זיידע ברוך מיט מיין פאָטער האָבן דערווייל איבערגעקוקט די אַלע שלח־מנותן, וואָס מ׳האָט אונדז צוגעשיקט. ס׳איז לאָדזש ! די אויסטערלישסטע שלח־מנות האָט אונדז צוגעשיקט ר׳ שמעון ציליך. נעמלעך: אַ פלאַש אַלטן שוואַרצלעכן ארץ־ישׂראל־וויין. כּשר לפּסח. בוימל פון אמתע ארץ־ישׂראל־איילבירטן און עפּעס אַ מין פרומע זיסלעכע פּרי, וואָס וואַקסט אויך אין ארץ־ישׂראל. פון ר׳ שמעון ציליכס שלח־מנות האָט געשמעקט מיט קאָזשעניצער פרומקייט,

מיט כותל־מערבי און מיט רחלס קבר. אפילו דאס טעלערל, אויף וועלכן עס איז געלעגן ר׳ שמעון ציליכס שלח־מנות איז געווען פון געל־אויסגעבליכטן עצי־זית מיט א פאר אויסגעקריצטע קעסטעלעך אונטער וועלכע ס׳איז געווען אויפגעשריבן „הר הבית" און מיט אן אויפשריפט „ירושלים". די שותפים גלאוואצקי און מוכניצקי האבן אונדז אויך צוגעשיקט שלח־מנות, עטלעכע מאראנצן און צוויי בייכיקע פלעשלעך מיט ענגלישן פארטער. בלויז דעם זיידנס ידיד ישכר שעפס האט אונדז פארגעסן אין פורים און האט אונדז דאס מינדסטע נישט געשיקט. נאך יידן פון גלאוואצקיס און מוכניצקיס שטיבל האבן אונדז געשיקט שלח־מנות. איידער די פורים־געסט זענען געקומען האט דער זיידע ברוך דערווייל אויף עטלעכע מינוט זיך איבערגעדרייט די קאפאטע אויף לינקס, און זיך א ביסל ארומגעדרייט אין אזא הולך כדי אויך מקיים צו זיין די מצווה פון זיך צו „פארשטעלן" אין פורים. דאס איז געווען ביי אים א מנהג פון קדמונים.

אויף דעם ערשטן פורים זענען געקומען צו אונדז פרעמדע געסט. צוויי יידן פון דער באבע חיהס געבורט־שטעטל זשיכלין. עס האט געהייסן, אז דאס זענען דער באבע חיהס ווייטע קרובים און זיי זענען געקומען צו אונדז צו גאסט אויף אונדזער ערשטן לאדזשער פורים. זיי זענען געווען צוויי אלטע וואורקער חסידים. דער ערשטער — אברהם אפאטאווסקי — איז געווען א זקן ביי די אכציק, א קאפעטשקע אן איינגעבויגענער, מיט א גרא אויסגעצופט בערדל, מיט אויסגעקראכענע ברעמען און מיט רויטע קאליע אויגן פון טיפן עלטער. פון דעם יידל האט ממש ארויסגעטאנצט אן אייביקע אינערלעכע שמחה. גאר א פריילעך יידל, הגם א צעבראכענער זקן און כל ימיו א גרויסער קבצן. ער האט ביי אונדז געלייענט די מגילה פאר די ווייבער. די באבע חיה איז געווען שטאלץ אויף זיין מגילה־לייענען. אברהם אפאטאווסקי האט שוין מער נישט געהאט קיין צאן אין זיין קליין איינגעפאלן מויל, האט געקאנט עסן בלויז געווייקטע מאכלים, און דערצו האט ער געהערט געשווינד. געהערט, ווי ער וואלט געזונגען א לוסטיק זמרל. עס איז שווער געווען צו זאגן, אז עמעצער האט פארשטאנען א ווארט בשעת אברהם אפאטאווסקי האט געלייענט די מגילה. קודם־כל האט ער גע־

לייענט אָן דעם מינדסטן טראָפּ און ער האָט זי אינטערפּרעטירט, די מגילה, אויף זיין שטייגער און גלייך ווי ער וואָלט אָפּגעזונגען עפּעס אַן אַלט חסידיש זמרל. די שטעלן אין דער מגילה וואו עס רעדט זיך פון יידישע צרות און ווי אַזוי המן וויל אויסראָטן יידן, האָט ער בכלל אַדורכגעכאַפּט מיט גוואַלדיקן ביטול. ער האָט עפּעס נישט גורם געווען די גאַנצע אומעטיקע מעשה. דערפאַר האָט זיך אים דאָס ציינ־לאָזע מיילעכל צעזונגען בשעת ס'איז געקומען צו די גוטע און פריי־לעכע שטעלן אין דער מגילה. שושן־הבירה איז אויסגעקומען ווי אַ חסידים־שטיבל וואו פריילעכע יידן הוליען און טאַנצן אין פּורים און אברהם אָפּאַטאָווסקי טאַנצט מיט זיי מיט, אַ לייענענדיקער די מגילה. בכלל האָבן די גויים פון דער מגילה אין אברהם אָפּאַטאָווסקיס אינטער־פּרעטאַציע נישט געהאַט דאָס מינדסטע אָנזען פון גויים. אחשוורוש איז אויסגעקומען אַ חסידישער בטלן. מיט אסתרן — ווייל אַ יידענע — האָט ער בכלל מיט איר נישט געמאַכט קיין גרויסע מחזקות. אפילו המן האָט אין אברהם אָפּאַטאָווסקיס מויל פאַרלוירן פון זיין גויישער שרעקלעכקייט. גאָרנישט. אַ גויטשיקל, וואָס האָט ליב די כוסה און איז עפּעס נישט מיט אַלעמען. וואָס הייסט ער גייט שחטן יידן? בבא מעשיות! ווען אברהם אָפּאַטאָווסקי האָט אַזוי אָפּגעזונגען די מגילה — און די ווייבער האָבן קוים געקאָנט כאַפּן מיטן אויער המנס נאָ־מען כדי צו קאָנען טופּען מיט די פיס — האָט די באָבע חיה אים געגעבן צו עסן איינגעווייקטע און ווייך־אויפגעקאָכטע מאכלים, כדי אברהם אָפּאַטאָווסקי זאָל ווי עס איז זיי באַווייזן אָראָפּצושלינגען מיט זיין אַלטן און צאָנלאָזן מויל. דערווייל, איידער וואָס און ווען איז זיך אברהם אָפּאַטאָווסקי פאַרגאַנגען אין אַ פאַרצייטישן וואורקער „שושנת יעקב", אָדער גאָר דערציילט אַ פריילעכע מעשה פון די פּורימס אין וואורקע, אָדער נאָר פון די פּורימס אין פאַרצייטישן זשיכלין.

דער צווייטער קרוב פון דער באָבע חיה וואָס איז געקומען צו אונדז צוגאַסט, און אויך פון זשיכלין, איז געווען הירש לייב זשיכלינגער.

אויב מ'קאָן זאָגן אַ היפּך צו אברהם אָפּאַטאָווסקין — איז עס געווען הירש לייב זשיכלינגער. קוים־כל איז ער געווען עטוואָס יינגער, ד"ה ערשט נאָך די זיבעציק. דערצו, הירש לייב זשיכלינגער — הגם

אויך מנעוריו א ייד א קבצן — האט ער דווקא געהאט א היפש נגידיש בייכל. קיינער האט נישט געוואוסט פון וואנען עס נעמט זיך צו אן ארעמאן א נגידיש בייכל. נאר אלצדינג איז אין הירש לייבן געווען סאפויער און אויף צעפיקעניש. שוין זיין פיזיאנאמיע איז געווען א געשטאלט פון די שארפסטע סתירות. ער האט טאקע געהאט א היפשע ברייטע און ווייסע באָרד, א נגידישלעכע באָרד — זי איז אָבער געווען א קינדער־שפּיל אקעגן זיינע ברעמען און זיינע וואנצעס. די ברעמען זענען אים, הירש לייבן, געוואקסן איבער די אויגן ווי ווילדע און בייזע בערד, געוואקסן מיט א סך שפיצן אין דער זייט פון שטערן און איבער די אויגן. קיינער האט טאקע קיינמאל נישט געזען הירש לייבס אויגן. סיידן ער אליין האט אמאל אוועקגעשארט די ברעמען — און פון צווישן די בייזע בערד ארויס האבן זיך געוויזן א פאר גור־טע בלויע אויגן. אויך די וואנצעס זענען ביי הירש לייבן געווען ווילדע און צעלאזענע און זיי האבן דווקא געוואלט פארדעקן די באָרד און זיך ארויסרוקן אויפן אויבנאן פונעם פנים. דערצו זענען הירש לייבס וואנצעס געווען תמיד באשיט מיט טאבאק, מחמת הירש לייב איז געווען א גרויסער טאבאק־שמעקער. פון אויבנאויף האט עס אויסגעקוקט אז הירש לייב און אברהם אפאטאווסקי זענען זיך בלוטיקע שונאים. ווארעם אינמיטן פורים האט הירש לייב אברהם אפאטאווסקין הויך אויפן קול געשאלטן מיט די וויסטסטע קללות. נאר דאס איז נישט מער געווען ווי א דרך אזא פון חסידישער הלצה און פורימדיקער נוט־פריינטשאפט. הירש לייב און אברהם אפאטאווסקי זענען גראד גע־ווען די גרעסטע ידידים נאך פון די וואורקער צייטן.

ווען הירש לייב האט נישט געשאלטן האט ער געקאנט א שעה אפ־זיצן ביים טיש און שווייגן. די ברעמען און די וואנצעס האבן אים דאן פארדעקט דאס גאנצע פנים און מע האט נישט געוואוסט צי דער ייד שלאפט צי ער איז וואך. ס'איז אָבער גענוג געווען אז עמעצער אין שטוב זאל לאזן פאלן א ווארט, וואס האט געהאט דעם מינדסטן שייכות צו די טעמעס פון הירש לייבס מעשיות, אז הירש לייב זאל פלוצעם טון א לאך־אויף אינמיטן זיין שווייגן, א ווילדן הויב־אויף

געבן די בייזע ברעמען און תוך־כדי־דיבור אָנהויבן צו דערציילן
אַ מעשה.

אחוץ מעשיות פון וואורקע וואָס זענען געווען אדורכגעפלאָכטן מיט שאַרפע קללות אין דער זייט פון אברהם אָפּאָטאָווסקי — האָט הירש לייב נאָך געהאַט צוויי טעמעס פאַר זיינע מעשיות, און דאָס נעמלעך וועגן זשיכלינער עמי־הארצים און וועגן זשיכלינער בית־הקברות.

דערציילנדיק וועגן פּאַרצייטישע עם־הארצישע באַלעבאַטים פון זשיכלין האָט זיך הירש לייבס ציגנגל פאַרוואַנדלט ממש אין אַ שניידיקער שווערד. זיין וויץ איז געווען ביטער, שאַרפזיניק און מבטלדיק. ער האָט דערציילט פון זייער פּראָווינצערישער פּרעסערישקייט, פון זייערע וויסטע נרייזן ביים דאַווענען און ווי שווער און מיט נויט־שוויים עס איז זיי, אָט־אָ די אַמאָליקע באַלעבאַטים, אָנגעקומען אָפּצוריכטן דעם סדר, און ווי זיי פּלעגן שבת נאָך מיטאָג ליגן צוזאַמען מיט זייערע ווייבער אין די בעטן און צוזאַמען לייענען „צאינה וראינה". אין הירש לייבס מעשיות האָט געשטעקט דער גאַנצער אָפּלאַכנדיקער ביטול פון אַן אינטע־לעקטועלן חסיד צו דער פּראָסטער יידישער מאַסע. די באָבע חיה פּלעגט אָפּזיפצן ווען זי האָט געהערט הירש לייבס מעשיות וועגן זשיכלינער פּראָסטע יידן, וואָרעם הגם הירש לייב איז געווען אונדזער גאַסט אויף פּורים פונדעסטוועגן האָט זיין ביטערער וויץ אויף דאָס מינדסטע נישט געשוינט דער באָבע חיהס משפּחה אין זשיכלין.

אָבער הירש לייבן איז געווען ווייניק אָפּצושפּאָטן פון פּראָסטע יידן ווי אַזוי זיי האָבן זיך נוהג געווען ביים לעבן. אויך נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געווען אויפן עולם־האמת האָט זיין סאַרקאַסטישער וויץ זיי נישט אָפּגעלאָזט. עס האָט געהייסן, אַז הירש לייב איז אין זיין יוגנט אַמאָל געווען אַ מיטגליד פון דער זשיכלינער חברה־קדישא און ער האָט דערציילט אַלערליי מאַקאַברישע וויצן פון די לעצטע מינוטן פון המונישע יידן. אויך דאָ זענען אַרויסגעקומען הירש לייבס ביטול־באַציאונגען צו פּראָסטע מענטשן. ער האָט אָפּגעשפּאַט אַפילו פון זייער שטאַרבן. זייער טויט איז אויסגעקומען אין הירש לייבס מויל ווי דאָס שטאַרבן פון געפּענטעטע קעלבער. ער פּלעגט דערציילן, אַז ווען ער פּלעגט אַזאַ „באַלאַבוס" אַריינלייגן אין קבר אַריין האָט ער אויף אים אָנגעשריגן

למען־השם צו ליגן רואיק און נישט שטערן די געשטארבענע וואורקער חסידים — וואס ליגן ארום אים — צו מאכן א כוסה און אז „אויב די דירה געפעלט אים נישט קען ער זיך צום „קווארטל״ ארויסציען״. אויך צו זיין איינן ערשט געשטארבן ווייב — וואס איז געווען א זשיכלינער באלעבאטישע טאכטער — האט הירש לייב ארויסגעוויזן די נעמלעכע באציאונג ווען ער האט זי מיט די אייגענע הענט געלייגט אין גרוב אריין. שפעטער האט הירש לייב חתונה געהאט פון לוויוויטש. ער האט געזאגט צו דער באבע חיה, אז עס איז זייער גוט חתונה צו האבן פון לוויוויטש. ער וועט כסדר חתונה האבן פון לוויוויטש.

די באבע חיה האט אפגעזיפצט, און אינמיטן פורים אויסגעשפיגן ניין מאל און זיך אפגעשפראכן אן עין־הרע.

# קאַפּיטל זעכצן

אַלטער וואָידיסלאַווער ברענגט אַריין עצבֿות אין פּורים. ער דאַוונט מעריב. אַ גוטן פּורים, פּרומער קאַטער. מע שלעפּט אַלטערן אין אַ טענצל. חיים טוביהס זון איז אין פּורים אַ גאַנצער קנאַקער.

עם האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע געסט פון די אָרע־מע חסידים פון גלאַוואַצקים און מוכניצקים שטיבל. מיט שטילע מרה־שחורהדיקע טריט און אַן איינגעבויגענער האָט זיך אין דער טיר באַוויזן אַלטער וואָידיסלאַווער. ער איז געגאַנגען איינגעבויגן, הגם ער איז גראָד געווען אַ הויכער אויסגעצויגענער ייד, אַ דאַרער און אַ בלייכער ווי ער וואָלט כסדר געווען אין תענית. זיין פנים האָט אויסגעדריקט דעם צער פון אַן אייביק־נאָגנדיקן צאָן־ווייטיק. אַ קליין בערדל וואָס איז געווען געל ווי דאָס געלעכל פון אַן איי האָט אים נעקלעפט אויפן בלאַסן אויסגעפייניקטן פנים. נאָר אויגן האָט ער נעהאַט בלויע, קייקלעכ־דיקע און טרויעריקע פון אַן אייביקער פרומער עצבות. ער האָט געטראָגן אַ צעריסענע אַטלעסענע קאַפּאָטע מיט אַ סך צויטן און לאַטעס און האָט אין איר אויסגעקוקט ווי אַ בעטלער פון „יענער וועלט". אַלטער וואָי־דיסלאַווער האָט געטון אַ קוש די מזוזה און געזאָגט „אַ גוטן פּורים" מיט אַ קול ווי אַלע וועלטן וואָלטן אים פלוצעם פינצטער געוואָרן אין זיין פרומער עצבות און עס איז היינט נישט פּורים נאָר גראָד אינמיטן אין תשעה באָב. עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די פלאַמענדיקע סטעאַרין־ליכט אין די זילבערנע לייכטער זענען טונקעלער געוואָרן פון דער מרה־שחורה וואָס האָט אַ ווייע געטון אין דער פורימדיקער שטוב מיטן אָנ־קום פון אַלטער וואָידיסלאַווער, די משקאות האָבן אויפגעהערט צו פינקלען אין די פלאַשן, און די זיסע סעודה־קוכנס, די פישן און די פליישן אויף די טעלער האַלטן זיך איין, צוליב אַלטערן, כדי נישט אַזוי פאַררייסנדיק צו שמעקן.

— זעצט זיך ר׳ אלטער, — האט דער זיידע ברוך א זאג געטון.

— כ׳מוז דאווענען מעריב, — האט אלטער געענטפערט מיט אן איכהדיקן ניגון און א זיפץ געטון ווי פון ציין־ווייטיק.

אלטער האט זיך אוועקגעשטעלט בײַ דער וואנט. ער האט געדאווענט שטיל און געברומט ווי א זלידנע פליג. זײַן אויסגעצויגענער אסקעטישער גוף האט זיך צעשאקלט מיט מאדנע און אויסטערלישע תנועות. ער האט זיך געבויגן אין דרייען — און די צווייטן און לאטעם האבן זיך עפעס ווי צעשפילט אויף זײַן צעריסענער אטלעסענער קאפאטע — ער האט זיך געבוקט און געהויבן זיך צו דער קאלטער ליידיקער וואנט, און אלע מאל אויפגעהויבן זײַנע לאנגע אויסגעדארטע הענט און געפאטשט אין דער וואנט אריין. אדער זײַנע הענט זענען פלוצעם קאלטע און טויטע געבליבן קלעפן אויף דער וואנט און אלטער האט געפישטשעט ווי עס וואלט אים עמעצער געשטאכן מיט א שפילקע.

פלוצעם האט זיך א פראל־אויף געטון די טיר און ס׳האבן זיך גע־הערט צוויי „גוטע פורימס" מיטאמאל. איינער א הייזעריקער און איינער א פאנפעוואטער. נאר בײַדע זייער פריילעכע און לוסטיקע.

דעם הייזעריקן „גוטן פורים" האט א געשריי געטון זלמן וואליער, א שווארץ יידל מיט א הויכער פלייצע און מיט טונקעלע ברענענדיקע אויגן. ער איז שוין געווען בגילופנדיק. דער צווייטער איז געווען משה בוסקער, א הויכער ייד מיט א בלאנדער שיטערער באָרד און מיט אן איינגעפאלן צאנלאזן מויל אין וועלכן ס׳זענען פארבליבן בלויז צוויי לאנגע און שארפע זײַטן־ציין וואס בײַ יעדן ריר פון משה בוסקערס מויל האבן זיי, די שארפע זײַטן־ציין, זיך באמיט ארויסצוקריכן פון אונטער די ליפן און צו ווײַזן אז זיי זענען דא. אויך משה בוסקער איז געווען אין הויכן בגילופן און ער האט זיך רק געהאלטן בײַ זלמן וואַ־ליערס קאפאטע און געפרואווט צו זינגען „שושנת יעקב". די בײַדע יידן האבן זיך טאקע צעזונגען. אברהם אפאטאווסקי איז באלד ארײַנגע־פאלן דער דריטער. דערזעענדיק אלטער וואַידיסלאווער ווי ער שטייט און שאקלט זיך בײַ דער וואנט זענען זלמן וואליער און משה בוסקער צוזאמען געטון א ניי־צו צו אלטערן, אים אנגענומען פארן איינגעבוי־

נענעם אקסל, און ביידע צוזאמען האבן א געשריי געטון אלטערן אין די אויערן אריין:

— א גוטן פורים, פרומער קאטער!

אלטער האט א דערשראקענער אויסגעדרייט דאס בלייכע פארפייניק־טע פנים. זיינע קיילעכדיקע אויגן זענען געווען פארמאכט און נאס ווי ביי א געשאכטענער הון. ער האט א מאך געטון מיט די הענט און ארויס־געזיפצט: נו, א, מעריב. עס האט אים גארנישט געפועלט. זלמן און כישה בוסקער האבן אלטערן אנגענומען ביי די אקסלען און אים אוועקגע־שלעפט פון דער וואנט. זיי האבן זיך באמיט מיט אים צו טאנצן. אלטער האט זיך געשלעפט ווי א מת און געדעדט לשון קודש: נו, א, מעריב! אברהם אפאטאווסקי האט אנגעהויבן צו זינגען „ארור המן", — און הירש לייב זשיכלינער האט געטון א זאג, אז אזעלכע מרה־שחורהדיקע פרומאקעס ווי אלטער, וואלט מען בדארפט אויפהענגען אויף דער תליה צוזאמען מיט די עשרת בני המן, און זאלן יידן האבן נאך א פרייליכערן פורים.

באלד זענען אנגעקומען נאך פורימדיקע געסט פון גלאוואצקים און מוכניצקים שטיבל. ס'איז אויך געקומען מיין רבי חיים טוביה מיט זיין זון דעם הוסטער און חשוך־פנים. עס האט זיך אויסגעלאזט אז חיים טוביהס זון איז אין פורים גאר א גאנצער קנאקער. ער איז אריינגע־קומען מיט אן איבערגעדרייטן דאשעק, זיך געמאכט שיכורלעך און גע־זונגען אויף לשון קודש, אויף יידיש און אויף פויליש אויסטערלישע פורימדיקע זמירותן וועלכע קיינער האט נאך נישט געהערט. חיים טוביה האט אים געהאלטן פאר דער האנט און בסדר אים געווארנט אז ער זאל זיך היטן דאס בריאות. נאר דאס האט דעם חשוך־פנים נאך מער גע־רייצט. ער האט דווקא געוואלט פארגיין אין א טענצל מיט אלטער וואידיסלאווער.

עס זענען אנגעקומען נאך יידן. מע האט זיך ענדלעך געזעצט צו דער פורימדיקער סעודה.

# קאַפּיטעל זיבעצן

ד״ר יאַנשער. יידן און ווייבער אין ד״ר יאַנשערס וואַרט־צימער. יאַנשער און זיינע פּאַציענטן. משה, האָסט דיך שוין אָנגעפרעסן מיט קוגל? מע גייט מיט מיר צום ד״ר יאַנשער. יאַנשער ווערט איבערגעביטן. „וואונדערלעכע וועלדער אין דלוטשאַוו״. „נאָסטעמפּני״.

זייענדיק אַלט צווישן צען און עלף יאָר האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק צו הוסטן. גאַנצע נעכט האָב איך געהוסט. מיינע עלטערן האָבן אָנגעהויבן איבערגעשראָקן צו ווערן, צי איך וועל חס־ושלום ניט קיין לונגען־קראַנקער, און מ׳האָט באַשטימט מיט מיר צו גיין צו אַ דאָקטער. אין פּוילן האָבן צווישן דער חסידישער באַפעלקערונג דאָן די גוטע־יידן באַשטימט צו וועלכן דאָקטער מ׳זאָל גיין. איטלעכער גוטער־ייד האָט געהאַט זיינע דאָקטוירים, וועלכע ער האָט פּראָטעזשירט. מיין פאָטער איז אַריבערגעפאָרן קיין אַלעקסאַנדער כדי צו פרעגן ביים רבין צו וועלכן דאָקטער ער זאָל מיך פירן. דער אַלעקסאַנדערער רבי האָט געהייסן מיט מיר גיין צום דאָקטער יאַנשער.

דאָקטער יאַנשער איז געווען אַ גוי, אַ פאַרפּוילישטער דייטש, אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייציקער, מיט אַ דיקער רויט־פאַרשיכּורטער נאָז, און מיט גרויע רוחיש־צעקעמטע באַקן־בערד. אין אַלעקסאַנדער האָט מען געזאָגט אַז יאַנשער איז אַ גרויסער מומחה און דערצו אַ געוואַלטיקער מוצלח. יידן ווערן געזונט ווי די טייבעלעך, ווען יאַנשער באַטאַפּט זיי מיט זיינע גראָבע גוישע הענט און גיט זיי די אמתע רעצעפּטלעך. הגם יאַנשערס באַציאונג צו יידן איז דווקא נישט געווען קיין אַזאַ געהויבענע און פריינדלעכע. יידן און יידענעס, איבער־הויפּט אַלעקסאַנדערער חסידים און זייערע ווייבער, האָבן פול געמאַכט יאַנשערס וואַרט־חדר און די קאָרידאָרן פון זיין דירה אויף פּיעטריקאָווער גאַס, משחד געווען דעם בייזן גוי, יאַנשערס לאָקיי, כדי צו באַקומען

ביי אים די ערשטע „גומערלעך" אויף אָנגענומען צו ווערן ביים דאָק־טער. יאַנשער האָט אָנגענומען אויף „גומערלעך". יידן זענען געבעך געזעסן אין בלויזע קעפּ און אין יארמלקעס. קיין גוי האָט מען נישט געזען צווישן יאַנשערס פּאַציענטן. סיידן זעלטן־ווען אַן אַלטן גלח וואָס איז אַ שוויינדיקער געזעסן צווישן די יידן. יידן האָבן געשמועסט צווישן זיך וועגן זייערע חולאתן און וועגן יאַנשערס רעצעפּטן, דער־ציילט מעשׂיות פון נוטע־יידן אין שייכות מיט דאָקטוירים. אין יאַנשערס שטובן און קאָרידאָרן האָט עס געווימלט ווי אין אַ חסידים־שטיבל. אויך קראַנקע ווייבער זענען געזעסן און שטיל געזיפצט און געאָכצט, געהאַלטן אין די הענט גאַנצע פּעק מיט אַלטע באַשריבענע רעצעפּטן, אויסדערציילט פאַר אַלעמען זייערע חולאתן און שעהן־לאַנג געוואַרט אויף דער רייע.

ווען עס האָט זיך געעפנט די טיר פון יאַנשערס צימער און דער גרויסער קאָפּ מיט די גרויע רוחישע באַקן־בערד האָט זיך געגעבן אַ באַוויז דורך דעם שפּאַלט און רציחהדיק אַ ברום געטון „נאַסטעמפּני" (נעקסט), איז אַ ציטער אדורכגעגאַנגען דורך די אַלע ווייבער מיט די רעצעפּטן אין די הענט און די יידן אין די בלויזע קעפּ און אין די יארמלקעס. דער גערופענער — הגם ער האָט אַזוי פיל אוועקגעטון כדי צו באַקומען דאָס גומערל — איז בלייך געוואָרן ווי די וואַנט און האָט געטון אַ טיפן זיפץ גלייך ווי ער וואָלט געגאַנגען אויף אַ שווערן יום־הדין.

ווען דער פּאַציענט איז אַריינגעקומען איז שוין יאַנשער אין זיין גאַנצער גוישער מאַסיווקייט געזעסן ביים טיש, דער גרויסער קאָפּ מיט די גרויע באַקן־בערד איז געווען אַן אָנגעכמורעטער און האָט בייז גע־קוקט אויפן טיש. ערשט ווען דער ייד איז פּאַמעלעכל און הכנעהדיק צו אים צוגעקומען האָט יאַנשער בייז אַ הויב־אויף געטון דעם קאָפּ, זיך אַ גלעט געטון פאַר די באַקן־בערד און רציחהדיק אַ קוקגעטון אויפן איבערגעשראָקענעם חולה.

— משה, — האָט יאַנשער אַ געשריי געטון, ווי ער וואָלט גע־וואָלט דעם פּאַציענט צערייסן, האָסט דיך שוין אָנגעפרעסן מיט קוגל?

צו אַלע יידן האָט ער מיט פּריצישער נאַווה געזאָגט „דו" און

זיי גערופן משה. קודם־כל האט ער אויף הלצה געשטעלט א דיאגנאז אז דער ייד איז קראנק געווארן פון טשאלנט. ערשט ווען יאנשער האט זיך אפגעפארטיקט מיט די דאזיקע הקדמות און דער פאציענט האט פאר אים געציטערט ווי א בלאט, האט ער געהייסן דעם ייד זיך אויס־טון. זעלבסטפארשטענדלעך, נאך אזא ברוך־הבא האבן שוין ביים ייד די הענט זיך געטרייסלט און ער האט זיך קוים באוויזן אויסצוטון. ווען דער ייד איז געבליבן שטיין א נאקעטער האט יאנשער אויסגעדרייט דעם קאפ, אנגעקוקט דעם נאקעטן ייד און די פריצישע רציחה איז פאר־מעלעך פארשוואונדן. יאנשער איז געווארן רואיקער, געלאסענער, און דעם יידן אונטערזוכט מיט דער גרעסטער זארגפעלטיקייט, אים פאטערלעך אנגעזאגט א דיעטע און פארשריבן א רעצעפט.

אז דער „אפגעפארטיקטער" פאציענט איז ארויסגעקומען פון יאנשערס חדר האבן אלע יידן אין ווארט־צימער אויף אים געקוקט ווי אויף איינעם וואס איז בשלום ארויסגעקומען פון א לייבן־גרוב. נו ? האט מען געפרעגט פון אלע זייטן. דער ייד האט געשמייכלט : „ברוך־השם מיט חסד". יאנשערס יידן האבן אפגעזיפצט. דא האט זיך אבער ווידער א טו־אויף געגעבן א שפאלט פון דער טיר צו יאנשערס אויפנאמס־צימער. א גרויסער גוישער קאפ מיט גרויע באקן־בערד האט זיך א באוויז־געטון און רציחהדיק א ברום געגעבן : „נאס־טעמפני".

עס האט פונדאסניי געשמעקט מיט יום־הדין.

איז יאנישער געווען א שונא־ישראל ? שווער צו זאגן. יידן האבן דערציילט פון דער גרויסער הכנעה, וואס ער באוויזט פאר גוטע יידן און איבערהויפט פארן אלעקסאנדערער רבין, און אז ער וויל נישט נעמען קיין געלט ביי ארעמע יידן. ער שרייט טאקע אויף זיי אז זיי פרעסן זיך איבער מיט קוגל און רופט זיי „משה", אבער ער היילט זיי אומזיסט און אינטערעסירט זיך מיט זייער גורל. עס איז געווען די אלטע שליאכטישע גאווה בנוגע צו יידן.

צו דעם דאזיקן דאקטער יאנשער האט דער אלעקסאנדערער רבי געהייסן מיין פאטער אז ער זאל מיט מיר ארויפגיין. אהינגעגאנגען מיט מיר זענען מיין פאטער און מיין מוטער. ווען מיר זענען געקומען

זענען שוין די קאַרידאָרן און דאָס וואַרט־צימער ביי יאַנשערן פול גע־וועזן מיט יידן און ווייבער. יידן האָבן זיך געשושקעט מיטן בייזן גויישן לאָקיי און אים משחד געווען צו באַקומען פריע נומערלעך. אויך מיר האָבן ענדלעך באַקומען אַ נומערל. מיר האָבן זיך אוועקגע־זעצט אויף אַ באַנק אין וואַרט־צימער און געוואַרט אויף דער רייע.

ווען יאַנשערס בייזער קאָפּ האָט זיך אַרויסגעשטעקט דורך דער געעפנטער טיר־שפּאַלט, גערופן „נאַסטעמפּני" און ס'איז געווען אונד־זער רייע זענען מיר אַריינגעגאַנגען.

יאַנשער האָט ביז אַ הויב־אויף געגעבן דעם קאָפּ. מיין פאָטער האָט גערעדט זייער אַ פיינעם אינטעליגענטן פּויליש. שוין דער ערש־טער גוט־מאָרגן, וואָס מיין פאָטער האָט געזאָגט אַריינקומענדיק, האָט יאַנשערן אַ ביסל אַרויסגעשלאָגן פון זיין געוויינטלעכן נוסח.

שפּעטער אַז יאַנשער איז געוואָר געוואָרן אַז מיר זענען די דלו־טאָווער פּריצים האָט ער זיך פולשטענדיק איבערגעביטן. ער איז גע־וואָרן אויסערגעוויינטלעך עלעגאַנט און העפלעך, און צו אונדז גערעדט שטיל און דיסקרעט. זיין שפּראַך האָט אָנגענומען די פּאַטינאַ פון שליאַכטישער פּאַרצייטישקייט. זי איז געוואָרן מליצהדיק. ער האָט מיין פאָטער אָנגערופן „פּאַניע דזשעדזשיצו" (הער פּריץ) און זיך אויס־געפרעגט אויף די דלוטאָווער וועלדער. ער האָט דערציילט, אַז ער איז ד'אָרט אַמאָל מיט די קאַמאַצקים געווען אויף געיעג.

— וואונדערלעכע וועלדער אין דלוטאָוו, פּריץ, האָט יאַנשער געזאָגט און זיך לייכט און בנעימותדיק געגלעט די גרויע באַקן־בערד, אַ סך ווילד און האָזן. גוט לאַנד אין דלוטאָוו. פּרייט מיך אייך קענען צו לערנען. אַז יאַנשער האָט געהערט אַז מיין פאָטער איז ר' יהושיעלע קוטנערס אייניקל איז ער גאָר געוואָרן צוגעלאָזן, מחמת ער האָט גוט געהערט דעם רום פון ר' יהושיעלע קוטנער און ער האָט גע־האַט גרויס הכנעה פאַר באַרימטע רבנים.

— נו, אַצינד וועלן מיר בעטן דעם יונגן פּריץ אַז ער זאָל זיך אויסטון, — האָט יאַנשער געזאָגט און מיר לייכט געטון אַ גלעט אי־בערן בעקל.

יאַנשער האָט אַ פּאַציענט אונטערזוכט לאַנג און זאָרגפעלטיק.

ער האָט צו זיך געבּרומט און זיך מישב געווען. נאָכדעם ווי ער האָט מיך גרינטלעך אויסגעהערט און אויסגעטאַפּט, האָט ער זיך געגלעט איבּער די באַקן־בּערד.

— דעם יונגן פּריין פעלט נאַרנישט, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אויסגעזוכטער העפלעכקייט, — לונגען און האַרץ געזונט. בּלויז אַ קאַטאַר אין האַלדז. איך וואָלט אייך געראָטן, פּאַניע דזשערזשיצאַ, מיט אייער זון צו פאָרן צום ים. ס'גייט צום זומער. ים־בּעדער וועלן אים פולשטענדיק אויסהיילן. נאָר פאָרט נישט צו די דייטשן. צו וואָס אויסגעבּן געלט אין אויסלאַנד ? די בּרעגעס פון בּאַלטישן ים אין לעטלאַנד זענען מילדע. דער ים איז דאָרט אַ שטילער. פאָרט אַהין קיין דובּעלן, — האָט ער געזאָגט.

דאַן האָט ער מיר פאַרשריבּן אינהאַלאַציעס און האָט זיך מיט אונדז האַרציק געזעגנט. ווען מיר זענען שוין געווען בּיי דער טיר האָט ער זיך אָנגערופן :

— וואונדערלעכע וועלדער אין דלוטאָוו. אַ סך ווילד און האָזן.

ווען מיר זענען אַרויסגעקומען האָבּן אַלע יידן אין וואַרט־צימער געפרעגט :

— נו ?

אין קאָרידאָר האָבּן מיר געהערט יאָנשערס רציחהדיק קול :

— נאַסטעמפּני.

# קאַפּיטל אַכצן

וואַרשע. „האָטעל פּאָזנאַנסקי". גוישע קאַסטן פאַרן „האָטעל פּאָזנאַנסקי". וואַרשעווער יידן האָבן האַלב די אַבילות און זיי זענען קלוג נאָר ביז צו דער ראַגאַטקע. מען טרייבט מסחרים מיט ערד, מיט געהילץ, מיט צוקער און מיט תבואה. שידוכים אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי". חולאים און דער מלאך־המות אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי".

עס איז געקומען דער זומער. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו פאָרן קיין דובעלן צום ים. לעטלאַנד איז געלעגן מחוץ דער „טשערטאַ". מע האָט געמוזט האָבן אַ ספּעציעלן פּאַס פון גובערנאַטאָר כדי אָהינצופאָרן אויף קור. אַזאַ פּאַס האָט מען לייכט געקריגן. מיר זענען געפאָרן איבער וואַרשע.

איך האָב מיך אַ סך אָנגעהערט פון וואַרשע. ענדלעך האָב איך עס אָנגעזען מיט די אייגענע אויגן. ברייטע גאַסן, הויכע הייזער. יידן וואָס רעדן מיט אַ ברייטלעך אויסטערליש לשון: „יאָך", „וואַסאַר", „פּיטאָר".

מיר זענען פאַרפאָרן אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי".

דער „האָטעל פּאָזנאַנסקי" איז געשטאַנען אין סאַמע געדיכטעניש פון יידישן וואַרשע, אויפן גזשיבאָוו. ד"ה נישט אויפן גזשיבאָוו גופא, נאָר אינעווייניק אין איינעם פון די גרויסע גזשיבאָווער הויפן. די גרויסע הייף אין יידישן וואַרשע זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, וואַרשעס אין וואַרשע, וואַרשעס מיט קראָמען, סקלאַדעס און רעשיקע יידן. אויף אַ וואַרשעווער יידישן הויף האָט עס געקאָכט פּונקט ווי אויף די נאַלעווקיס. ס'האָט געראַיעט מיט יידן ווי אין אַ בינשטאָק. אויך די טויערן פון די הייף זענען פול געווען מיט מסחרים און אַלערליי „טישלעך" וואו עס זענען געלעגן סחורות צו פאַרקויפן.

אינמיטן דעם דאָזיקן געטומל פון אַ גרויסן גזשיבאָווער הויף איז

געשטאַנען דער „האָטעל פּאָזנאַנסקי". ס'איז געווען אַ נידעריקער בייביקער בנין מיט קליינע אַלטמאָדישע פענצטערלעך. אונטן איז געווען אַ רעסטאָראַן פון וואַנען עס האָט טאָג ווי נאַכט אַרויסגעשלאָגן אַ ריח פון אַלערליי פעטע און געשמאַקע מאכלים און אָנגעפילט דעם טומלדיקן און פאַרמסחרטן הויף מיט ריחות פון עסן. עסן האָט אויך געשטימט צו דעם קאָלאָריט פון די מסחרים אויף די וואַרשעווער הייף, מחמת וואַרשעווער יידן האָבן איבער גאַנץ פּוילן געהאַט אַ שם פון גרויסע אכלערס. מען האָט אין גאַנץ פּוילן נישט געהאַלטן פון דער גרויסער חכמה פון וואַרשעווער יידן. מ'האָט זיי געהאַלטן פאַר אַ ביסל נאַאיוו און פאַר אַ ביסל טעמפּ. און דאָס אויך דערפאַר, וואָס וואַרשעווער יידן זענען געווען צופיל אַריינגעטאָן אין דעם עולם־הזה פון אכילה און קאָנען דעריבער זייערע קעפּ נישט איננאַנצן אַריינ־לייגן אין די פּיפּיקייטן פון מסחר. „אַ וואַרשעווער איז נאָר קלוג ביז צו ד'ער ראָגאַטקע", האָט זיך געטראָגן אַ ווערטל צווישן יידן איבער גאַנץ קרוין־פּוילן. דאָס מיינט צו זאָגן: הגם אויף די נאַלעווקעס און אויף די וואַרשעווער הייף איז אַ וואַרשעווער ייד אַ גאַנצער קנאַקער, און רעדט ברייטלעך אויף זיין רחבותדיקן און זינגענדיקן יידישן דיאַלעקט, פונדעסטוועגן ווייטער אויף די פּליינען פון פּוילן ווערט אים אַ פּראָ־ווינצער ייד אַריינגנאַרן אין אַ זאַק.

„דער האָטעל פּאָזנאַנסקי" איז טאַקע געווען דער זאַמלפּונקט וואו די קלוגע און פּיפּיקע פּראָווינצער יידן זענען געקומען קיין וואַרשע פירן זייערע מסחרים מיט די וואַרשעווער. אין וואַרשע האָבן גע־וואוינט די גרעסטע אַדוואָקאַטן. די רייכע יידן פון פּוילן, ווי אויך די גרויסע וואַלד־סוחרים, און אַפילו ר' יעקב ענגעלמאַן אַליין, זענען גע־קומען זיך באַראָטן מיט די יוריסטישע באַרימטהייטן וועגן אַלערליי פאַרפּלאָנטערטע לאָדענישן. פּוילישע יידן האָבן זיך האַלד געהאַט צו לאָדן. די גרעסטע נעמען פון וואַרשעווער אַדוואָקאַטן פלעגן פאַרפאָרן מיט זייערע קאָטשן צום „האָטעל פּאָזנאַנסקי". אין זיינע צימערלעך פלעגן טיילמאָל אָפּגעהאַלטן ווערן קאָנפערענצן וועגן די גרעסטע גיטער און וועלדער פון פּוילן. יידן פלעגן זיך טיילמאָל אַרויסשיקן פון אַזאַ צימער אָן די היטלען צי אין יאַרמלקעס, מחמת דאָרט זענען געזעסן

גרויסע אדוואָקאַטן, שליאַכטישע פּוילישע מאַגנאַטן צוזאַמען מיט יידן, און פאַרהאַנדלט, און געמאַכט קאָנטראַקטן און געטריבן מסחרים מיט ערד און מיט נעהילין, מיט צוקער און מיט תבואה. מ׳האָט זיך קוים געקאָנט אַדורכשטופּן דורך די קאָרידאָרן פון „האָטעל פּאָזנאַנסקי״. תמיד האָבן יידן זיך דאָרט געשושקעט, געשמועסט און גערעדט וועגן די עשירותן פון קרוין־פּוילן.

באַגלייך מיט די גרויסע סוחרים און ערד־ וואַלד־ און צוקער־מעקלערס האָבן אויך די באַרימטע לאַנד־שדכנים פון פּוילן אָראַפּגע־בּרענגט אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי״ אריין פון דער פּראָווינץ, פון דעם ווייטן רוסלאַנד און אפילו פון קירה אַלערליי גבירים און גבירהטעס אויף צוזאַמענקומעניש צוליב שידוכים. מ׳האָט אַראָפּגעבּרענגט מחותנתטעס, כלות און חתנים אויף „בּאַשויאונג״. אין די שמוציקע נידעריקע צימערן פון „האָטעל פּאָזנאַנסקי״ האָט מען געשריבּן תנאימס און „ראַשי־פּרקים״, געהאַקט טעלער און פאַרשריבּן די גרויסע נדנים. אין די קאָרידאָרן צווישן די יידן אין קאַשקעטן, אין יאַרמלקעס און אין בלויזע קעפּ וואָס האָבּן זיך געשטופּט און געשמייעט אין די בּרענגע־דיקע מסחרים, האָבּן זיך אויך געדרייט פּראָווינצער אויסגעפּוצטע ווייבּער, וואָס זענען געקומען אהער צוליבּ שידוך און חתונה־ענינים און צוליבּ אויסשטייערן. גבירישע כלה־מיידלעך אָנגעטון לויט דער לעצטער מאָדע האָבן זיך געדרייט אין די קאָרידאָרן צווישן די פאַרהאָוועטע יידן. מ׳האָט געמאָסטן די קליידער, וואָס די באַרימטסטע וואַרשעווער שניידערינס האָבּן אַהערגעבּרענגט אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי״. מ׳האָט געהערט רעדן אַלערליי יידישע דיאַלעקטן. מ׳האָט זיך געשושקעט, געלאַכט, זיך געפרייט און זיך געקריגט. און פון אונטן פון דעם רעסטאָראַן האָט ארויפגעשמעקט די פּיקאַנטע וואַרשעווער פרעסאַרניע. אויך אונטן איז געווען נאָך און נאָכט אָנגעפּאַקט מיט יידן וואָס האָבּן געגעסן און געמסחרט.

אויך אַלערליי קראַנקע און חולאים זענען אהערגעקומען פון גאַנץ פּוילן זיך בּאַראָטן מיט די גרויסע וואַרשעווער פּראָפעסאָרן. ווען אין אַ טייל פון די חדרים אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי״ זענען געזעסן יידן און געשאַקלט מיט פּוילן, זענען אין אַן אַנדערן טייל חדרים געלעגן קראַנקע יידן און קראַנקע ווייבּער צו בעט. די קאַפּאַציטעטן פון דער

ווארשעווער מעדיצין זענען פארפארן מיט זייערע קאטשן פארן „האָ־טעל פּאָזנאַנסקי" און זיך אדורכגעשטופּט דורך דער יידישער מהומה אין די קאָרידאָרן, כדי צוצוקומען צו זייערע פּאַציענטן. פון טייל טירן אין האָטעל, ווען מען האָט זיי געעפנט, האָט ארויסגעשלאָגן דער איבלדיקער ריח פון רפואות און פון אנטיסעפּטישע מיטלען. מ'האָט פּלוצעם — אינמיטן דעם גרויסן ברען פון מסחר אין „האָטעל פּאָז־נאַנסקי" — ארויסגעפילט די נאָגנדיקע און אומעטיקע שטילקייט פון א קראַנקן־צימער. פארמרהשחורהדיקע קעפּ האָבן זיך טיילמאל דערשראָ־קענע און אויסגעבלייכטע ארויסגעשטעקט פון טירן־שפּאלטן און מיט געוואלדיקער נידערגעשלאָגענער עצבות געקוקט אויף דעם עולם פאר־טאראַמטע יידן, אפּגעזיפצט און צוריק פארשוואונדן. די קראַנקע זענען געלעגן אינמיטן דעם געטומל, וואָס האָט טאָג ווי נאַכט געהער־זשעט אין די קאָרידאָרן. יידן זענען אוועקגעשטאָרבן אינמיטן דעם רוישיקן געדרענג לעבן אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי". מ'האָט זיי געמאָן זייער רעכט און געמאַכט לוויות. אָבער דער טומל האָט זיך אויף א מינוט נים אָפּגעשטעלט, און די פּיקאַנטע ריחות פון דעם אונטערשטן רעסטאָראַן האָבן אויף א מינוט נישט אויפגעהערט ארויפצושלאָגן און צו רייצן די נעז פון די פארשמייעטע יידן. אויך דער טויט האָט דאָ פארלוירן זיין יחוס. ער איז געווען נישט מער ווי איינער פון די יידן אין דער מהומה פון „האָטעל פּאָזנאַנסקי".

כ'וויל נאָך צוגעבן: דער „האָטעל פּאָזנאַנסקי" איז געשטאַנען נישט ווייט פון די רעזידענצן פון די פּריוועסעס. דאָס האָט אויך געגעבן דעם „האָטעל פּאָזנאַנסקי" דעם חן פון ווארשעווער יידישער חשיבות.

# קאַפּיטל ניינצן

די טיר רוט נישט. פּראַגער אייניקלעך. ראובן. ער סטראַשעט מסדר מיטן „זיידן". מע האָט אים געקוילעט די קאַפּאָטע. וואַרשעווער חידושים. ביי די פּריוועסעס אין טויער. ר' ישעיה פּריוועס ציילט די מיליאָנען. דער זאַקסישער גאָרטן. יידן שטעקן אַריין זייערע נעז דורך די שטאַכעטן.

אויף דער זיידע ברוך האָט טיילמאָל געקויפט אין די צימערלעך פון „האָטעל פּאָזנאַנסקי" גרויסע און אַלטע פּוילישע וועלדער און אויסגעטראָגן דאָרט זיינע לאָדעניקעס מיט פאַרשיידענע וואַלד־סוחרים. הגם אין וואַרשע גופא האָט מען דעם זיידן ברוך ווייניק געקאָנט מחמת זיין דאָרפישער פּראַסטקייט. אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי" איז ער געווען איינער פון די באַקאַנטסטע געסט. די סאַרווערס אונטן אין רעסטאָראַן האָבן גוט געוואוסט, וועלכע מאכלים דער זיידע ברוך האָט האָלט. ס'רוב פּראָסטע יידישע מאכלים. ער האָט נישט גערן געהאַט די פּיקאַנטע צימעסן און פישן פון די וואַרשעווער אכלערס.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר זענען אויך פאַרפאָרן אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי" און באַקומען עפּעס אַ גרויס טונקל צימער מיט אָפּגעשיילטע ווענט און מיט וואַקלדיקע אייזערנע בעטן. מיר זענען געווען אינמיטן סאַמע וואַרשעווער טומל. קוים האָבן מיר באַוויזן צו שטעלן אַ פוס אין אונדזער צימער אַריין, אַזוי האָט שוין די טיר נישט גערוט. זי האָט זיך אַלעמאָל געעפנט. איטלעכס מאָל האָט אַן אַנדער ייד אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און אָנגעשלאָגן עפּעס צו פאַרקויפן. די יידן האָבן אַריינגערעדט צו אונדז מיטן זינגענדיקן וואַרשעווער דיאַלעקט. ס'זענען אָבער אויך געווען אַנדערע יידן מיט אַנדערע יידישע דיאַלעקטן. יידישן פון גאַנץ פּוילן האָבן אַריינגערעדט דורך דער טיר פון אונדזער צימער. אַפילו ליטוואַקעס און יידן פון טיפן ראַסיי האָבן אונדז אָנגע־

שלאָגן וואַרשעווער מציאות, וואַרשעווער צעלניק, ציצית, זאָקן און אַנדער׳ע שמאָכטעס. נישט קיין קליינינקייט, ס׳איז וואַרשע.

באַלד האָט זיך אָנגעהויבן יאָוועט צו אונדז משפּחה. וואַרשעווער משפּחה, וועלכע איך האָב געזען ס׳ערשטע מאָל אין מיין לעבן. איך האָב נישט געוואוסט, אַז מיר האָבן אין וואַרשע קיין עין־הרע אַזוי פיל משפּחה. און אַזאַ שיינע און האָפערדיקע משפּחה. עס זענען געווען אַלערליי אייניקלעך פון ר׳ ישעיהלע פּראַגער. זיי זענען אַלע געווען נידעריקע און דיקלעכע און גערעדט אויף אַ יידיש, וואָס איז געווען אַ געמיש פון וואַרשעווערישן מיט ליטוויש. עפּעס אַ מאָדנעם יידיש. זיי זענען צו אונדז אַריינגעקומען מיט אַ היימישקייט ווי מיר וואָלטן זיך שוין געקאָנט פון כמה יאָרן און אָנגעהויבן איבערצוקוקן אונדזערע פּעקלעך, און געבן עצות. די ווייבער זענען געגאַנגען אין שוואַרצע שפּיצענע קופּקעלעך. זיי זענען געווען דאַרע און פרום־בלאַסע און גערעדט אויף דעם געמיש פון וואַרשע און ליטע, און גערעדט וועגן זיידן ר׳ ישעיהלע גלייך ווי ער וואָלט נאָך געלעבט אין פּראַגע און נישט שוין פון אַ סך צענדליקער יאָרן געלעגן אין זיין אוהל אויפן גענשער בית־עלמין. פון וואַנען קומען צו אונדז אין דער משפּחה האַלבע ליטוואַקעס? גיי פרעג אַ קשיא אויף פּראַגער אייניקלעך!

פון אַלע האָפערדיקע פּראַגער אייניקלעך האָט זיך מיט אַ באַזונ־דערער ברייטקייט אויסגעצייכנט איינער ראובן. ראובן איז אויך געווען אַ נידעריקער און אַ דיקלעכער און גערעדט האַלב וואַרשעוועריש האַלב ליטוויש. דערפאַר האָט ער געטראָגן אויפן קאָפּ אַ טוכן יידיש היטל מיט אַ בענדל, פּונקט אַזאַ היטל ווי עס טראָגן די פּריוועסעס. אַ „פּריוועס־היטל" אויפן קאָפּ פון אַ האַלבן ליטוואַק האָט נאָר אויס־געקוקט חידושדיק. ראובן האָט זיך אויפגעפירט ביי אונדז אין האָטעל־צימער ווי ער וואָלט דאָ געווען דער באַלעבאָס. קודם־כל האָט ער שאַרף אָפּגעמוסרט מיין פאָטער פאַרוואָס ער איז נאָך נישט געווען ביים זיידן, ד״ה דרויסן אין ר׳ ישעיהלע פּראַגערס אוהל אויפן גענשער בית־עלמין. בכלל האָט ער ביי יעדן דריטן וואָרט דערמאָנט דעם זיידן, ווי ר׳ ישעיה־לע פּראַגער וואָלט אים דאָ אַהערגעשיקט זיך מיט אונדז צו פאַרנעמען. דערהערט, אַז מיר פאָרן קיין דובעלן צום ים ווייל דער דאָקטער האָט

מיך געהייסן פאָרן אהין. האָט ראובן געפרעגט מיט ליטווישער שאַרפ־קייט: וועלכער דאָקטער? מיין פאָטער האָט געזאָגט: דאָקטער יאַנשער פון לאָדזש. ראובן האָט געטון א פייפ לאַך־אויף ווי מ׳וואָלט אים אָפּגעקוילעט די קאַפּאָטע. וואָס הייסט א לאָדזשער דאָקטער? האָט ראובן לאַכנדיק געשריגן מיט ביטול, יידן פאָרן אדורך וואַרשע און מען נעמט נישט קיין פּראָפעסאָר? און דאָ האָט ראובן ווידער אָנגעהויבן צו סטראַשען מיטן זיידן ר׳ ישעיהלע, אז מיר דאַרפן אויף א מינוט נישט פאַרגעסן וועמענס אייניקלעך מיר זענען און אונדזער געזונט איז נישט דאָס געזונט פון עפּעס אַבי וועמען. אויך מיר דאָק־טוירים אין לאָדזש — האָט ראובן אָנגעשריגן אויף מיין פאָטער — אַן פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי וועסטו מיר נישט אוועקפאָרן פון וואַרשע.

עס איז געבליבן אַז אויף מאָרגן וועט מען פאָר מיר באַשטעלן דעם באַרימטן פּוילישן פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי. ראובן האָט זיך באַרואיקט און געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער האָט נאָך צייט א האַלבע שעה וועט ער מיר דערציילן וועגן וואַרשעווער חידושים.

אַראָפּקומענדיק אויפן גזשיבאָוו האָט ער מיר מיט א סך געפיל פון וואַרשעווער חשיבות געוויזן דאָס הויז וואו עס וואוינען די פּרי־וועסעס און וואו עס איז דאָס גרויסע אייזן־געשעפט זייערס. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין א טויער פון וואַנען מ׳האָט געזען א גרויסן הויף אָנגעפּאַקט און אָנגעשטעלט מיט גרויסע אייזערנע בעלקעס וו־עפּעס אַן אויסטערליש־צעוואַקסענער אייזערנער וואַלד. פון צווישן די בעלקעס האָט דערגרייכט א ווילד אומהיימלעך געקלאַפּ פון צענדליקער האַמערס, גלייך ווי די אייזנס וואָלטן געשריגן און פאַרהילכט וואַרשע און דאָס הויז פון די פּריוועסעס. דאַן האָט מיר ראובן געוויזן עטלעכע בוימער טיף ערגעץ צווישן די אויפגעשטעלטע אייזערנע בעלקעס און צו מיר געזאָגט אויף א הויך קול—וואָרעם מחמת דעם אומבּרחמנותדיקן געהאַמער אין דעם וואַלד פון אייזן האָט מען געמוזט רעדן הויך — אַז דאָרט אונטער די בוימער זיצט תמיד ר׳ ישעיה פּריוועס אויף א גרויסער פּאָטער־שטול, שעפּט פרישע לופט און ציילט זיינע מיליאָנען.

דאַן האָט מיך ראובן אוועקגעפירט אין א זייטן־גאַס, ער האָט זי אָנגערופן קרולעווסקאַ (די קיניגלעכע) און מיר געוויזן אַן אַלטן און

גרויסן גאָרטן, אַרומגעצוימט מיט הויכע שטאַכעטן. דער גאָרטן האָט אין זיין צעוואַקסנקייט מיך דערמאָנט אין אונדזער דלוטאָווער סאָד. ראובן האָט געזאָגט, אַז דער סאָד הייסט דער זאַקסישער גאָרטן און אַ ייד האָט נאָך דאָרט נישט אַריינגעשטעלט קיין פוס פון אָדם הראשונס צייטן אָן. ביי די טויערן שטייען גאַרדאַוואָים און לאָזן דאָרט אהין נישט אַריין קיין יידן. סיידן וווייבער און „יידישע דייטשן" מעגן יאָ אהין אַריינקומען שעפּן פרישע לופט. אין די הייסע זומערדיקע טעג דרייען זיך יידן בלויז נעבן די שטאַכעטן און שמעקן אַריין די גאַז דורך דעם צוים כדי צו שמעקן פון זאַקסישן גאָרטן. דאָס מעג מען יאָ. דאָקטוירים זאָגן אַז עס איז אַ גרויסע רפואה צו שמעקן די לופט פון זאַקסישן גאָרטן, האָט ראובן צוגעגעבן און מיך צוריק אהיימגעפירט אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי".

# קאַפּיטל צוואַנציק

פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי. ד"ר פרענקל. מיין פּאָטער וויל געוואויר ווערן וועגן סאָקאָלאָוון. אַ פּריין וואָס שרייבט לשון-קודש. דאָס חכנעחדיקע גוימשיקל. פּוילן איז גרויס געווען ווען זי האָט געהאַט אַזעלכע יידן ווי דער קוטנער ראָבין.

פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי פלעגט נישט אַליין קומען אויף וויזיטן, סיידן מיט אַ קאָנסיליום. דער דאָקטער וואָס האָט באַדאַרפט זיין מיט באַראַנאָווסקין האָט געמוזט אויספּאַסן אַז ער זאָל זיין דער ערשטער און ער האָט געמוזט וואַרטן אויף באַראַנאָווסקין. פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן, אַן אַלטער פּוילישער שליאַכטשיץ, און אַ געוואַלטיקער שונא פון די רוסן. ער וואָלט שוין לאַנג געווען פאַרשיקט אויף סיביר ווען נישט זיין מעדיצינישע באַרימטקייט. וואַרשע אָן באַראַנאָווסקין וואָלט פאַרלוירן אַ סך פון איר חשיבות.

דער צווייטער דאָקטער וואָס האָט געזאָלט האָבן דאָס קאָנסוליום מיט באַראַנאָווסקין איז געווען ד"ר פרענקל. ער האָט געשריבן היגיענישע אַרטיקלען אין דער „הצפירה" א"נ „סנסני עץ החיים". פאַר מיין פאָטער איז עס געווען אַן אַטראַקציע אָנצוקוקן מיט די אייגענע אויגן אַ מענטש, און נאָך דערצו אַ דאָקטער, וואָס שרייבט לשון קודש און דרוקט זיך אין דער „הצפירה". מיין פאָטער האָט זיך געגרייט — איידער באַראַנאָווסקי וועט קומען — צו כאַפּן מיט ד"ר פרענקל אַ שמועס און געוואויר צו ווערן אַלע פּיטשעווקעס וועגן נחום סאָקאָלאָוון און וועגן דער „הצפירה"־רעדאַקציע אויף מאַריאַנסקע. הנם נחום סאָקאָלאָוון אַליין האָט מיין פאָטער אַמאָל געזען אין קוטנע ביי ר' יהושיעלען. ר' יהושיעלע האָט אַמאָל געשיקט אַ ספּעציעלן שליח צו סאָקאָלאָוון קיין וואַרשע און אים פאַרבעטן צו קומען קיין קוטנע. ר' יהושיעלע האָט זיך פאַרמאַכט מיט סאָקאָלאָוון אויף עטלעכע שעה.

ס׳האָט געהייסן אַז ער האָט מיט אים געהאַט אַ שמועס וועגן „חיבת ציון״ און אַז די קאָלאָניסטן אין ארץ ישראל זאָלן אָפּשיידן תרומות ומעשרות און האַלטן שמיטה און יובל. טייל האָבן געזאָגט אַז ר׳ יהושיעלע האָט געוואָלט פּועלן ביי סאָקאָלאָוון אַז די „הצפירה״ זאָל זיך דרוקן אויף רשי־כּתב, מחמת יידן פּאַקן איין אין די נומערן פון „הצפירה״ הערינג און פּוטער און אַנדערע זאַכן און דאָס איז אַ חילול פאַר די הייליקע אותיות פון כּתב־אשורית מיט וועלכע די „הצפירה״ דרוקט זיך. יעדנפאַלס האָט מען נישט געוואוסט אויף קלאָר, וואָס ר׳ יהושיעלע קוטנער האָט גערעדט מיט נחום סאָקאָלאָוו.

ווען ס׳האָט זיך געעפנט די טיר אין אונדזער צימער אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי״ און ס׳איז אַריינגעקומען ד״ר פרענקל, איז עס פאַר אונדז געווען אַ היפּשע אַנטוישונג. ד״ר פרענקל איז געווען אַ הויכער עלע־גאַנטער מאַנספּאַרשוין מיט אַ שוואַרץ שפּאַניש בערדל, און ער האָט צו אונדז גערעדט אויף אַן אויסגעזוכטן קלאַסישן פּויליש. ס׳האָט זיך עפּעס נאַרנישט צוגעגלויבט אַז דער דאָזיקער פּריץ שרייבט מיט יידישע אותיות און שרייבט לשון קודש. מיין פאָטער האָט נאַרנישט נעקאָנט געפינען קיין וועג צו רעדן פון סאָקאָלאָוון און פון דער „הצפירה״. אַחוץ דעם האָט זיך ד״ר פרענקל געאיילט. יעדע מינוט האָט נעקאָנט אָנקומען באַראַנאָווסקי, און ער האָט תמיד געוואָלט, אַז דער צווייטער דאָקטער זאָל שוין האָבן געהאַט דעם פּאַציענט אונטערזוכט און אים, באַראַנאָווסקין, אָפּגעבן רעלאַציע. ד״ר פרענקל האָט כּסדר גערעדט אויף דעם קלאַסישן פּויליש און מיך אָנגעהויבן צו אונטערזוכן.

באַלד האָט זיך געהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר.

ד״ר פרענקל האָט ערפורכטיק אַ זאָג־געטון: פּראָשע (פּיטע). דער דאָזיקער קלאַפּ איז אים געווען גוט באַקאַנט. אַלע זענען מיר בלאַס געוואָרן ווען מיר האָבן אַ קוק געטון אויף ד״ר פרענקל.

אויף דער שוועל פון דער טיר האָט זיך הכנעהדיק אַ באַוויז־געטון אַ קליין ווינציק גויטשיקל, מיט אַ פּאָר גרויסע שליאַכטשיש־אַראָפּגעלאָ־זענע וואָנצעס, אין אַ צעקנוידערט קאַפּעלושל אויפן קאָפּ און אין אַ לייכטן גרין־אָפּגעשאָסענעם מאַנטל. ער האָט שטיל געזאָגט „גוט־מאָרגן״ אויף אַן אַלטן פּוילישן נוסח. ס׳איז געווען פאַר אונדז אַ גרוי־

סע אנטוויִשונג אַז אַט־דאָס נישט־אָנזעעוודיקע גויטשיקל זאָל דאָס זיין דער באַרימטער באַראַנאָווסקי וואָס סע ווערט גערעדט פון אים מיט גרויס דרך־ארץ אין אַלע גוט־יידישע הייף אין פוילן און וועמען די רוסן אפילו האָבן מורא צו פאַרשיקן קיין סיביר הגם ער מאַכט נישט קיין סוד פון זיין גרויסער שנאה צו די רוסן און האָט זיך אָפן באַטייליקט אין אַלע פוילישע אויפשטאַנדן. פּראָפעסאָר באַראַנאָווסקי אָט־אַ דאָס הכנעהדיקע גויטשיקל? ד״ר פרענקל האָט אָבער אויסגעקוקט צו ווערן מיט דריי קעפ קלענער אין זיין אָנוועזנהייט און צוגעלאָפן העלפן אויסטון באַראַנאָווסקין דעם פּאַלטן.

— כ׳האָב שוין אונטערזוכט דעם פּאַציענט, הויך חשובער הער פּראָפעסאָר, — האָט ד״ר פרענקל געזאָגט מיט גרויס דרך־ארץ. דער פּאַציענט איז דאָס קליינע יינגל.

— ווי הייסט דער פּאַציענט? — האָט באַראַנאָווסקי געפרעגט.

— טרונק.

— טרונק? — באַראַנאָווסקי האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט און פאַרקלערט — איז עס נישט אַ משפחה פון דעם גרויסן קוטנער ראָבין?

— מיר זענען זייגע אייניקלעך, הער פּראָפעסאָר, האָט מיין פאָטער געזאָגט.

דאָס קליינע גויטשיקל האָט אַ הויב־אויף געטון אַ פּאָר בלויע ליכטיקע אויגן און אַ קוק געטון אויף מיין פאָטער, דאַן איז ער צו אים צוגעגאַנגען און פריינטלעך דערלאַנגט די האַנט.

— אַ גרויסער מאַן געווען, דער ראָבין פון קוטנע — האָט באַראַנאָווסקי געזאָגט אויף גאָר אַ פּאַרצייטישן פויליש און מיט אַ מאָדנעם אַלט־שליאַכטישן דיאַלעקט — איך בין געווען ביי אים אין זיין קראַנקייט. אַ מאַן פון די אַלטע פּוילישע יידן. פּוילן איז גרויס געווען ווען זי האָט געהאַט אַזעלכע יידן. מיר זענען אַלע אין גלות, קאָכאַני פּאַניע דאָבראָדזשעיו (ליבער וואָלטעטיקער הער). לאָמיר האָפן.

און ער האָט זיך געוואָנדן צום ד״ר פרענקל און מיך אָנגעהויבן צו אונטערזוכן.

ווען זיי האָבן מיך געהאַט אויסגעטאַפּט און אויסגעהערט, האָט באַראַנאָווסקי הויך גערעדט מיטן ד״ר פרענקל אויף לאַטיין. עס איז געבליבן אַז דער ד״ר יאַנשער פון לאָדזש איז געווען גערעכט און מע זאָל מיט מיר פאָרן צום ים.

ביי דער טיר ווען באַראַנאָווסקי האָט געהאַלטן ביים אוועקגיין צוזאַמען מיטן ד״ר פרענקל, האָט ער זיך נאָכאַמאָל אויסגעדרייט צו מיין פאָטער און געזאָגט אויפן פאַרצייטישן שליאַכטישן פויליש:

— פוילן איז גרויס געווען ווען זי האָט געהאַט אַזעלכע יידן ווי דער קוטנער ראַבין, קאָכאַני פּאַניע דאָבראָדזשעיו. —

און ער איז פאַרשוואונדן הינטער דער טיר פון „האָטעל פּאָז־נאַנסקי".

# קאַפּיטל איין און צוואַנציק

אַנדערע לאַנדשאַפטן און אַנדערע יידן. דובעלן. די וועלט אין די געשטאַלטן פון איר כאַאָס. ליטוואַקעס און ליטוואַטשקעס. קעלטערע יידן צו יודישקייט. אין מיין פאָטער וועקן זיך אַלטע משכּילישע רעמיניסצענצן. אויפן ברעג ים. ים־רויש און דאָס שפּיל פון די וואָלקנס אויפן הימל. האַפנונגסלאָזער טרוים פון דער פאַרגענגלעכקייט. גאָט־געפיל. סע נעמט זיך אויף שטורעם. דער שטורעם האָט זיך צעפּענטעט איבערן ים און איבערן שטעטל. ס'ווערט שטילער. אין וועלכן הימל וואוינט גאָט? די הימלען זענען גישט מער ווי לופט און אַטמאָספערעס.

דער ים־ברעג פון דובעלן איז סיי פאַר מיר און סיי פאַר מיין פאָטער געווען אַ גרויסע אַנטשיידונגס־תקופה אין לעבן. קודם־כל זענען מיר דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעקומען פון די פוילישע פליינען און מיר האָבן געזען אַנדערע לאַנדשאַפטן און אַנדערע יידן. נאָך היינט קען איך נישט פאַרגעסן דעם אויסערגעווייטלעכן און אויסטערלישן רושם וואָס עס האָבן אויף מיר געמאַכט די וואַסער־ווייטקייטן פון באַלטישן ים, נאָך די פאַרביקע און אידילישע פוילישע פעלדער. כ'האָב ס'ערשטע מאָל געזען די וועלט אין איר אורשפּרינגלעכקייט און אין די געשטאַלטן פון איר כאַאָס. הגם איך האָב מיך טאָג־טעגלעך אָנגעהערט אין חדר פון נאָט, איז ער פאָרט ביי מיר אויסגעקומען ווי איינער פון די יידן וועלכע איך קאָן, אַ מין אַלעקסאַנדערער רבי וואָס וואוינט אין זיבעטן הימל און איז אַרומגערינגלט מיט מלאכים ווי אַ גוטער־ייד מיט חסידים. אין אָנגעזיכט פון דעם כאַאָס אינעם געשטאַלט פון דער אומגעבענ־דיקטער און הפקרדיקער וואַסער־וועלט האָב איך דאָס ערשטע מאָל אינערלעך דערפילט דאָס קאָסמישע גאָט־געפיל.

אויך מיין פאָטער האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געפונען צווישן ראַ־דיקאַלערע און ראַציאָנעלערע יידן ווי עס זענען געווען די פוילישע

יידן. די ליטווישע און רוסישע יידן זענען געווען פיל נייטאַרישער ווי די פוילישע. ס'האָט זיך שוין היפש אָנגעזען דער ריס צווישן דעם אַלטן און יונגן דור. לערנען וועלטלעכע לימודים און קליידן זיך איי־ראָפּעאיש איז ביי דעם יונגן דור פון די ליטווישע און רוסישע יידן אַב־סאָלוט געווען פון די נאַטירלעכע זאַכן, בעת אין פוילן איז עס נאָך געווען אַ חטא קדמון און מ'האָט אַרויסגעוואָרפן פון די שטיבלעך מענטשן וואָס האָבן אויף דאָס מינדסטע משנה געווען די טראַדיציאָנעלע יידישע הלבשה. פאַר לאַנגע הויזן צי אַ געפּרעסט קעלנערל האָט זיך געקאָנט אָפּטון אין אַ חסידישער שטוב די גרעסטע טראַגעדיע. די מינדסטע „דייטשישקייטן" האָבן ביי פוילישע פרומע יידן אויסגעקוקט ווי זיין אָפּגעריסן פון כלל־ישראל. אין רוסלאַנד איז עס געווען לחלוטין אַנדערש. דער אַלטער יידישער דור האָט זיך פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו־געוואוינען צום געדאַנק אַז דער נייער יידישער דור פאַרנעמט זיך אויף אַנדערע וועגן.

דער דאָזיקער ליבעראַליזם האָט אויסערגעוויינטלעך אימפּאָנירט מיין פאָטער. איז ער דאָך אין דער קוטנער שטוב געוואוינט געווען צו די השכלה־ווינטן וועלכע עס האָט אַרייַנגעבראַכט די באָבע לאה און שפּעטער די מומע איטקע. ביי ר' יהושיעלעס לעבן האָט בכלל דער פרומער פאַנאַטיזם נישט געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דער קוטנער שטוב. ר' יהושיעלע איז געווען אַזוי צו זאָגן, פון די הומאַניסטישע יידיש־פוילישע גאונים. דער שטאָט־דאָקטער ד"ר האַנדעלסמאַן פלעגט אַמאָל צו אים אַרייַנקומען און ר' יהושיעלע האָט זיך ביי אים אויסגע־פרעגט אויף אַלערליי חכמות־הטבע. דער ליבעראַלער נגיד פון קוטנע, ר' ישראל וואָלף גליקסמאַן — דער אַבאָנענט פון דער „הצפירה" און פון „המגיד" — פלעגט אים, ר' יהושיעלען, דערציילן וועלט־נייעסן ווי אויך פון די פּאָליטישע מאמרים פון נחום סאָקאָלאָוו. מיין פאָטער האָט אַמאָל געהאַט אין קוטנע אַ ליטווישן מלמד, אַן אַסקעט און אַ געוואַלדיקן למדן, דערביי אַ מליץ. ער פלעגט שרייבן לשון קודשדיקע עפּיגראַמען און אונטערגעגעבן מיין פאָטער חשק אויך צו פּרואוון מיט דער העברעאישער מוזע. ליטע איז פאַר מיין פאָטער געווען דאָס אָפענע פענצטער פון וועלכן די גרויסע וועלט בלאָזט אַריין צו יידן.

נאָר פוילן ליגט ווייט פון דעם דאָזיקן פענצטער און די פרישע וועלט־ווינטלעך דערנרייכן שווער אהין. סיידן דורך אַ פאַרבאָטן השכּלה־ביכל אָדער דורך אַ נומער „הצפירה״. מיטאַמאָל האָט זיך מיין פאָטער געפונען נאָר הארט ביי דעם דאָזיקן פענצטער. די ליטוואַקעס זענען שאַרפע פּקחותדיקע יידן וואָס האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין אפיקורסיש גליכווערטל, זענען מיט אַלע גמרות נאָענטע שמעלקעס, אַנטלויפן נישט פאַר ווייבער ווי די פוילישע חסידים. אויך זייער ליטוויש יידיש איז אַ דיאַלעקט פון קלוגע פּיפּיקע יידן, יידן וואָס האָבן אַ סך וועלט־דערפאַרונג און מען דאַרף זיי ניט אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל. ער האָט געזען ווי טאַטעס מאַכן נישט קיין טראַגעדיע ווען זייערע קינדער זענען נישט אַזוי פרום און זענען נישט צופיל מקפּיד אויף יידישקייט. יידן וואָס מאַכן זיך אַוועקקוקן ווען זייערע קינדער זענען אַ קאַפּעטשקע מחלל שבת. יידן וואָס קאָנען זאָגן אָן אַ היטל אַ גמרא־ווערטל, און קאָנען אפילו מיט אַ יידענע מאַכן אַ וויץ אויף אַ מאמר־חז״ל. די ליטווישע יידענעס פאַרשטייען עפּעס וואָס די גמרא מיינט. די דאָזיקע שכלדיקע יידן האָבן צייט. די וועלט נייט זיי נישט אונטער ביי יעדער קלייניקייט.

אַלע אַלטע משכּילישע רעמינעסצענצן האָבן אויפגעוואַכט אין מיין פאָטער. ער האָט אויפגעאָטעמט מיט דעם ראַציאָנאַלן ראַדי־קאַליזם, וואָס איז אים טיף געלעגן אין געמיט נאָך פון דער קוטנער שטוב, און פון די השכּלה־ספרים וואָס עס האָט אים מיט אַזאַ משכּילי־שער פאַרביטערטקייט אונטערגעטראָגן די מומע איטקע. ס׳איז דאָ עפּעס אַן אַנדערע האַרטערע און סאַטירישערע יידישע וועלט ווי יענע אַלט־פרענקישע סטאַטיישע און אידילישע וועלט פון די יידן אין פוילן. דער שכל — פאַר וועלכן מיין פאָטער האָט שטענדיק געהאַט מער פאַר־שטענדעניש ווי פאַר דעם ווייכן ראָמאַנטישן געפיל — האָט אים דאָ געוויזן זיינע פּליינען אין אַ יידישער ווירקלעכקייט. און עס האָט זיך מיין פאָטער באַשיימפּערלעך אויסגעדוכט גלייך ווי ער איז מיטאַמאָל אַרויסגעקומען פון אַן אַלטער פאַרחלומטער יידישער פאַרצייטישקייט און אַריין אין אַ מאָדערנער און וואַכערער וועלט פון יידן. אויך אין די ליטווישע חסידים — איבערהויפּט אין די חבדניקעס — האָט מיין

פֿאָטער געזען אַן אַנדערן מין חסידים ווי די בטלנישע און פֿאַרשלומ־פּערטע חסידים פֿון אַלעקסאַנדער. גראָד איז געווען אַ חבדישער רבי אין דובעלן — דוכט זיך דער רבי פֿון לאַדי — און מיין פֿאָטער האָט געזען ווי עס קומען צו אים אייראָפּעאיש־געקליידעטע יידן, יידן מיט אונטערגעשוירענע בערדלעך און הארטע קאַפּעליושן, און די דאָזיקע יידן זענען אויסגעבונדן אין דעם חסידישן ראַציאָנאַליזם פֿון חב״ד און קאָנען אויף אויסנווייניק גאַנצע מאמרים פֿון זייער רבין. אויך דער רבי זאָגט זיין מאמר אָן די קרעכצענישן און אָכצענישן פֿון פּוי־לישע גוטע יידן, אָן דעם גאַנצן פּאַרצייטיקן און בטלנישן טיש־צערע־מאָניאַל ווי עס איז דער מנהג ביי די גוטע יידן אין פּוילן. פֿרייטיק צו נאַכטס שטייט דער חבדישער רבי ביי דער טיר אינמיטן דעם עולם, און זאָגט אַ קונציקן חבדישן מאמר מיט דער גאַנצער שאַרפֿער שכלדי־קייט פֿון ליטווישן חסידות. עס האָט מיין פֿאָטער אויסערגעוויינלעך אימפּאָנירט צו זען אַזאַ אופֿן פֿון חסידות און אַזעלכע וועלטלעכע און דענקעריש־אויסגעשולטע חסידים. די טעג זענען אים, מיין פֿאָטער, פֿאַרפֿלויגן אין דובעלן ווי אַ חלום אויף דער וואָר.

צו מיר האָט מיין פֿאָטער געהאַט ווייניק צייט, מחמת עס איז אים אַ שאָד געווען אויף אַ מינוט צו פֿאַרלאָזן די געזעלשאַפֿט פֿון ליטווי־שע יידן און זייערע שמועסן. אַ נייע ראַציאָנאַליסטישע יונגטלעכקייט האָט אויף אים אָנגעהויבט. דערפֿאַר בין איך כמעט אַ גאַנצן טאָג געווען אויפֿן ים־ברעג. איך האָב פֿאַרגעסן דאָס חדר. איך בין גע־לעגן אַ האַלב־נאַקעטער אויפֿן זאַמד און פֿאַרנומען דאָס מאָנאָטאָנע רוישן פֿון ים. ליגנדיק אַזוי ביים ים, טיילמאָל גאַנץ אַליין מיטן בליק אין דער הויך, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אָנגעהויבן אויפֿמערקזאַם צו ווערן אויף די זיך־באַוועגנדיקע וואָלקן־לאַנדשאַפֿטן אין הימל. עס איז מיר אויסגעקומען, אַז אין פּוילן האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אויפֿגעהויבן מיינע אויגן אין דער הויך. איך האָב געהאַט געזען די ראָמאַנטישע פֿאַרבן־שפּילן פֿון דער ערד. עס איז מיר אויסגעקומען: דאָ נעבן די ליכטיקע אָפּנקייטן פֿון ים האָב איך ערשט דערזען דעם הימל אַלס אַ מייל צי אַלס אַן אַנטיטעזע צום ים. איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערפֿילט דאָס „אַנדערע וועלטישקייט״

פון הימל, און אז אויפן הימל גייט אויך אָן אַ פּסדרדיק באַוועגט לעבן פון לופט, ליכט און וואָלקנס: אז דער הימל האָט לאַנדשאַפטן און פּליינען און עס גייט אויף זיי אָן אַ טיף און וואונדערלעך געשען און ווערן אין די פּרעמדאַרטיקע פאָרמען און געשטאַלטן פון ליכט און וואָלקן. איך האָב מיך דערמאָנט אין די אינערלעכע און פרומע הימל־בילדער, וואָס האָבן אין מיר געדרימלט פון די ימים־נוראים, — די הימלען, צו וועלכע פרומע דערשראָקענע יידן אין טליתים בלאָזן שופר, און די באָבע חיה צינדט פאַר זיי אָן גרויסע וואַקסענע ליכט און זאָגט פאַר זיי תחינות. איך געדענק: טייל מאָל האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז איך הער אין די ימים־נוראים ווי טיף־אינעווייניק אין די בלוי־גאָלדענע הימלישע הויכענישן רוקן זיך די טישן פון בית־דין של מעלה און עס מישן זיך די ביכער פון יידישע מצוות און עבירות, און עס וויגן זיך דאָרט די אומהיימלעכע וואָג־שאָלן פון יידישע לעבנס... אָבער די הימלען דאָ, צו וועלכע איך בין שעהנווייז געלעגן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ האָבן אַבסאָלוט נישט אין זיך געהאַט פון יענע שטילע און אומעטיקע יידישן פרומקייטן. פאַרקערט: איך האָב אויף זיי געזען פּרעמדאַרטיקע און אויסטערלישע וואַנדערנדיקע ישטעט, און פּאַלאַצן וואָס אַט בויען זיי זיך אויף און אַט צעפליסן זיי אין דעם גאָלד און בלוי פון די מרחקים. עס איז אויסגעקומען: אַט פאַרוואַנדלט זיך אַלצדינג אויבן אין סטאַרעם פון ווייסע אומגעהויערע באַשעפענישן, וואָס שווימען אין די בלויקייטן, אָדער אין שיפן, וואָס שוועבן ערגעץ אין די הימלדיקע אומבאַקאַנטקייטן. אָבער אַלץ נאָר אויף אַ צייט און אויף אַ רגע. אַלץ האָט זיך פּסדר געשטאַלטיקט און פּסדר פאַרוואַנדלט. אין די בלויע אויסגעשפּרייטע הויכענישן האָט זיך אומאויפהערלעך געשטאַלטיקט דער גאַנצער האָפנונגסלאָזער טרויער פון דער פאַרגענגלעכקייט און פון דער אייביקייט.

איך גלויב: דאַמאָלסט איז אין מיר אויפגעקומען—אפשר געשטאַלטיקט זיך אין די קינדער־יאָרן אונדזער גאַנצער שפּעטערדיקער וועלט־חוק—דאָס געפיל פון אַ באַשיימפּערלעך טרויעריק סיזיף־שפּיל פון אַ וועלט־גאָט וואָס קיין שום דאַווענען, קיין יום־כּיפּור־ליכט און קיין שופר־בלאָזן קאָן אים ניט טרייסטן אין זיינע אויסזיכטסלאָזע מעשים און געשטאַלטונגען. איך

האָב ליב געהאַט לאַנג צו קוקן אין די הימלען און צו פאַרנעמען מיט די אויערן דאָס רוישן פון ים גלייך ווי ער וואָלט מיט אַן אומאויפהערלעך ברומען באַגלייט דאָס אומאויפהערלעכע געשטאַלטן־שפּיל אויבן. ניין, איך האָב ביי זיך נישט געקאָנט פועלן צו ווייסן צי דער דאָזיקער וועלט־נאָט וואָס שפּילט זיך אויבן אין די הימלען איז אַ גוטער צי אַ שלעכטער.

איינמאָל געדענק איך: אין אַ פאַרנאַכט האָט זיך אויפן הימל אין מערב באַוויזן אַ ברייטער רויטער שטרייף. די וואַסער־ווייטקייטן פון ים האָבן זיך ווי פּלוצעם אָנגעהויבן צו פאַרטונקלען מיט אַן אומ־היימלעכער בלייענער פינצטערניש וואָס איז ווי ארויסגעקומען פון זייערע אינעווייניקייטן, און האָבן זיך אָנגעהויבן אומרואיק צו באַוועגן. אויך די שקיעה־ליכטיקייטן אויפן הימל האָבן אויסגעקוקט צו ווערן טונ־קעלער מיט דער בלייענער פאַרב פון די אומרואיקע וואַסערן. אַפילו די זאַמדן ביים ים האָבן זיך גענומען מיטאַמאָל אַפּצוקילן ווי זיי וואָלטן זיך צו עפּעס געגרייט.

מיטאַמאָל האָט אָנגעהויבן צו בלאָזן אַ שאַרפער ווינט, און ער האָט אויך אין זיך געהאַט פון דער אומהיימלעכער טונקלקייט, ער האָט זיך געוויקלט איבער די זאַמדן און איבער די ים־וואַסערן.

דער רויטער שטרייף אויפן הימל האָט זיך וואָס אַמאָל טיפער פונאַנדערגעריסן אויפן מערב־האָריזאָנט ווי אַ בלוטיקע וואונד.

די בלייערנע טונקלקייט האָט צוגענומען.

מ׳האָט געהערט ווי די גויים אויפן ברעג שרייען אַז עס נעמט זיך אויף אַ גרויסן שטורעם און זיי האָבן אָנגעהויבן ארויסצושלעפּן די שיפלעך ווייטער ארויס אויפן זאַמד, איינצוציען די זעגל־טיכער און די פלאַכטעס איבער די בעדלעך און צוזאַמענצואוויקלען די פישער־נעצן. אַלץ איז געטון געוואָרן אין גוואַלטיקער איילעניש, וואָרעם די בלייערנע טונקלעניש האָט זיך געשטאַרקט, די ווינטן זענען געוואָרן שאַרפער און שניידיקער, און דער ים האָט זיך אָנגעהויבן צו באַדעקן מיט צעוויגטן שוים. אַלע האָבן אָנגעהויבן אין דער געשווינד ארויפ־צוכאַפּן אויף זיך די מלבושים און צו לויפן אַהיים. פון אַלע זייטן האָבן די גויים געשריגן: שטורעם!

אויך אין די גאסן פון שטעטל דובעלן האט זיך אנגעהויבן פונאנ־דערצוגיסן די בלייערנע טונקלקייט פון פאר־שטורעם. דער ווינט האט אנגעהויבן צו טראגן אין דער הויך די זאמדן און פאפירן וואס זענען געלעגן אויף דער גאס. די וואלד־בוימער צווישן וועלכע דובעלן איז געשטאנען האבן זיך — איינגעהילטע מיט ווינט — אנגעהויבן פונאנ־דערצורווישן מיט זייערע צווייגן. די גאסן האבן זיך אפגעליידיקט פון מענטשן. אומעטום האט זיך געהערט דאס צומאכן פון לאדנס און פענצטער.

ביינאכט ווען מיר זענען שוין געשלאפן האט זיך געהערט פון דרויסן א שטורעם און געפייפערייַ פון ווילדע ווינטן, גלייך ווי די גאנצע וועלט וואלט זיך פונאנדערגעריסן אין אירע אינעווייניקייטן. ס'האט זיך געהערט דאס אומגעהויערע געבריל און ברומען פון ים, דאס טורעמען און גיסן פון די צעשטורעמטע וואסערן. פארן פענצטער האבן מיר געהערט ווי עס ברעכן און קארטשען זיך די וואלד־בוימער אין ווינ־טיקע אנגסטן. אין דער פינצטערניש פייפן די דעכער אין דעם צע־פענטעטן שטורעם. אפילו די פענצטער־שויבן זענען פול געווען מיט ווינט, וואס האט אויף זיי געקלאפט אין דער צעהוליעטער נאכט.

דריי טעג האט געדויערט דער שטורעם. מיר האבן נישט געקענט ארויסגיין פון שטוב. די טירן האבן זיך פונאנדערגעריסן, ווען מען האט זיי געפרואווט צו עפענען. די צעפיפענע ווינטן האבן יעדן מענטש געוואלט כאפן אין דער הויך און אים ערגעץ אוועקטראגן אין זייערע שארפע פאלדן. די לופטן זענען פול געווען מיט זאמד און בלעטער. דער ים אין די מרחקים האט נישט אויפגעהערט זיין מוראדיק געברום. ערשט אויפן דריטן טאג נאכמיטאג האט זיך די צעיושעטע נאטור אנגעהויבן איינצושטילן. די הימלען זענען מיטאמאל געווארן בלוי און ליכטיק. די זון האט זיך א ווארעמע און א צעבליטע ארויס־געריסן פון די וואלקנס. די ווינטן זענען לייכטער געווארן. די וואלד־בוימער האבן זיך בארואיקט און זיך אויפגעהערט צו טרייסלען. מ'האט געקאנט ארויסגיין אויף דער גאס. בלויז דער ים אין די ווייטקייטן האט נישט אפגעלאזט פון זיין ברומען.

פארנאכטלעך צו, איז עס געוואָרן נאָך שטילער. מיין פאָטער איז מיט מיר אַרויסגעגאַנגען צום ים־ברעג. ס'איז געוואָרן וואַרעמער. די ווינטן האָבן אויפגעהערט. די זון איז אונטערגעגאַנגען אַ מילדע. בלויז דער ים האָט זיך נאָך הויך געשוימט אין זיינע וואַסערן און דער צעוויגטער שוים האָט זיך לייכט פאַרפאַרבט מיט שקיעה־ליכט. עס זענען געווען ווייניק מענטשן אויפן ברעג. עטלעכע פישער זענען געשטאַנען אויף די זאַמדן און געוויזן אין די וויטקייטן.

ס'איז געוואָרן טונקעלער. שטערן זענען אויפגעגאַנגען אויפן הימל.

איך מיט מיין פאָטער זענען געגאַנגען פאַזע די ים־שוימען. פאַר אונדזערע פיס האָבן זיך צעגאָסן די פאַליעס. דער ים האָט בסדר געברומט אין דער טונקלקייט. אויף די צעהויבענע שוימענדיקע וואַסערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט.

איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן צו די שטערן, צו די שטילע הימלען, און געפרעגט ביי מיין פאָטער:

— אין וועלכן פון די זיבן הימלען וואוינט גאָט?

— די הימלען זענען גישט מער ווי לופט און אַטמאָספערע, — האָט מיין פאָטער מיר געענטפערט מיט אַ משכילישן ראַדיקאַליזם.

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן. עפּעס אַ טיפער גלויבן האָט זיך אָפּגעריסן אין מיין האַרצן.

# קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

בײַ אַלטער וואוידיסלאַווער אין חדר. די מייז און די שטשורעס בײַם טאַטן אין ווייַנגאַרטן. אַ וואַלד פֿון לאַדזשער דעבער. רוצחים, זיי ווילן מיך קוילענען מיט אַ מעסער. טאַלן און תּויבעניש. די דעבער אין ווינטערדיקע לבֿנה־נעכט. אַלטערס הויז־געזינט. ר' משה בער.

מײַן פֿאָטערס ראַדיקאַליזם נאָכדעם ווי מיר זענען צוריקגעסומען פֿון דובעלן איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט מיט מיר אָנגעהויבן צו לערנען תּנ"ך ווי אויך לשון קודש. דאָס האָט אים כּלל נישט אָפּגעהאַלטן מיך אָוועקצוגעבן צו דעם פֿרימסטן און פֿאַרמרה־שחורהדיקסטן רבין, וואָס איך האָב געהאַט אין מײַן לעבן, און דאָס געמלעך צו אַלטער וואָידיסלאַווער.

אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל האָב איך שוין געהאַט געשריבן ווי אפֿילו דער לוסטיקער פּורים האָט נישט געקאָנט אויף דאָס מינדסטע אויפֿהייטערן דאָס פֿרומע און פֿאַרחושכטע געמיט פֿון דעם דאָזיקן ייִד. מיר קאָנען זיך דעריבער פֿאָרשטעלן ווי אַלטער וואָידיסלאַווער האָט אויסגעקוקט אין די טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר.

מיט זײַן משפּחה און מיט זײַן חדר האָט ער געוואוינט ערגעץ אויף אַ דריטן שטאָק אין אַ לאָדזשער הינטער־געסל. מ'האָט געמוזט אַרויפֿגיין צו אַלטער וואָידיסלאַווער דורך אַ שמאָל פֿינצטער טרעפּן־הויז וואו עס איז אייביק געווען דעמפּיק פֿון שטויב און פֿון „ווילגאָטש". די טרעפּ זענען געווען צעבראָכענע און אויסגעדרייטע פֿול מיט שפּאַלטן און לעכער וואו עס האָבן געשאַלטעט און געוואַלטעט מחנות פֿון חוצפּהדיקע מייז און שטשורעס. אַזוי ווי פֿון אַלטערס טרעפּן־הויז איז נישט געווען ווײַט צו די הויף־בית־הכּסאות און צום גרויסן הויפֿישן מיסט־קאַסטן איז עס פֿאַר די מייז און פֿאַר די שטשורעס געווען אַן אמתער ווייַנגאָרטן. אַרויפֿצוקומען אין חדר אַרײַן צו אַלטער וואָידיסלאַווער איז פֿאַר אונדז ייִנגלעך געווען אַ חיבוט־הקבֿר. וואָרעם די אייביקע דעמפּיקע טונקלקייט, די אויסגעדרייטע טרעפּ און דאָס לויפֿן פֿון מייז פֿאַר די פֿיס האָט אויף אונדז אָנגעוואָרפֿן אַ טויט־אימה.

אין חדר־אריין צו אַלטער וואַידיסלאַווער איז מען אַריינגעקומען אין אַ גרויסער שטוב מיט נידעריקע פענצטערלעך. אַן אויסגעקרישל־טער סופיט איז געלעגן איבער דער שטוב ווי אַ שטאַרץ וואָס האַלט זיך כסדר ביים אַראָפּלאָזן. די פענצטערלעך זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ וואַלד פון לאַדזשער דעכער. מ'האָט געזען אַ שלל מיט קוי־מענס וואָס האָבן זיך געריסן איבער לאָדזש אין די הויכעניש אריין און געשפּינען מיט שוואַרצן רויך און שוואַרץ געמאַכט די הימלען אי־בער לאָדזש. דאָס חדר וואַלט מן־הסתם פול געווען מיט סאַדזשע פון די לאָדזשער קוימענס, נאָר די פענצטער ביי אַלטער וואַידיסלאַווער זענען געווען פאַרמאַכט סיי ווינטער סיי זומער. טאַמער האָט זיך ערגעץ געוויזן אַ שפּעלטעלע האָט אַלטער גלייך געהייסן עס פאַרשטופּן מיט אַ שמאַטע. וואָרעם אַלטער וואַידיסלאַווער האָט כסדר געליטן אויף ציין־ווייטיק. ער האָט געציטערט פאַרן מינדסטן ווינטעלע אימת־מות. טאַמער האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז עמעצער אין שטוב האָט אַ צו שטאַרקן פאַך געטון מיט אַ טיר האָט אַלטער וואַידיסלאַווער באַלד פאַרגלייזט די קיילעכיקע אַרויסגעזעצטע אויגן, דאָס פרום־פאַרפּייניקטע בלאַסקייט פון זיין פּנים האָט זיך פאַרצויגן מיט אַ גרעסערער מרה־שחורה. אַלטער האָט אַ כאַפּ־געטון די רויטע פאַטשיילע זיינע און זי צוגעדריקט צו דער צעווייטיקטער באַק, און פאַרגאַנגען אין אַ שטיל קרעכצעניש און אָכצעניש. דערביי האָט מען געהערט ווי ער ברומט: רוצחים, זיי ווילן מיך קוילענען מיט אַ מעסער...

דאָס איינגעטלעכע חדר איז געווען אַן אַלטער טיש וואָס איז גע־שטאַנען ביי איינעם פון די צוגעמאַכטע פענצטערלעך. עפּעס געדענק איך גאָרנישט, וואָס מיר האָבן ביי אַלטערן געלערנט. דערפאַר געדענק איך די דעכער, וואָס האָבן זיך ווי מאָדנע אורבאַנישע פּייזאַזשן געצויגן פאַרן פענצטער עפּעס ווי אַן אויבערשטע איבערגעדרייטע וועלט. גראָ־טעסקע פאָרמען פון פּליינען, טאָלן און הויכענישן. ווען די זון האָט זיך געזעצט, האָבן זיך די ראָזיקע דעכער־לאַנדשאַפטן אָנגעצונדן מיט פלערליי ליכטער. די ליכטער האָבן זיך צוגעפּאַסט מיט זייער מאָלע־רישער גראָטעסקייט צו דעם גראָטעסק פון דעם ים פון פאָרמען און געשטאַלטן פון די דעכער. אין די פינצטערע נעכט האָבן זיך די דע־

כער געפאַליעט ווי געשפּענצטערהאַפּטיקע טונקלקייטן אונטער דעם ליכט פון די שטערן. אין לבנה־נעכט זענען זיי געווען בלאַס און שאַרף אין זייערע קאָנטורן ווי די פּליינען פון אַ געשטאָרבענער וועלט. ווינ־טער ווען עס האָט געשנייט האָבן די דעכער אויסגעקוקט ווי בערג־לאַנדשאַפטן. אין פּראַקטיקע ווינטערדיקע לבנה־נעכט האָבן זיי וויס־באַלויכטענע געגלאַנצט מיט געוואַלטיקער און פאַנטאַסטישער עשרות. די אַלע בילדער — אַט דאָס איז אַלצדינג וואָס איך געדענק פון אַל־טערס תורה. אָבער עס איז געווען געוויין אָפּצואוווענדן די אויגן פון פענצטער, אַזוי איז מען באַלד אַריינגעקומען אין אַן אַנדער וועלט. אויבנאָן ביים טיש איז געזעסן דער בלאַס־געלער אָסקעט דער פרומער פּאַרמראַהשחורהטער אַלטער וואָידיסלאַווער מיט די קײַלעכדיקע אַרויס־געזעצטע אויגן. ער האָט זיך כּמעט תמיד צוגעהאַלטן די באַק מיט אַ רויטער פּאַטשיילע און אונדז אָנגעקוקט מיט אַן עצבות גלייך ווי עס וואָלט געווען דער לעצטער טאָג פון דער וועלט. אין דער שטוב האָט עס געטומלט פון אַלטערס הויז־געזינט. עס האָבן אַלע עפּעס תמיד געשריגן און זיך כּסדר געקריגט. אַלטער האָט געהאַט אַ סך טעכטער, בּוגרתן, אויך געלע, בלאַסע און פאַרעצבהטע ווי דער פאָטער. זיי האָבן געלעבט צווישן זיך ווי די קעץ. אויף זייערע געוואַלדן און טומ־לענישן האָט אַלטער נישט רעאַגירט, אַבי מע האָט נישט געפּאַכעט מיט קיין טיכער און נישט אָנגעמאַכט קיין ווינטלעך און אים נישט אַ תּל געמאַכט פון די צעוויטיקטע ציינער. די רביצין, אַלטערס ווייב, איז געווען אַ קליינע, אַ שוואַרצע און תמיד אַרומגעגאַנגען אין אַ שמור־ציקע שלאָף־קופּקע. זי איז געווען דווקא אַ שווייגעדיקע, הגם אַלטער האָט ביים גרעסטן ציין־ווייטיק זיינעם זי גערופן מרשעת. ווען איך בין געקומען צו אַלטערן אין חדר אַריין האָט די דאָזיקע יידענע געהאַט אַ קינד ביי דער ברוסט. דאָסדאָזיקע האַלב־נאַקעטע נפשל איז גאָר אויסגעקומען מאָדנע אין דעם אייביקן געטומל אין חדר. מ'האָט זיך דערמיט אַרומגעוואָרפן ווי מיט אַ קעצל. דאָס נפשל איז אויך געווען אַ שווייגעדיקס און עס האָט אויסגעקוקט ווי עס קומט געפֿעך אָפּ פאַר פרעמדע זינד. עס איז געווען אויסטערליש שמוציק און פאַרוואָרלאָזט מיט קאַליע אויגעלעך און מיט אַ נאַסן פאַרך אויפן קעפּל. זעלטן־ווען האָט זיך די רביצין דערמאָנט אין דעם נפשל, עס געכאַפּט אינמיטן

דעם געטומל, זיך א קנעפּל אויף געטון דעם שפּאַנצער און א שטופּ־אַריין געגעבן אין דעם טיילעכל פון דעם נפשל איר דאַרע אויסגעמאַ־גערטע ברוסט. קוים האָט דאָס קינד געטון א ציִ בײַ דער ברוסט האָט מען עס ווידער אַוועקגעוואָרפן א שווייגעדיקס ערגעץ אינמיטן שטוב.

נעבן חדר איז געווען א קליין פינצטער צימערל. דאָרט האָט געוואוינט אַלטער וואַידיסלאַווערס סובלאָקאַטאָר ר׳ משה בער.

ר׳ משה בער איז געווען א ייד בײַ די פופציקער, א קינדערלאָזער גרוש פון כמה שנים. ער איז געווען א הויכער ייד מיט א לאַנגער שוואַרצער באָרד און מיט שוואַרצע מאָוימדיקע ברעמען איבער די אויגן. ר׳ משה בערס אויגן האָט נאָך קיינער קיין מאָל נישט געזען, מחמת ער האָט זיי תמיד געהאַלטן אַראָפּגעלאָזענע און אפילו נייענדיק געקוקט אויפן דיל. ער האָט סיי ווינטער און סיי זומער, סיי שבת און סיי אינדערוואָכן געטראָגן דאָס אייגענע אָפּגעשאָטענע כאַלאַטל. וואָס עס איז זיין טון האָט קיינער נישט געוואוסט. עס זענען וועגן אים אַרומ־געגאַנגען פאַרשיידענע מעשיות. מ׳האָט דערציילט, אַז סך־הכּל איז ר׳ משה בער א לייבלעך געשוויסטערקינד פון דעם רייכן פאַבריקאַנט ישכר שעפּס. אַזוי ווי ישכר שעפּס האָט פיינט קבצנים, נאָך דערצו קבצנים אין דער אייגענער משפחה, לאָזט ער דעריבער ר׳ משה בערן נישט אויף די אויגן און קאָן נישט הערן זיין נאָמען. צווייטנס: אַז ר׳ משה בער שטייט שוין פון כּמה יאָרן אין לאָדענישן און דין־תּורות מיט זיין ווייב די גרושה, וואָס זי איז נראָד א גבירטע און האָט א גרויסע מויער אויף דער אַלט־שטאָט. ר׳ משה בער טענהט, אַז די מויער איז גאָר זיינע און די גרושה האָט אויסגענאַרט בײַ אים דאָס עשירות בעת ר׳ משה בער איז נעשלאָפן. זאָל נאָר, ר׳ משה בער, גע־ווינען מיט דער יידענע די דין־תּורה, דאַן פאַרלאָזט ער דאָס פינצטערע שטיבל בײַ אַלטער וואַידיסלאַווער, ווערט צוריק א גביר, האָט חתונה מיט א בתולה כדי צו האָבן קינדער, און ווערט חבר מיט זיין געשוויס־טערקינד ישכר שעפּס ווי א גלייכער גביר. אין דידאָזיקע לאָדענישן פאַרברענגט ער שוין יאָרן און טעג. פון באַנינען אַן ווען די פאַבריקן פייפן איבער לאָדזש ביז פאַרנאַכטלעך צו. פאַרנאַכט קומט ר׳ משה בער מיט שטילע געהיימנישפולע טריט צוריק צו אַלטערן אין הויז,

גייט מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן אויפן דיל, אריין צו זיך אין פינצטערן שטיבל, פארמאכט הינטער זיך די טיר און לייגט זיך גאָר באצייטנס שלאָפן כדי אויפצושטיין באגינען ווען די פאבריקן וועלן פונאויסטניי פייפן איבער לאָדזש.

עס רעדט זיך אזוי אז ר׳ משה בער לייגט זיך שלאָפן. קוים האָט זיך ר׳ משה בער געלייגט אין בעט אריין, געזאָגט המפיל און צוגע־מאכט די אויגן, איז ער טאַקע באלד אנטשלאָפן געוואָרן, דערפאר האָבן זיך פון ר׳ משה בערס פינצטער חדרל געלאָזט הערן קולות, געשרייען און טענות אז די האָר האָבן זיך אונדז אלעמען געשטעלט קאָפּויער פון שרעק און אומהיימלעכקייט. עס האָט אויסגעקוקט גלייך ווי טויזנט מתים און שדים זענען דאָרט ארויסגעקראָכן פון אלע פינצ־טערנישן, מאכן דאָרט שוואַרץ־שבת, קריגן און לאָדענען זיך, פירן דאָרט מסחרים און געשעפטן, האנדלען און וואנדלען נעבן ר׳ משה בערס בעט און טוען כל־המיני ווילדע זאכן. די דאָזיקע אלע קולות און טענות זענען געקומען פון ר׳ משה בערן גופא, מחמת, ער האָט געהאט אַ טבע צו רעדן פון שלאָף באלד ווי די אויגן האָבן זיך אים נאָר צוגעמאכט. וואָס ער האָט פאַר אלעמען פארשוויגן וואכעדיקערהייט, האָט ער דערציילט אין שלאָף. און ווי דערציילט! ער האָט זיך הויך געקריגט מיט דער גרושה און געמאָנט ביי איר דאָס הויז אויף דער אלט־שטאָט. דאַן האָט מען געהערט ווי ר׳ משה בער לייגט אויס פארן רב זיינע גערעכטע טענות און קריגט זיך מיט אנדערע בעלי־דינים. אינמיטן דערינען האָט מען געהערט ווי ר׳ משה בער האָט אָנגעהויבן יאָמערלעך צו וויינען ווי ער וואָלט שוין לענגער נישט געקאָנט אַי־בערטראָגן די הימלשרייענדיקע עוולה. פּלוצעם האָט זיך ר׳ משה בער אינמיטן די טענות שטאַרק צעלאַכט. מן־הסתם האָבן זיך אים געוויזן אויסזיכטן צו געווינען די דין־תורה.

דער דאָזיקער מאַקאַברישער ספּעקטאַקל האָט זיך אוונט ביי אָוונט איבערגעחזרט הינטער דער וואַנט פון ר׳ משה בערס פינצטערן חדרל. דאָס אליין איז שוין גענוג געווען אז דאָס בלוט זאָל קאַלט ווערן אין די אָדערן. ווען די נאַכט האָט אַ טונקעלע זיך אראָפּגעלאָזט אַי־בער דער ווייטער צעריסענער דעכער־לאַנדשאַפט אינדרויסן פאַרן מענצ־

טער און אין די נאכט־פלאכן האבן זיך אנגעהויבן פונאנדערצושפילן די גראטעסקע פארמען און געשטאלטן פון א דעבער־וועלט — האט ר׳ אלטער וואידיסלאווער אנגעצונדן דאס קליינע פארקאפטשעטע נאפט־לעמפל און עס אוועקגעשטעלט אויפן חדר־טיש. אין די נאכט־שאטנס פון דער שטוב האבן אנגעהויבן צו ציטערן מארנע טונקעלע ליכטיקייטן. די קולות אין ר׳ משה בערס שטוב האבן אנגעהויבן נאך שטארקער צוצונעמען. ר׳ אלטער וואידיסלאווער האט נאך נישט אויפגעמישט די גמרות, נייערט ער האט אונדז אלעמען געהייסן אוועקזעצן נעבן זיך, ער האט זיך מיט א פאטשיילע פעסטער צוגעהאלטן די צעוויי־טיקטע באק און אנגעהויבן אונדז צו דערציילן פרומע מעשיות פון „קב הישר״. ער האט אונדז געשילדערט די גרויסע התונות וואס שדים מאכן אויף יידישע הענט וועלכע גיסן זיך נישט ריכטיק אפ מיט נעגל־וואסער, פון די לצים און שרעטעלעך וואס טוען אפ מעשים אין שטובן וואו די מזוזות זענען נישט כשר. דער עיקר האט ער אונדז דערציילט מעשיות פון גהינום. דאס קול האט זיך אים, ר׳ אלטערן, שארף און גאליק פונאנדערגעפיפן אין דער פינצטער, ווען ער האט דערציילט די מוראדיקע עינוים וואס ס׳גייען דארט אין גיהנום אדורך יידן וועלכע זענען נישט מקפיד אויף דער מינדסטער עבירה, פון די שלאנגען און עקדישן וואס פרעסן פון זיי לעבעדיקערהייט און וואוינען אין די בייכער פון די זינדיקע. ער האט דערציילט פון די מוראדיקע וועלדער וואס נישט־פרומע יידן מוזן האקן כדי אליין צו ברענגען האלץ אויף אונטערצוהייצן די סמאלע־קעסלען אין וועלכע זיי וועלן זיך שפעטער בראטן און זידן. אחוץ דעם האט ער דערציילט פון די בוידן מיט געשטארבענע יידן וואס שלעפן זיך ארום אין די נעכט איבער אלע פוסטע וועגן. דאס זענען מתים וואס זוכן ארום זייערע אוועקגעווארפענע נעגל. די קולות פון ר׳ משה בערן הינטער דער וואנט האבן באגלייט די דאזיקע מעשיות ווי באשיינפערלעכע עדות אויף דעם, וואס אלטער וואידיסלאווער דערציילט. דאס נאפט־לעמפל האט געקאפטשעט.

# קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

אין דלוטאָוו הויבן זיך ווינטער אָן צו דרייען שטאָטישע יידן. אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי" גיבן זיך יידן „תקיעת־כּף" און לומדים שרייבן אַ כּתב־אחדות. מע קריכט איבער די גרעניצן. אליעזר קאַסמאַן קומט אַנצופאָרן אויף אַ רוח'שן שליטן. מאיר טוימאַן ליגט ווי אַ בער אין זיינע באַהעלטעניש. באַהאַנגען און באַפּעלצט מיט פעלצלעך און טיכער קומט מאיר טוימאַן אריין אין גוראַלניע. אַלע ציטערן פאַר אים. עס קנאַקט דער שאַרפער פראָסט אויף די דלוטאָווער שנייען און מאיר טוימאַן פאָרט אַוועק אויף אַ שליטן. ווידער אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי". די קאַסמאַנס ווערן שטיל ווי די לעמעלעך. יידן צעטיילן זיך מיט פוילן.

נאָכדעם ווי מען האָט אויפגעשטעלט די פּסחדיקע גוראַלניע אין דלוטאָוו, איז טאַקע געוואָרן יידישלעכער. איבערהויפּט ווינטער אין די גרויסע שנייען. אין פאַרשנייטן און פאַרפרוירענעם דלוטאָווער סאָד — וואָס האָט געלויכטן אין דער ווינטערדיקער זון — האָבן זיך אָנגעהויבן צו דרייען יידן מיט שטאָטישע נגידישע פעלצלעך און מיט וואַרשעווער פוטערנע היטלען אויף די קעפּ. ס'זענען געווען יידן פון וואַרשע, פון גער און פון מנישעוו. יידן, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט ביים פּסחדיקן בראָנפן. אַלע מאָל האָט מען געהערט ווי עס קלינגט א ניי שליטעלע אויפן פאַרשנייטן הויפישן וועג. דאָס זענען אַלערליי יידן געקומען צופאָרן פון אַלע עקן פוילן מכח פּסחדיקן בראָנפן. אליעזר קאַסמאַן גופא איז זעלטן געקומען. ער איז געזעסן אין וואַרשע אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי" און געהאַלטן זיך אין לאָדענען מיט די אַנדערע פּסחדיקע גוראַלניעס אין פוילן. איבערהויפּט מיט די מנישעווער קאַסמאַנס. וואָס נעענטער עס האָט זיך צוגערוקט צו חנוכּה און די שווערע ווינטערס האָבן זיך געשטעלט איבער פוילן, האָבן זיך די פּסחדיקע גוראַלניעס אָנגעהויבן גרייטן צו פּסח. די יידן פון פּסחדיקן בראָנפן זענען געזעסן אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי" אין וואַרשע און — צוזאַמען

מיט פיפיקע רבנים — געפּראוווט — אויף אַ שווערן לומדישן לשון־קודש — אויסצושרייבן אַ „כּתב אחדות" כּדי אָפּצושטעלן די ביטערע קאָנקורענץ און זיך צעטיילן מיט פּוילן. די פּיפּיקע רבנים האָבן אָבער אַזוי פאַרפּלאָנטערט דאָס „כּתב אחדות" אַז באַלד נאָכן געבן זיך תּקיעת־כּף האָבן די פּסחדיקע יידן אָנגעהויבן צו קריכן איבער די „גרענעצן". עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוואַלד און אַ טררה מיט לאָדענישן און דין־תּורהס. צומיינסטן האָבן געשריגן די מנישעווער קאַסמאַנס, הגם זיי זענען געווען די ערשטע וואָס זענען געקראָכן אהין וואו מען טאָר נישט לויטן „כּתב". עס האָט עפּעס אויסגעקוקט ווי גאַנץ פּוילן געהער צו די מנישעווער קאַסמאַנס. אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי" האָט ווידער געטומלט מיט פּסחדיקע יידן און מיט לומדים. מען האָט פונדאַסניי געפירט דין־תּורהס און בורדותן. יידן האָבן זיך פונדאַסניי געגעבן תּקיעת־כּף. רבנים האָבן געשריבן „כּתבים" און געגומען געלט. און אַלע בייזאַמען האָט מען — צווישן די לאָדענישן — געגעסן די פעטע קאַרפּן און די געבראָטענע גענדז אונטען אין דער רעסטאָראַציע פון „האָטעל פּאָזנאַנסקי".

ווען אלעזר קאַסמאַן איז אָבער אַמאָל אָנגעקומען קיין דלוטאָוו האָט מען שוין פון די ווייטע שנייען געהערט אַז ער קומט. ער איז געקומען אויף אַ גרויסן שליטן מיט צוויי פערד וועלכע זענען געווען באַהאָנגען מיט אַ סך גלעקלעך. עס האָט זיך אויסגעדוכט אַז דער דלוטאָווער פראָסט האָט זיך אַ ווייסער און טרוקענער צעקלונגען: עס פאָרט אלעזר קאַסמאַן. די געלע צעקעמטע באָרד האָט אים, אלעזרן, געפּאַרעט פון דעםווינטערדיקן פראָסט. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אַ רייכן פּריצישן פּעלץ מיט אַ סך פוטער. אפילו די אַרבל זענען געווען באַנייט מיט פוטער. אויפן קאָפּ האָט אלעזר קאַסמאַן געטראָגן אַ הויך פוטערן היטל מיט אַן אויפגעשטעלטן שפּיץ. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס ווייסע ווינטערדיקע דלוטאָוו איז פולער געוואָרן ווען אלעזר קאַסמאַן איז אַ קום אַן געגעבן אויפן רוח'ישן שליטן. די פּסחדיקע יידן האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט אַרום זיין שליטן, אַרויסגענומען די הענט פון זייערע וואַרעמע קעשענעס אויף דעם בייסיקן פראָסט אַרויס, געגעבן אלעזרן שלום־עליכם, אים גע־

פרענט אויף ווארשע, אויף מנישעוו, און ווי עס האלט מיטן „כתב אחדות" און מיט די דין־תורהס. אלעזר קאסמאן האט הויך דער־ציילט, זיין מויל צווישן די רויטע צעקעמטע וואנצעס האט געפארעט אין דעם פראסט אריין. ער האט געשריגן, געלאכט, געזאגט גלייכ־ווערטלעך און געקלאפט אלעמען איבער די באפעלצטע פלייצעס. און ער האט זיך אנגעהויבן ארומצודרייען איבער דער גוראלניע מיט א היימישקייט ווי ער וואלט שוין דא געזעסן א גאנצן ווינטער, בא־טאפט די צעהיצטע קעסלען מיט בראנפן, געשריגן, געלעקט מיט דער צונג דעם פארטיקן יי״ש, און געגעבן עצות ווי אן אלטער מבין.

ווען אלעזר קאסמאן האט זיך שוין נעהאט גענוג אנגעשריגן איז ערשט מאיר טוימאן ארויסגעקומען פון זיין באהעלטעניש. א שווערער, א שווייגנדיקער און א טונקעלער איז ער געלעגן אין זיין שטיבל ווי א בער אין דער נארע. מאיר טוימאן האט נישט געקאנט פארטראגן קיין קעלטן. ער איז גאנצע טעג געלעגן צו בעט צוגע־דעקט מיט פעלצן און טיכער, געזיפצט און זיך געשמירט די טונקל־באהארטע פים מיט אלערליי שארפע אפפאלעכצן פון פסחדיקן בראנפן. מען האט דעם דאזיקן ייד ניט געזען אויף די שנייען און אין דער טומל־דיקער גוראלניע. אבער אלע האבן געוואוסט אז מאיר טוימאן איז די נשמה פון דעם פסחדיקן געטו. אז ער ווייסט וואס עס טוט זיך אין יעדן שפעלטעלע פון דער גוראלניע. און הגם ער ליגט און זיפצט אין בעט קוקט ער אלעמען אויף די הענט. אלע יידן און גויים אין גוראל־ניע האבן פאר אים געציטערט.

באהאנגען און באפעלצט מיט אלטע פעלצלעך און טיכער איז מאיר טוימאן א הויכער און א טונקעלער אריינגעקומען אין גוראלניע. ער האט זיך קוים געשלעפט אויף די לאנגע פים וואס זענען אים געווען ארומגעוויקלט מיט אניצעס און וואלענע שמאטעס. ער האט געאכצט פון קעלט און ווייטיק. אבער אין גוראלניע איז מיטאמאל שטיל געווארן ווען מאיר טוימאן האט זיך באוויזן. אפילו די קעסלען האבן אויס־געקוקט צו זידן און צו קאכן מיט מער פארע כדי געפעלן צו ווערן מאיר טוימאנען. אלעזר קאסמאן האט דערציילט מאיר טוימאנען ווי ער האלט מיט די דין־תורהס אין ווארשע, די מנישעווער לאכן פון אלע אפמאכן און

קריכן איבער די „גרענעצן”. און מע דארף צו טון דעם לעצטן שאָס. אויף דעם דאָזיקן שאָס מוז ער אליין, מאיר טוימאן הייסט עס, קומען קיין ווארשע.

מאיר טוימאן האָט אָפּגעזיפצט און האָט געשוויגן. ער האָט זיך מיט זיינע טונקעלע בליקן אומגעקוקט איבער דער גוראלניע. זיינע פּאַרוואָקסענע נאָז־לעכער האָבן ווארעם געשמעקט דעם שאַרפן ריח פון פּסחדיקן בראָנפן וואָס האָט זיך צו אים געטראָגן פון אלע קופּערנע זודיקע קעסלען. מען האָט קיין מאָל נישט געוואוסט צי מאיר טוימאן איז בייז צי ער איז צופרידן. שטענדיק האָבן זיינע בליקן געקוקט מיט א שאַרפער אומהיימלעכער טונקלקייט.

צומאָרגנס האָט מען ווידער איינגעשפּאנט דעם רוח'ישן שליטן. מאיר טוימאן אן איינגעוויקלטער אין טיכער און אין פּעלצן האָט זיך אוועקגעזעצט אין שליטן אַריין נעבן דעם פּריצישן אלעזר קאַסמאַן. מאיר טוימאן האָט טונקל געשוויגן אין דעם ווייסן פראָסט. ער האָט בלויז געאָכצט פון דעם שאַרפן פראָסט וואָס האָט אים געביסן. דער שליטן האָט זיך האָפּערדיק פונאנדערגעקלונגען און זיך אוועקגעטראָגן איבער די ווייסע פינקלענדיקע שנייען. ווען מאיר טוימאן האָט זיך באוויזן אין ווארשע אין „האָטעל פּאָזנאַנסקי” זענען באלד די מגני־שעווער קאַסמאַנס געוואָרן שטיל ווי די לעמעלעך. לומדישע בוררים האָבן פון אויפסניי געשריבן א „כתב אחרות” און די יידן פון פּסחדיקע בראָנפנס האָבן זיך ווידער גענעבן תקיעת־כף און זיך ענדגילטיק פונאנדערגעטיילט מיט פּוילן. ווען מאיר טוימאן האָט זיך צוריק ווי א פינצטערער בער באַגראָבן אין די דלוטאָוווער שנייען האָט ער ווידער געהערט אז די מגנישעווער קאַסמאַנס הויבן אָן צו קריכן איבער די „גרענעצן”.

# קאַפּיטל פיר און צוואַנציק

ר׳ זלמן גאַזשעלאַנע. אין מנישעוו האָט זיך געטון חושך ווען ר׳ זלמן האָט זיך געזעגנט מיט די קאַסמאַנס. ר׳ זלמן צווישן דלוטאָווער גוים און יידן. ר׳ זלמנס יודיש. ר׳ זלמנס אָפּגעשליסענע קינדער. ר׳ זלמן מיט זיינע קינדער שבת ביים דאַווענען. ר׳ זלמן מאַכט קידוש.

ערב פּסח האָבן אַלע פרעמדע יידן וואָס האָבן געהאַט צו טון מיט דער פּסחדיקער גוראַלניע פאַרלאָזט דלוטאָוו. די שנייען האָבן אָנגעהויבן צו לאָזן. די זון האָט אָנגעהויבן צו וואַרעמען. דער סאַד האָט זיך געגרייט צו בליונג און דער בושל איז צוריקגעקומען אין זיין נעסט אויף די אַלטע דעמבעס אין סאַד. די יונגע קאַטשקעלעך און גענדזעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די אייער־שאָלן און אויף די לאָנקעס האָבן זיך געוויזן די ערשטע געלע בלימעלעך.

בלויז איין יידישע משפחה איז איבערגעבליבן אין דלוטאָוו נאָך דעם יום־טובדיקן געטומל אין ווינטער, און דאָס געמלעך, ר׳ זלמן גאַזשעליאַנע מיט זיין משפחה.

ס׳האָט געהייסן אַז ר׳ זלמן גאַזשעליאַנע איז געווען אַן אויג אין קאָפּ ביי די מנישעווער קאסמאנס, און אַז אלעזר קאסמאנען איז נאָך גרויס מי און מאטערניש געראָטן ר׳ זלמנען אהערצוברענגען קיין דלוטאָוו. מע האָט געזאָגט, אַז אין מנישעוו האָט זיך געטון חושך ווען די מנישעווער קאסמאנס האָבן דערהערט פון דעם שפּיצל וואָס אלעזר קאסמאן האָט זיי אָפּגעטון. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז ר׳ זלמן איז כלל נישט געווען אַזאַ בריה. ער האָט תחילת גאָר אָנגעטון אין דלוטאָווער גוראַלניע אַ סך שאָדנס, מחמת ער האָט זיך נישט געקאָנט ריכטיק אומגיין מיט די הייוון. ר׳ זלמן האָט געטענהט אַז שולדיק איז סך־הכל דאָס דלוטאָווער וואַסער. יעדנפאַלס איז דער זיידע ברוך שטאַרק מסופּק געווען צי אין מנישעוו איז טאַקע געווען תשעה־באָב בעת מע האָט זיך געזעגנט מיט ר׳ זלמן גאַזשעליאַנע.

ווען ס׳איז געקומען נאָך פּסח־צייט און מען האָט פאַרמאַכט די גוראַלניע ביז מירצעשעם מ׳וועט דערלעבן נאָך סוכות, איז ר׳ זלמן געוואָרן גאָר אַ וואָכעדיקער ייד. ער האָט זיך אַרומגעדרייט אַ נידער־געשלאָגענער און אַ פאַרמרהשחורהטער. אין מנישעוו — הגם אַ דאָרף — האָבן דאָרט פונדעסטוועגן פון אַלע זייטן אַריינגעווייעט די ווינטן פון חסידות און יידישקייט. מנישעוו איז געלעגן צווישן גער און וואורקע, אַריינגעפּאַקט צווישן יידן און יידישע שטעטלעך. דלו־טאָוו אָבער איז געווען אַן אמת גוייש דאָרף. די עטלעכע יידן, וואָס האָבן דאָ געוואוינט זינט דורות, זענען געווען פּראָסטע און גראָבע יידן, צוזאַמענגעלעבט מיט גויים. יידן, וואָס קאָנען קוים אַדורכקומען אַ סידור. ר׳ זלמן גאַזשעליאַנע האָט גאָרנישט געפילט אין זיי קיין טעם פון יידן מיט וועלכע מע קאָן כאַפּן אַ שמועס און אַריינבראָקן אַ מעשה פון אַ גוט־יידן. סיי ר׳ מאָשקע, סיי ר׳ שימקע און סיי ר׳ הירש־קע האָבן געקוקט אויף ר׳ זלמענען ווי אויף אַ ייד, וואָס שמעקט מיט כלי־קודש און מיט ווייטע יידישע מרחקים. אַ ייד, וואָס פּאָרעט זיך אין די ווינטערדיקע קעלטן ביי פרומען פּסחדיקן בראָנפן. זיי האָבן ניט רעכט פאַרשטאַנען ר׳ זלמנס מנישעווער יידישן דיאַלעקט, וואָס האָט זיך גערעדט מיט אַ ווייכן יידישלעכן ניגון און מיט אַ סך לשון־קודש־דיקע ווערטער. און זיי, די פּראָסטע דלוטאָווער יידן, האָבן געהאַט פאַר אים, ר׳ זלמענען, אַן אומהיימלעכן אָפּשיי ווי פאַר אַ שטאָטישן ייד מיט פּאות. הגם ר׳ זלמן האָט גאָרנישט געהאַט קיין פּאות.

ר׳ זלמן האָט געוואוינט אין דאָרף איינגעדונגען אין אַ פּויערישער דירה. זומער־צייט האָט ער זיך געפּרואווט מאַכן אַ געוועלבל. ביי זיין גאַנצער בריהשאַפט און — הגם ער האָט כסדר דערציילט וואָסער חורבן עס האָט זיך אָפּגעטון אין מנישעוו ווען די קאַסמאַנס האָבן דער־הערט אַז ר׳ זלמן קלייבט זיך זיי צו פאַרלאָזן — פונדעסטוועגן האָט ר׳ זלמן געהאַט גאָר קנאַפּ פּרנסה. ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט קיין דלוטאָוו דאָס גאַנצע אביונישקייט פון אַ קליינשטעטלדיקן ייד. ער איז געגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן. דאָס ווייב אין אַ פאַרשלומ־פּערטער צעריסענער קופּקע און דאָס רעשטל קינדערלעך זיינע, האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט פאַרוואַרלאָזטע, שמוציקע און האַלב־נאַקעטע.

ס'איז ממש געווען אן עקל אויף זיי צו קוקן. זיי האבן זיך אלעמאל געהאלטן בייזאמען, גלייך ווי זיי וואלטן מורא געהאט. און הנם זיי האבן געוואוינט צווישן פויערים האבן זיי געציטערט פארן קלענסטן שיינעצל, פאר צעסיקעטע גענדז, און פאר הינטלעך, און שטענדיק אלע בייזאמען געמאכט א געוואלד ווען דאס מינדסטע הינטל האט זיך גע־פרואווט צו זיי דערנעענטערן. זיי האבן נישט געקאנט קיין ווארט פויליש און כסדר גערעדט אויף דעם ווייכן לשון־קודשדיקן יידיש פון מנישעוו. זיי האבן גערעדט יידיש מיט א פרומען ניגון, — און זיי האבן זיך ארומגעדרייט עפעס ווי דאס עלנטקייט פון דער וועלט אינמיטן די פעלדער און בוימער וואס האבן זיך אנגעהויבן פונאנדערצובליען אין דלוטאוו.

שבת איז ר' זלמן מיט זיינע קינדער געקומען דאווענען אין „הויף" אריין. ר' זלמן האט געטראגן א צעריסענע אטלאסענע קאפאטע מיט א סך צויטן און לאטעס. אויף דער קאפאטע האט ער געטראגן אן אלטן פארשלומפערטן טלית, א געלן און אן אויסגעדריפעטן. די ציצית פון טלית האבן זיך אים נאכגעשלעפט. און אין אזא הלבשה איז ער אדורכ־געגאנגען דאס פויערישע דארף און דעם דלוטאווער סאד. דערזעענדיק ר' זלמענען אין דער צעריסענער אטלעסענער קאפאטע און אין טלית מלענן די פויערים און די פויערטעס זיך אפשטעלן, קוקן אויף אים מיט א באהאלטענעם דרך־ארץ ווי אויף עפעס אן אויסטערלישן הייליקן מאן, — הנם א גאנצע וואך האבן זיי אים געקאנט פאר א פשוטן ייד וואס קאן קוים עטלעכע ווערטער פויליש, שטייט אין זיין געוועלבל און פארקויפט זיי נאפט און שוועבעלעך.

די שמוציקע אפגעריסענע קינדער זענען מיטגעקומען מיטן באַ־טליתטן פאטער און זיך נעבן אים אנידערגעשטעלט אין שולכל. זיי האבן זיך מורא געהאט אומצוקוקן. דאס עלנטע אביונישקייט איז זיי טיף געלעגן אין די ביינער, און זיי האבן ווי געהאט פחד פאר זאטערע און רייכערע יידן.

ר' זלמן האט אריינגעבראכט א נייעם טאן אין דעם דלוטאווער שולכל. ער האט געשטאמט פון גאר פרומע מאגעלניצער חסידים און ער האט ביים דאווענען געמאכט ווילדע העויות, געשאקלט זיך אין

דרייען און געפּאַטשט מיט די הענט אין דער וואַנט. דערביי האָט ער געדאַוונט הויך, אַלעמען איבערגעשריִען מיט יאָמערלעכע געשרייען און די תפילות זענען ביי אים אַרויסגעקומען מאָדנע פאַרפרומטע, ווייכע און צעקייטע... די אַלטע דלוטאָווער דאָרפס־יידן האָבן געקוקט מיט אומהיימלעכער שרעק אויף ר׳ זלמנס דאַווענען. און זיי האָבן זיך געהאַלטן בייזאַמען. ווען ר׳ זלמן האָט געדאַוונט זענען זיינע אָפּ־געריסענע קינדער געשטאַנען האַרט נעבן אים. און ר׳ זלמן אַ צעשאָקל־טער אין דער צעריסענער אַטלעסענער קאַפּאָטע און אַן איינגעהילטער אין דעם אַלטן פאַרגעלטן טלית האָט אויסגעקוקט צווישן זיי ווי אַ צע־קוואָקעטע פרום יידיש עוף צווישן איבערגעשראָקענע און אָפּגעצופּטע עופהלעך.

נאָכן דאַווענען פלעגט אַמאָל דער זיידע ברוך ר׳ זלמענען אַריינ־צורופן אויף קידוש. די אָפּגעריסענע קינדער זענען געבליבן אין דרויסן. זיי האָבן מורא געהאַט אַריינצוקומען אין אַ רייכער פּריצישער סאַליע, און דורך דער טיר אַריינגעקוקט מיט אימה אויף די רייכע געבעטע מעבלען פון די קאַמאַצקים, און אויף דער אַלטער בראָנזענער נאַפּט־לאָמפּ וואָס איז אַ צעלויכטענע פון דער זון, געהאַנגען אויפן סופיט. זיי זענען געשטאַנען אַלע בייזאַמען אין דעם אויסגעליידיקטן שולכל נעבן אָרון־קודש און מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טון פון אָרט. ר׳ זלמן האָט זיך דערווייל ביים זיידנס שבתדיק־געדעקטן טיש געגרייט צו קידוש. עס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. איידער ר׳ זלמן האָט זיך צו־געריירט צום גלעזל בראָנפן האָט ער אומאויפהערלעך און אויפן קול געזאָגט אַלערליי פרומע זמירות וואָס קיינער אין דלוטאָוו האָט נאָך נישט געהאַט געהערט, עפּעס זמירותן אויף זוהר־לשון וועלכע זענען פון ר׳ זלמנס מויל אַרויסגעקומען צעקאַליעטשעטע און צעווייקטע אין פרומע כּאַנעלניצער ניגונים.

## קאַפּיטל פינף און צוואַנציק

יידל דער שוחט וועט נאָך אַמאָל אַרומשווימען אין גאָלד. יידלס שווער און יידלס אשה. דער וואָגן מוז זיך אַ ריר טון פון אָרט. דער פּראָסט קנאַקט אויף טושינער דעכער און מע פּאַקעוועט איין יידלען צו פאָרן קיין דלוטאַוו. יידל אַליין מיטן ערל אויף די פאַרשגייעטע פעלדער. יידל דערשמעקט פּסחדיקן בראָנפן און דערפרייט זיך מיט ר׳ זלמן גאַזשעלאַנע. וואַס שייך געדאַוונט. ר׳ מאַשקע קומט נאָך יידלען. דאָס קעלבל מעקעט אין דער קעלט און רופט די מוטער. יידל שחט דאָס קעלבל אין מיטן אויפן שניי. זומער־לעב ווערט יידל ר׳ זלמנס שכן.

שפּעט אין זומער האָט ר׳ זלמן גאַזשעלאַנע צונעקריגן אַ שכן אין זיין איינגעפאַלן פויעריש הייזל אַריין, און דאָס נעמלעך יידל דעם שוחט.

יידל דער שוחט איז געווען אַ קליין דראָבנע יונגערמאַנטשיקל מיט פעטע אויסגעפּאַשעטע בעקלעך, וואָס זענען אים געהאָנגען ווי ווייכע קישעלעך אויפן פנים און מיט אַ היפּש קאָזע־בערדל פון אַ רויטלעכן שרייענדיקן געל. סך־הכל איז יידל געווען דער בכור פון טושינער שוחט און האָט זיך נאָך בחורוויז ביי זיין פאָטער געלערנט חזנות און שחיטה. דער טושינער שוחט האָט געזאָגט, אַז יידל וועט אַמאָל אַרומגיין אין גאָלד און אַלע שטעטלעך אין פּוילן וועלן זיך איבער אים רייסן. אַ טושינער בעקער, אַ פּראָסטער ייד, האָט זיך אָנגעהערט, וואָס עס וואַרט אויף יידלען און ער האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם און אים צו־געזאָגט קעסט אַזוי לאַנג ביז יידל וועט אָנהויבן אַרומשווימען אין גאָלד. דעם בעקערס טאָכטער, יידלס ווייב, אַ קליינע שוואַרצהנוודיקע תמיד איינגעמעלטע יידענע, האָט נישט באַלאַמוטשעט, פונאַנדערגעעפנט איר טראַכט און אָנגעהויבן יידלען צו באַשיטן מיט קינדערלעך. יידל האָט ביים שווער כסדר געטרונקען רויע אייער כדי דאָס קול־נגינה זאָל זיך אים לייטערן, זיך געלאָזט וואַקסן אויף אַ פינגער אַ גרויסן און שאַרפן

נאָגל און עוסק געווען אין שחיטות. דערווייל האָבן די יידישע שטעט־לעך אין פּוילן נישט געוואָלט הערן פון יידלען. זיי האָבן געהאַט ביל־כערע שוחטים, שוחטים וואָס האָבן געגעבן געלט. און אויב מחלוקת איבער אַ שוחט, איז יידל נישט געווען דער ריכטיקער קאַנדידאַט.

ווען מען האָט געעפנט די פּסחדיקע נוראַלניע און ס'האָבן זיך נע־וויזן נאָך יידן, שיינע פּסחדיקע מנישעווער און וואַרשעווער יידן, האָט דער אַלטער טושינער שוחט, יידלס פאָטער, אָנגעהויבן צו טענהן, אַז אמת, עס וועט אַמאָל קומען דאָס ריכטיקע שטעטל פאַר יידלען, און יענע יידן וועלן וויסן ווי צו פאַרצוקערן יידלס שחיטה און זיין געלייטערט קול־ניגונה — אָבער איידער וואָס איידער ווען — דעם בעקערס טאָכטער, יידלס אשה, וויסט ניט פון קיין קונצן און שיט דערווייל מיט קינדערלעך — וואָלט פונדעסטוועגן גלייך געווען אַז יידל זאָל זיך אַמאָל אראָפּכאַפּן קיין דלוטאָוו און אָנהויבן צו שחטן פאַר די שיינע פרעמדע יידן. דאָס וועט אויך זיין אַ סגולה אַז זיין נאָמען זאָל ענדלעך אָנהויבן צו קלינ־גען איבער פּוילן. די עצה איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. אפילו דער פּראָסטער ייד, דער בעקער, האָט איינגעזען, אַז יידלס פאָטער איז גערעכט און מען מוז דעם וואָגן אַמאָל אַ ריר טון פון אָרט — סיידן חלילה יידל מיט דער טאָכטער און מיט די אייניקלעך זאָלן אים אַ גאַנץ לעבן זיצן אויפן קאָפּ און אויפעסן די ביינער. יידל, וואָס האָט זיך כל ימיו נישט אַרויסגערירט פון טושין, האָט זיך אפילו מורא געהאַט צו רירן אין וועג אַריין. אויפן וועג, האָט ער געוואוסט, טרעפט מען זעלטן אַ ייד. די פעלדער זענען פול מיט גויים. אויך הינט לויפן דאָרט אַרום איבער די דרויסנס און בילן און ווילן צערייסן אַ ייד. וואו וועט ער זיך אַליין, יידל נעבעך, אַן עצה געבן? אים האָט זיך דערמאָנט די מלחמה פון יידן מיט די פינף סרני־פּלישתים, — וואָרעם יידל האָט כסדר געלעבט אין דער אַטמאָספערע פון גמרא, חומש און שולחן־ערוך. — די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך אים געשטעלט קאַפּויער.

דער שווער, דער בעקער, האָט אָבער נישט ליב געהאַט צו באַלאַ־מוטשען. אין אַ גרויסן ווינטערדיקן פראָסט, ווען די דעכער האָבן גע־קנאַקט אין טושין, האָט מען יידלען אָנגעהויבן אַרומצופּאַקן מיט וואָלי־

קעס, שפּאַנצערס און טיכער. מע האָט אים אַרומגעבונדן קאָפּ און אויערן, אַז מע האָט קוים יידלען אַרויסגעזען די אויגן און דאָס געל־רויטע קאָזע־בערדל. מע האָט יידלען אַריינגעלייגט אין בוזעם די שייט־לען מיט בליצנדיקע חלפים. מע האָט אים אַרויפגעזעצט אויף אַ פּויעריש פורל, וואָס האָט זיך געקליבן אין יענע מקומות. דער בעקער האָט דעם אַנגעפּעלצטן גוי געגעבן אַ גרויסן טרונק בראָנפן און אים געהייסן אָפּשטעלן יידלען אין דלוטאָווער „הויף". יידלס אשה האָט אים מיטגעגעבן עטלעכע וואַרעמע בייגל מיט אַ שטיקל האַרטן קעז. יידל, אַן אַרומגעוויקלטער מיט טיכער, האָט געציטערט ווי אַ פיש און שטיל געזאָגט תפילת הדרך. בעסער וואָלט ער קאַפּאַבל געווען צו זאָגן ווידוי. וואָרעם אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז ער פאַרלאָזט טושין אויף אייביק און לאָזט זיך אַוועק אין אומהיימלעכע מרחקים. ווען דאָס פורל האָט פאַרלאָזט די לעצטע טושינער הייזלעך און יידל, צוזאַ־מען מיט אַ באַפּעלצטן גוי און מיט אַ פערדל, האָבן זיך געפונען אינמיטן די קאַלטע און שטילע ליכטיקייטן פון די ווייטע שנייען, איז יידלען נאָר באַפאַלן אַ פחדימדיקע איינזאַמקייט. ער האָט צוגעמאַכט די אויגן, איבערגענאַנגען אין זכרון גאַנץ הלכות שחיטה, נאָר דער פחד האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. דורך די פאַרבונדענע אויערן האָט ער געהערט דאָס אָטעמען און פייפנדיקע ווייען פון די ווינטערדיקע ווינטן איבער די שנייען. יידל האָט אויפגעעפנט אַן אויג. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער זוכט אַ ייד אין דער דאָזיקער ווייסער ליכטנדיקער פרעמדקייט... ער האָט זיך געזען אַליין מיטן גוי, מיט די באַשנייטע פעלדער, מיט די ווינטן און מיט די שוואַרצע קראָען וואָס האָבן געקראַקעט איבער די באַשנייטע און נאַקעטע וועג־טאָפּאָלן.

אינמיטן וועג האָט דער גוי איינמאָל אויסגעדרייט צו יידלען דעם קאָפּ און עפּעס געזאָגט. יידל האָט נישט פאַרשטאַנען קיין פּויליש, און פאַר פחד האָט ער צוריקגעבעבעט אויף תרגום־לשון.

יידל מיטן גוי זענען ענדלעך געקומען קיין דלוטאָוו און אַוועק אין דער גוראַלניע. ווען יידל האָט דערשפּירט די שלאַנגדיקע וואַרעמ־קייט פון די קעסלען און דערשמעקט דעם באַקאַנטן ריח פון פּסחדיקן

בראנפן — האט זיך אים אויסגעדוכט, אז ענדלעך איז ער בשלום ארוי־
בערגעקומען די ווייטע מרחקים פון די גויים און געפינט זיך ווידער
צווישן יידן. ער האט זיך שווער ארויסגעוויקלט פון די טיכער און
וואליקעס און געטאפט צי ער האט די חלפים אין דער קעשענע. זיי
זענען דארט געלעגן די טייערע און ליבע חלפים וואס האבן אים דער־
מאנט טושין און הלכות שחיטה. אז ער האט דערזען ר׳ זלמן נאזשע־
ליאגע איז אים גאר ליכטיק געווארן אין די אויגן און ער האט זיך ענדלעך
אויסגעשמייכלט.

ר׳ זלמן האט דערהערט אז דאס איז דער נייער טושינער שוחט וואס
איז געקומען שחטן פאר די יידן אין דלוטאוו. אויך ר׳ זלמן האט זיך
אויסגעשמייכלט. ס׳ערשטע מאל זינט ער האט פארלאזט מנישעוו האט
ער דערזען א היימישן ייד וואס שמעקט מיט זיינע פרומע מנישעווער
מקומות, א ייד וואס שמעקט מיט מאגעלניצע. מיט א פארשמירטער
האנט האט ר׳ זלמן יידלען דערלאנגט שלום עליכם און אים א פרעג
געטון אויף זיין זינגעדיקן מנישעווער יידיש:

— איר האט שוין געדאווענט?

— וואס שייך געדאווענט... — האט יידל געזאגט מיט א חסידישן
גמרא־ניגון און זיך א צעשאקל־געטון פון שמחה וואס ער האט דערהערט
א ייד רעדן נאכדעם ווי די ווינטן האבן אזוי לאנג געברומט אין זיינע
אויערן, די קראען האבן געקראקעט אויף די פארשנייטע פעלדער און
נאך דעם פויליש פונם באפעלצטן ערל.

— נו, נייט זיך וואשן, — האט ר׳ זלמן א זאג געטון.

יידל האט ארויסגענומען די בייגל און דעם הארטן קעז וואס זיין
אשה האט אים מיטגעגעבן פון טושין. ער האט זיך געוואשן מיט דער
גרויסער קופערנער שעפ וואס איז, צוזאמען מיט א פעסל וואסער,
געשטאנען אינמיטן דער פסחדיקער גוראלניע. טאמער דארף זיך
א ייד צוואשן די הענט. ר׳ זלמן האט אים דערלאנגט א קעלישקל
מיט פרישן פסחדיקן בראנפן. יידל האט זיך אוועקגעזעצט נעבן די קאר־
בעדיקע קעסלען און אנגעהויבן צו עסן זיין אנבייסן.

אלע שרעקן און פחדים האָבן זיך פון אים אָפּגעטון.

שפּעטער איז ר׳ מאָשקע געקומען אין גוראַלניע אַריין. ער איז געגאַנגען אָנגעטון ווי א גוי, אין א פּויערישן שעפּסן־פּעלץ, אין א פּויעריש שעפּסן־היטל און אין א פּאָר גראָבע געקאָוועטע שטיוואַלעס. די שטרוי־בלאָנדע באָרד האָט אים געטאַיעט פון שניי און פראָסט. ר׳ מאָשקע האָט זיך געפרעגט אויפן שוחט, און מ׳האָט אים געוויזן אויף יידלען.

יידל האָט זיך פונאויפסניי ארומגעוויקלט מיט טיכער און איז מיט־געגאַנגען מיט ר׳ מאָשקען. זיי זענען געגאַנגען אין די טיפע שנייען צווישן די נאַקעטע סאַד־בוימער און דורך דעם פּאַרשנייטן דלוטאָווער דאָרף. ערשט ביי דער תּיפלה, וואו ר׳ מאָשקע האָט געוואוינט, האָט ר׳ מאָשקע יידלען אריינגעפירט אין א וואַרעם־אויסגעהייצטע שטוב.

יידל האָט א קוש געטון די מזוזה ביי ר׳ מאָשקעס פּויערישער טיר. דאָן האָט ער מיט זיין גרויסן נאָגל איבערגעפּרואווט די חלפים און זיי פונדאָסניי גוט אויסגעשליפט. ר׳ מאָשקע האָט יידלען ארויסגעפירט אויפן פּויערישן הויף.

אויף די הויך־אָנגעשיטע שנייען אין הויף איז געלעגן א געבונדן רויט קעלבל. עס האָט געמעקעט אין דער קעלט ווי עס וואָלט גערופן די מוטער. יידל איז דערצו צוגעגאַנגען אַן איינגעוויקלטער אין זיינע וואַרעמע טושינער טיכער. ער האָט הויך און פּאַרזיכטיק — אין ווייסן און אין פּראַסטיקן אינדרויסן — געהאַלטן א בליצנדיקן חלף אין דער האַנט. דאָס קעלבל איז פּלוצעם אַנטשוויגן געוואָרן און מיט א פּאָר גרויסע בהמישע אויגן אָנגעקוקט דעם שוחט. יידל האָט געמאַכט א ברכה און דאָס קעלבל אָוועקגעשחטן אינמיטן אויפן שניי.

זומערצייט האָט זיך דער טושינער בעקער מישב געווען אַז איי־דער עס וועט זיך געפינען דאָס ריכטיקע שטעטל פאַר יידלען איז גלייכער יידל זאָל זיך ציען קיין דלוטאָוו. זאָל ער דאָרט דערווייל שחטן קעלב־לעך און עופות און אויפהערן אים, דעם שווער, אָפּצועסן די ביינער. דער בעקער האָט ניט לאַנג געבריינט, ער האָט אין א שיינעם זומערדיקן

טאָג געדרונגען אַ פּויעריש פּורל, אויפגעזעצט יידלען מיט ווייב און קינדערלעך צווישן שטרוי, און זיי איינגעהענטיס אוועקגעפירט קיין דלור־טאָוו. מע האָט יידלען איינגעדרונגען אין אַ דירה בשכנות מיט ר׳ זלמן נאָזשעלאַנע. יידל איז למזל געוואָרן דלוטאָווער שוחט. שבת פלעגט ער דאַווענען שחרית אין אונזער שולכל און זיך דאָרט געציקלט מיט זיין געלייטערטן קול־נגינה. ר׳ זלמן האָט באַקומען, אינמיטן די דלוטאָווער גויים, דעם ריכטיקן שכן.

# קאַפּיטל זעקס און צוואַנציק

אַ פֿאַרצערטלט בן־יחידל. עלנטקייט. די הכנעה פֿון ר׳ זלמנען מיט זיינע קינדער. קרוינען פֿון אָרימקייט. אין סאַד. איך יאָג מיט גאַנ־שעראָווסקים שפּיין־רום זומער־פֿייגעלעך. ר׳ זלמנס ייִנגעלע קוקט אויף אַ בוים מיט עפּל. אומזגערעכטיקייט. איך קוק אויף מיינע הענט. ביטערע חרטה־געפֿילן. „אַחדות“. אין די חימלען זאַמלט זיך דאָס געוויסן פֿון דער וועלט אין דער געשטאַלט פֿון אַ געוויטער.

אין די חדרים, אין וועלכע איך האָב געלערנט אין לאָדזש, זענען נישט אַלע מיינע חברים געווען גבירישע קינדער, פֿונדעסטוועגן מיט דער סאַמע ייִדישער אָרעמקייט האָב איך מיך קיינמאָל נישט געטראָפֿן. איך בין קיינמאָל נישט געווען אין באַלוט. הגם איך האָב געוואוסט, אַז דאָרט האָב איך משפּחה, צו וועלכע דער זיידע ברוך געהער אָן אַ פֿעטער, און זיי זענען וועבער. די אָרעמע ייִדן פֿון שטיבל וואָס פֿלעגן אַמאָל אין אַ יום־טוב צו אונדז אַרויפֿקומען, זענען ס׳רוב געווען קרעמערלעך און האָבן זיך ווי עס איז אַדורכגעשטופּט. די גרויסע און ביטערע עלנט פֿון לעבן האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אָנגעזען מיט מיינע אויגן.

וואָס עלטער איך בין געוואָרן, בין איך אַלץ מער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז איך בין דער פּופּיק פֿון דער וועלט און אַ צענטער, אַרום וועלכן אַלץ דרייט זיך. איך האָב געזען, ווי אַלע אַרום אונדז זענען אונדז אונטערטעניק, וואַרטן אויף אַ חסד פֿון אונדזערע מיליאָנען און הערן נישט אויף אונדז צו חנפֿענען. איך האָב מיך געוויקט אין יחוס און אין עשירות, אין זאַטקייט און אין שוואַוויליטאַג, און מ׳האָט מיך צעבאַלעוועט ווי אַ גביריש בן־יחידל. איך האָב געזען אַז טאָמער טוט מיר עפּעס וויי ווערן אַלע אין שטוב בלאַס. מע רופֿט דאָקטוירים, מע קוקט מיר אין די אויגן אַריין ווי די וועלט וואָלט געהאַלטן ביים אונ־טערגיין.

אזאַ סביבה און אַזאַ דערציאונג מוז אין אַ קינד אַנטוויקלען אַן עגאָצענטריש געפיל. איך בין נישט געווען קיין שלעכט קינד. איך בין געווען אַ פאַרחלומט קינד און געפילפול פון דער נאַטור. דאָך האָט די עגאָצענטרישקייט מיך אָפּגעשלאָסן פון אַ סך זאַכן און מיר טיילמאָל געוויזן די וועלט אין אַ פאַלשן ליכט. די גאַנצע סביבה, אין וועלכער איך האָב געלעבט, האָט מיך פּאַמעלעכל געשטאַרקט אין דער איבערצייגונג, אַז איך בין עפּעס בעסערס, אַז איך האָב מער רעכט ווי אַנדערע, און דאָס נבירישע זאַטקייט קומט מיר ווי אַ געזעץ פון אַלע וועלטן.

עלנטקייט. נויט. איך האָב עפּעס געהערט דערפון. אין זיידע ברוכס מעשיות פלעגן טיילמאָל פאָרצוקומען עלנטע הונגעריקע מענטשן, אָרעמע ברידער פון רייכע גבירים וואָס נייען אויס פון נויט און פון קעלט. סוף־כל־סוף האָט די דאָזיקע עלנטקייט פאַר מיר געקלונגען ווי אומעטיקע רעקוויזיטן פון שיינע און טרויעריקע מעשיות. רעקוויזיטן, וואָס מאַכן פייכט די אויגן און דריקן ביים האַרצן. רעקוויזיטן פון פאַנטאַזיע. אָבער לעבעדיקע עלנטע מענטשן, נויט און הונגער ווי אַ גרויסער און רעאַלער באַשטאַנד פון דער זאַטער און וואַרעמער וועלט, אין וועלכער איך לעב? ניין. דאָס האָב איך מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס הייסט הונגעריקע מענטשן? מע קאָן דאָך צוגיין צו דער שאַפע, וואָס שטייט ביי יעדן מענטש אין שטוב, און זיך פון דאָרט אַרויסנעמען פון כל־טוב?

די ערשטע עלנטע מענטשן, וואָס איך האָב געטראָפן אין מיין לעבן, זענען געווען קינדער אַזוי ווי איך. קינדער אומגעפער אין מיינע יאָרן, נעמלעך, די קינדער פון ר׳ זלמן גאַזשעלאַנע.

אויב איך האָב געזען אין לאָדזש דאָס אונטערטעניקייט פון מענטשן, וואָס זענען אָנגעוויזן געווען אויף אונדזער עשירות, איז עס נישט געקומען צו דער הכנעה וואָס ר׳ זלמן גאַזשעלאַנע האָט צו אונדז אַרויסגעוויזן אין דלוטאַוו. ער איז געווען איינער אַליין צווישן גויים, אָנגעוויזן אויף דער קנאַפּער שכירות וואָס ער האָט באַקומען פון דער פּסחדיקער גוראַלניע. מ׳האָט בפירוש געזען אַז ווען דער זיידע ברוך טוט נאָר אַ מאַך־צו די האַנט, — גייט ר׳ זלמן מיט זיין הויזגעזינט אויס פון הונגער. וואָס וועט ער טון, אַ שוואַכער מנישעווער ייִד, אין

א דאָרף מיט גויים, וואָס ער קאָן צומאָל נישט זייער לשון? ר׳ זלמן איז געזעסן אויפֿן זיידנס חסד ווי אַן איינזאַמער מענטש אויף א ברעט אינמיטן א ווילדן צעשטורעמטן ים. דער זיידע ברוך איז געווען די איינציקע האַנט, וואָס האָט אים דערלאַנגט דאָס קאַרגע ברויט. און ר׳ זלמנען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז צו דער דאָזיקער האַנט מוז מען זיך כסדר בוקן אין דרייען, ציטערן און פלאַטערן פאַר איר אין דאַנק־באַרסטער הכנעה, און זי חס ושלום נישט דערצערענען אויף א האָר. ר׳ זלמן האָט עפּעס ווי געהאָדעוועט אין זיך דעם קולט פון אָרעמקייט. ער איז געגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, תמיד א בלאַסער און מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ. טאָמער האָט ער געזען עמיצן פון הויף איז ער נאָך בלאַסער געוואָרן, נאָך טיפער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און א זאָג־געטון גוט־מאָרגן ווי מען וואָלט אים א טובה געטון וואָס מען הערט אים. בלויז מיט אָרעמע יידן, אַזוי ווי ער, האָט זיך ר׳ זלמן געפילט אינדערהיים און געהאַט א פּאַנישן דרין־אַרין פאַר יידן נגידים.

די גרעסטע אָרעמקייט האָט ער אַריינגעלייגט אין זיינע קינדער. ער האָט זיי געלאָזט גיין כמעט נאַקעט און באָרוועס. כ׳וויים נישט פון וואַנען ר׳ זלמן האָט גענומען אַזעלכע שמאַטעוואַטע בגדים, אין וועלכע ער האָט זיינע קינדער מלביש געווען. סיידן ערגעץ פון א באַרג מיסט. צום עלנטסטן זענען געווען זייערע יידישע היטעלעך. אין די היטעלעך אַליין איז געלעגן א גאַנצער אוצר מיט אָרעמקייט. אַלע פאַרבן זענען געווען פון זיי אָפּגעשאָסן, איינגעשמירט מיט שמוץ, צעפליקט און צעריסן, מיט האַלב־אויסגעטרענטע דאַשיקלעך וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף די היטעלעך עפּעס ווי דורך מעשה־ניסים. אויף די באַפּאַוטעטע קעפּעלעך פון ר׳ זלמנס קינדער זענען די דאָזיקע היטעלעך געזעסן ווי קאָמישע קרוינען פון מענטש־לעכן עלנט... אחוץ דעם, זענען ר׳ זלמנס קינדער אַרומגעגאַנגען באָר־וועסע, מיט אויסגעקרימטע שוואַכע ראַכיטישע פיסלעך וואָס זענען געווען ווי תמיד צעבלוטיקט. די קינדער פלעגן אַרומגיין צוזאַמען ווי א סטאַדע פון אָרעמע, און ווי זיי וואָלטן פאַר אַלעמען מורא געהאַט.

אָנהויב זומער ווען מיר זענען אַרויסגעקומען אין הויף אַריין,

קיין דלוטאָוו, האָב איך ר׳ זלמנס קינדער ווייניק וועז געזען. ווי איך האָב דערציילט, איז צווישן זיינע קינדער געווען אַ ייִנגעלע אין מיינע יאָרן. איך פלעג זיי נאָר זען שבת ביים דאַווענען, וואו זיי זענען אַלע באַרוועסע און ווי איבערגעשראָקענע געשטאַנען לעבן דעם באַטליתטן פאָטער זייערן. איך בין אַריינגעקומען צום דאַווענען פון די אינערלעכע הויף־חדרים, אָנגעטאָן אין אַ בלאַנקנדיקן זיידן־קאַפּאָטקעלע, אין אַ נגידיש סאַמעטן־היטעלע. אַן אויסגעשלאָפענער, אַ זאַטער און אַ צופרידענער. צווישן מיר און ר׳ זלמנס קינדער האָט זיך אַוועקגעלייגט אַ תהום פון פסיכישער ווייטקייט גלייך ווי מיר וואָלטן געשטאַנען אין צוויי פאַרשידענע וועלטן. וועלטן מיט אייגענע געזעצן און מיט אייגענע נויטווענדיקייטן. מיר האָבן זיך אָנגעקוקט מיט אַ געפיל פון טיפער אומהיימלעכקייט. זיי האָט געשראָקן די זאַטקייט און דאָס נגידותשאַפט וואָס האָט פון מיר אַראָפּגעווייעט. מיך האָט געשראָקן דאָס עלנטע אָרעמקייט און די אומווירדיקע הכנעה פון ייִדישע קינדער, וואָס זענען אומגעפער אין מיין עלטער און וואָס וואָלטן גרייַלעך געקאָנט זיין מיינע חברים. מיר האָבן צומאָל קיינמאָל נישט געמאַכט אַ פּרוּוו אויסצורעדן איינער צום אַנדערן אַ וואָרט. אחוץ שבת ביים דאַווענען האָט מען זיי קיינמאָל נישט געזען אין אונדזער סאָד.

איינמאָל, געדענק איך, בין איך אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג אַרויס־געגאַנגען אין סאָד. אין דער האַנט האָב איך געהאַלטן אַ לאַנגע לעדערנע שפּיצרוט, וועלכע גאַנשעראָווסקי האָט מיר געשענקט. דער סאָד איז געשטאַנען אָנגעלאָדן אין אַ שפע פון אויבסט. די בוימער זענען פול געווען מיט עפל און באַרן, וואָס זענען שוין צייטיק גע־וואָרן אויף די צווייגן און פאַרשמעקט די לופט מיט די זיסע זאַפטן פון זייער צייטיקייט. די זון האָט אַ הייסע און אַ זומערדיקע געשיינט אויפן אויבסט. דאָס גראָז אונטער די בוימער איז געווען טרוקן און טונקל פון וואַרעמקייט און שאָטן.

צווישן די אויבסטן אויף די בוימער האָבן געזונגען פייגל.

איך האָב געפילט אין מיין בלוט די ריחות פון פרייקייט און אויבסט, און בין אַ האָפערדיקער אַרומגעשפּרונגען אין גראָז. איך האָב

געפּאַכעט מיט דער פּריצישער שפּיצרוט און געיאָגט די זומער־פייגע־לעך וואָס האָבן געשוועבט אין די וואַרעמע און זוניקע שאָטנס אונ־טער די ביימער.

איך בין מיך אַלײן ווייטער פאַרלאָפן אין דער שמעקנדיקער שטיל־קייט פון סאַד.

נישט ווייט פון סאַד־פּלויט אונטער אַן אַלטן עפּל־בוים האָב איך פּלוצעם דערזען איינעם פון ר׳ זלמנס קינדער. דאָס יינגעלע אין מיינע יאָרן. ער האָט זיך עפּעס ווי פאַרבלאָנדזשעט פון דער סטאַדע אָרעמע ברידערלעך און האָט זיך אַרונטערבאַקומען אונטער אַ בוים פון פּריצישן סאַד. ער איז געשטאַנען צו מיר מיטן רוקן, אַ באָרוועסער, אַן אָפּגעריסענער, אַ האַלב־נאַקעטער, מיטן פאַרשלומפּערטן יידישן היטעלע אויפן קאָפּ. ער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ און געקוקט אויף די רויטע זאַפטיקע עפּל וואָס האָבן, באַגאָסענע מיט זומער־זון, שווער אַראָפּגעהאַנגען פון די באַבלעטערטע צווייגן. ער האָט מיך נישט גע־זען און איך בין געבליבן שטיין הינטער אים. איך האָב אַלײן וואוי־לעריש געפּאַכעט מיט דער שפּיצרוט און געיאָגט די זומער־פייגעלעך.

דאָס עלנטקייט פון דעם אָרעמען יינגעלע האָט מיך ווי אויפגע־רעגט. אַן אָפּגעריסענער אָרעמער מענטש אינמיטן דער צעשמעקט־קייט פון זוניקן אויבסטיקן סאַד איז מיר אויסגעקומען ווי פרעמד צו אַלע געזעצן פון דער דאָזיקער שיינער וועלט, וועלכע געהער צו מיר און צו מיין משפּחה. דאָס אָרעמע יינגעלע פון דער עלנטער וועלט וואָס איז אַזוי אומהיימלעך־ווייט פון מיר — ווי קומט ער אהער אונ־טער דעם פּולן בוים מיט רויטע לאַכנדיקע עפּל?

די זומער־פייגעלעך אַרום מיר אויפן גראָז זענען אַרומגעפלויגן און די לעדערנע שפּיצרוט האָט פּריציש געציטערט אין מיין האַנט. איך האָב געקוקט אויפן האַלב־נאַקעטן רוקן פון דעם יינגעלע, וואָס האָט מיך נישט געזען און אַלײן מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ אַרויפ־געקוקט צו די עפּל אויפן בוים. פּלוצעם בין איך צוגעגאַנגען, אויפ־געהויבן די שפּיצרוט און מיט דער גאַנצער קראַפט זי אַראָפּגעלאָזט אויף זיין פּלייצע.

דאָס גוף פון דעם קינד האָט קראַמפּהאַפטיק אַ ציטער געטון

פון שרעק און פון ווייטיק. ער האָט זיך צו מיר אַ דריי אויס געגעבן. ער האָט מיך דערקענט און זיך הכנעהדיק איינגעבויגן. זיינע אויגן זענען געווען פייכט פון צער און פון שרעק. אָבער פון דער אויגן־פייכטקייט האָט אויך אַרויסגעקוקט אַ טיפער אַנימאַלישער האָס, וואָס האָט מיך אַ בריגעטון גלייך ווי טויזנט פייערן וואָלטן געברענט אויף מיין הויט. איך האָב אַ לאָז אַרויס געטאָן די שפּיצרוט פון דער האַנט און בין געבליבן שטיין ווי אַ נעלייממטער.

דאָס יינגעלע איז אַנטלאָפן.

איך בין לאַנג געשטאַנען און אים נאָכגעקוקט און אַלץ געזען די אויגן, וואָס קוקן אויף מיר מיט צער און מיט האָס. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די זון שיינט טונקעלער, דער סאָד שמעקט ווי מיט אַן איבלדיקן גיפט, און די פויגל האָבן אויפגעהערט צו זינגען אויף די בוימער. איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און לאַנג געשטאַנען אויף מיין אָרט. איך האָב אַ קוק געטון אויף מיינע הענט ווי אויף פרעמדע פיינטלעכע באַשעפענישן און איך האָב געהאַט צו זיי דאָס געפיל פון עקל. אין מיין האַרץ האָט זיך דאָס ערשטע מאָל געוועקט דאָס געפיל פון אַ גרויסע און מוראדיקע זינדהאַפטיקייט. אויף מיין צונג האָב איך געהאַט דעם ביטערן טעם פון אַ טראַגיש געוויסן. מיר איז אויסגעקומען, אַז מיט דער שפּיצרוט האָב איך אָנגעקלאַפּט ביי דער טיר פון דער גרויסער אומגערעכטיקייט פון דער וועלט. די אומגערעכטיקייט פון וועלכער איך האָב נאָר געוואוסט אַלס רעקוויזיט פון מעשיות און ספרים. די טיר האָט זיך געעפנט, און איך האָב זי, די אומגערעכטיקייט, אַ לעבעדיקע און אַ רעאַלע אַרויסגעלאָזט אין דרויסן.

איך האָב זי אָנגערירט מיט די הענט, די גרויסע מוראדיקע אומגערעכטיקייט פון דער וועלט.

די דאָזיקע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן. דער אַלטער פריצישער זייגער האָט געקלונגען שעה ביי שעה אין דער נאַכט. דער האָן האָט געקרייט אויף באַגינען. איך בין וואַך געלעגן אין די קישנס. דאָס געוויסן האָט זיך געעפנט אין מיין האַרצן ווי אַ טיפע בלוטיקע וואונד. עס האָט מיר ווי געטון פון אַן אומהיימלעכער בושה פאַר

וועלכער איך האָב מיר אַליין נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון. איך האָב כסדר אויף מיר געפילט די בליקן פון דעם יינגעלע. עס זענען געווען שטום־פאָדערנדיקע בליקן פון אַ וועלט, וואָס איך האָב נישט געקאָנט, און וועלכע האָט זיך פאַר מיר געעפנט דורך מיין אייגענע טאָט.

---

אין עטלעכע טעג אַרום איז צו אונדז געקומען אַ ייד פון לאָדזש. אויף דער נאַכט האָט מען אָנגעצונדן די בראָנזענע פּריצישע לאָמפּ. מ'האָט געגרייט אויף וועטשערע די געשמאַקע דלוטאָווער מעדנים. צווישן אַנדערע נייעסן האָט דער ייד דערציילט, אַז אין באַלוט צווישן די יידישע אַרעמעלייט און באַלמעלאָכעס טוען זיך אָפּ מיאוסע מעשיות. מע שמו־עסט, אַז דאָרט האָט זיך געגרינדעט אַ חברה „אחדות". יונגען און מיידן קומען זיך צונויף אין קאָנסטאַנטינער וואַלד הינטער לאָדזש. זינגען דאָרט לעסטערישע לידער און האַלטן אפּיקורסישע דרשות, רעדן אויס אויף גאָט, אויפן קיסר, און אויף די נגידים. דער עיקר העצן זיי די באַלוטער וועבער זיך נישט צו לאָזן פון די פאַבריקאַנטן...

דער ייד האָט געזופּט דעם באַטעמטן מילכיקן באָרשטש און פינצ־טער צוגעגעבן: אין לאָדזש שמועסט מען אַז קיין גוטס פאַר יידן וועט דערפון נישט אַרויסקומען.

אַלץ אין מיר אינעווייניק האָט אַ ציטער געטון. פון די רויטלעך באַלויכטענע טונקלקייטן אין די ווינקלען פון גרויסן הויפישן חדר האָבן צו מיר ווי אַרויסגעקוקט די מיט צער און האַס אָנגעפילטע אויגן פון ר' זלמן נאָזשעלאָנעס יינגל. איך האָב אַ קוק געטון אויף מיינע הענט. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ערגעץ אין די הימלען זאַמלט זיך דאָס געוויסן פון דער וועלט אינעם געשטאַלט פון אַ געוויטער.

# קאַפּיטל זיבן און צוואַנציק

ר׳ אהרן יוסף האָט ליב אַ גליטשוועדמל, אַ גוטן שמעק טאַבאַק און חסידישע מעשיות פון וואורקע. אַ „שוינער״. ווי אַזוי ר׳ אהרן יוסף טוט אַ שמעק טאַבאַק. ר׳ אהרן יוסף וויל זיך נישט שפּילן מיטן רבונו של עולם. בײַ אים אין מויל איז לוידיק ווי בײַ אַ נפלע. דאָס איינציקע מקום אין דער וועלט וואו אַן אָרימאַן האָט הנאה באַגלײַך מיט אַ נגיד.

אין יענער צײַט — איך בין שוין געווען קרוב צוועלף יאָר — האָט מײַן פֿאָטער באַשלאָסן מיך נישט צו לאָזן מער גיין אין חדר. מ׳האָט פאַר מיר גענומען אַ ספּעציעלן מלמד אין שטוב אַרײַן.

דעם מלמד האָט מען אַזש געבראַכט פון קוטנע. ער איז געווען שוין אַן עלטערער ייד מיט אַ שיינער ווייסער פּאַטריאַרכאַלישער באָרד. געהייסן האָט ער רב אהרן יוסף.

ר׳ אהרן יוסף איז געווען פון די אַלטע וואורקער חסידים אין קוט־נע. איידער איך וועל ווייטער דערציילן וועגן אים וויל איך נאָך צוגעבן: ר׳ אהרן יוסף איז געווען בײַ אונדז ווי אַ מין פאַמיליע־רעקוויזיט. ער איז געווען דער מלמד פון מײַן פאָטער און פון מײַנע קוטנער פעטערס. אַלע האָבן דערציילט, אַז נישט געקוקט אויף דער לאַנגער צײַט האָט זיך ר׳ אהרן יוסף נישט געביטן אויף אַ האָר, האָט געהאַט די זעלביקע שיינע ווייסע באָרד, האָט נישט געהאַט קיין צאָן אין מויל און האָט עסנ־דיק ברויט איבערגעלאָזט די האַרטע ברויט־רענדלעך אויפן טיש, האָט געשמעקט טאַבאַק פון דעם זעלביקן קאַרענעם טאַבאַק־שקעטעל, האָט זיך איינגערעדט אַז אַלערליי שונאים רודפן אים, האָט געשפּילט אויף דער לאָטעריע און געוואַרט אויפן גרויסן געווינס. דערבײַ איז ער געווען אַ פּרייַעכער, קוסטיקער ייד און האָט האָלט געהאַט דרײַ זאַכן: אַ גליטש־ווערטל, אַ גוטן שמעק טאַבאַק און חסידישע מעשיות פון וואורקע.

באלד אין אנהויב זמן, נאך סוכות, ווען ר׳ אהרן יוסף איז נעקומען צופארן פון קוטנע און איז ארויפגעקומען צו אונדז אין שטוב, האט זיך ארויסגעוויזן, אז סיי דעם ברייטלעכן פאלטן, וואס ר׳ אהרן יוסף טראגט, סיי דאס גלאנצנדיקע אלפאגענע כאלאטל זיינס, סיי זיין הויכן סאמעטענעם קאשקעט — געדענקט נאך מיין פאטער פון די צייטן, ווען ער איז געווען א יינגל און געלערנט ביי ר׳ אהרן יוספן אין חדר. ס׳האט געהייסן, אז ר׳ אהרן יוסף איז א גוואלדיקער „שוינער" און די מלבושים אויף אים ווילן נארנישט אלט ווערן. זיי הערן די יארן ווי דעם פאראיאריקן שניי. ר׳ אהרן יוסף איז צו אונדז אריינגעקומען א צעשמייכלטער. די ווייסע פאטריארכאלישע בארד האט ממש פון אים ארויסגעלויכטן. קודם־כל האט ער א נעם ארויס געטון דאס קארענע טאבאק־שקעטעלע וועלכעס מיין פאטער האט אויך גוט געדענקט פון זיינע קינדער־יארן, און געטון דעם אמתן שמעק טאבאק. אפילו טאבאקשמעקן איז ביי ר׳ אהרן יוספן געווען א גאנצע עבודה און ער האט זיך דערביי נישט געאיילט. ס׳איז געווען א גאנץ קאמפליצירטער אקט: א קלאפ געטון מיטן פינגער אויפן טירעלע פון שקעטעלע, ווי ער וואלט געוואלט דערמאנען דעם טאבאק צו זיין גרייט, מחמת ר׳ אהרן יוסף גייט נעמען א שמעק טאבאק: אריינגעשטעקט צוויי פינגער אין שקעטעלע און ארויסגענומען א קאפעטשקע טאבאק: פונאנדערגעטיילט דעם טאבאק אין די צוויי נאז־לעכער וואס האבן אומנעדולדיקע געווארט איבער ר׳ אהרן יוספס ווייסע ליכטיקע וואנצעס. דאן האט ר׳ אהרן יוסף געטון א בנעימותדיקן אאא, גלייך ער וואלט דער וועלט דערמיט געטאן די גרעסטע טובה. ערשט נאכן שמעק־טאבאק האט ר׳ אהרן יוסף זיך ליכטיק אויסגעשמייכלט און געזאגט א גלייכווערטל.

ר׳ אהרן יוסף איז נאך זינט זיין לעבן נישט געהאט געפארן אויף דער באן. ער האט זיי נישט געטרויט, אט די דאזיקע רוחות, וואס פליען, פייפן און הירזשען אויף די שינעס. אויב מיט יעדער באן געשעט נישט קיין קאטאסטראפע און מענטשן ווערן דארט נישט צעבראקט אויף קרעפל־פלייש, איז עס פשוט מעשה ניסים. און ר׳ אהרן יוסף האט זיך נישט געוואלט שפילן מיטן רבונו של עולם און אים שטעלן אויפן נסיון. צו וואס זיך פארלאזן אויף ניסים אז מען קאן, ווי די קלוגע פארצייטישע

יידן, פאַרן מיט באַלעגאַלישע בוידן. — די וועלט ברענט נישט און ס'איז נישטאָ וואָס זיך צו איילן. בוידן פליען נישט משוגענערווייז איבער האלדז און נאַקן, זיי שלעפּן זיך פּאַמעלעכל, מחמת יידישע פערדלעך זענען נישט קיין משחיתים און אַ ייד איז ביי זיי זיכער מיטן לעבן. ר' אהרן יוסף איז טאַקע אַרויסגעפאָרן פון קוטנע מיט אַ גרויסער בויד, האָט זיך געשלעפּט אַ גאַנצע נאַכט אין די האַרבסטיקע בלאָטעס איבער לענטשיץ און אָזאָרקאָוו, האָט געדרימלט זיצנדיקערהייט. ערשט אין אַ קרעטשמע הינטער לאָדזש האָט ער באַוויזן אָפּצודאַווענען. ער האָט געטאָן אַ שטאַרקן שמעק־טאַבאַק און דאָס האָט אים אינגאַנצן אָפּגע־פרישט.

די באָבע חיה האָט ר' אהרן יוספן נעפרעגט צי ער איז הונגעריק. וואָס שייך הונגעריק, האָט ר' אהרן יוסף אָפּגעענטפערט מיט אַ שמייכעלע, געזאָגט אַ גלייכווערטל און זיך אַ גלעט־געטון איבער דער ליב־טיקער פאַטריאַרכאַלישער באָרד, אויף וועלכער מ'האָט נישט דערקענט דאָס מינדסטע פון די וועג־שטראַפּאַצן אין דער נאַכט אין דער שווערער באַלעגאַלישער בויד. די דינסטן האָבן גלייך אַריינגעטראָגן פאַר ר' אהרן יוספן דאָס גוטע מילכיקע אָנבייסן. ר' אהרן יוסף האָט זיך פּאַ־כעלעכל געוואַשן, אויפגעהויבן די הענט און מיט אַ שמייכעלע געזאָגט שאו ידיכם און זיך גענומען עסן.

עס רעדט זיך אַזוי עסן. ר' אהרן יוסף האָט נישט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל, וואָס מען האָט אים דערלאַנגט האָט מען געמוזט צוריק־נעמען אין קיך. ר' אהרן יוסף האָט מיט אַ גלייכווערטל דער באָבע חיה געוויזן מיט אַ פינגער אין מויל אַז ביי אים איז ליידיק ווי ביי אַ נפלע. סוף־כל־סוף האָט ר' אהרן יוסף ניישט מער געגעסן ווי דאָס ווייכע אינעווייניקייט פון אַזעמל, גוט אויסגעווייקט אין הייסע מילך. דערפאַר האָט זיך ר' אהרן יוסף צעבענטשט מיט אַ ניגון ווי ער וואָלט ערשט געהאַט אויפגעגעסן אַלע מעדני־מלכים.

ווען ר' אהרן יוסף האָט נאָר געהאַט אָפּגעבענטשט איז אַריינגע־קומען דער זיידע ברוך. ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע פרייען זיך צווישן אָט די צוויי יידן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי קענען זיך פון קינדווייז אין קערניזשע. ר' אהרן יוספס פאָטער, וואָס איז געווען

פון די לומדישע וואורקער חסידים אין שטעטל, האָט מקרב געווען דעם זיידן ברוך און אים אמאָל מיטגענומען אויף א בויד קיין וואורקע. יענע וואונדערלעכע און פריילעכע חסידישע נסיעה פון וועלכער דער זיידע ברוך האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו דערציילן. דער זיידע ברוך מיט ר' אהרן יוספן האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן צו זאָגן דו. פון גרויס היימישקייט האָט ר' אהרן יוסף דעם זיידן ברוך געוואָלט מכבד זיין מיט א שמעק טאַבאַק, דערביי האָט ער צונגעגעבן מיט א גלייכווערטל אז דאָס שקעטעלע טאַבאַק איז דער איינציקער מקום אין דער וועלט וואו אן אָרעמאַן האָט הנאה באַגלייך מיט א נגיד. דער זיידע ברוך האָט אָבער נישט געשמעקט קיין טאַבאַק. פון גרויס שמחה, וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט א יונגט פריינט האָט דער זיידע ברוך פאַרוויכערט א נייע ציגאַר אין פרייז פון א קאָפּיקע.

# קאַפּיטל אַכט און צוואַנציק

מע גייט אים קווילענען די קרעדיטן. די תּנאים און אמוראים זענען פּוילישע ייִדן ווי מיר אַלע. ר׳ אהרן יוסף דערציילט פון זיינע שונאים.

מ׳האָט אונדז אָפּגעגעבן איינעם פון די אָפּגעלענענע חדרים אין אונדזער גרויסער לאָדזשער דירה. דאָרט האָט ר׳ אהרן יוסף געוואָלט מיט מיר לערנען. אַזוי ווי מיר האָבן נאָר אויפגעמישט די גמרא פון ליכטיקן און רחבותדיקן ווילנער ש״ס, האָט ר׳ אהרן יוסף געטון אַ שמעק־טאַבאַק און זיך צו מיר געוואָנדן מיט אַ פייערלעכער ערנסטקייט, אַז איך זאָל זיך נישט דערוועגן אים צו רופן רבי, נאָר פּשוט ר׳ אהרן יוסף, מחמת ער שפּילט אויף דער לאָטעריע און אַ ליאַדע מינוט קאָן ער באַקומען די ידיעה אַז ער האָט געוואונען די פינף און זיבעציק טויזנט, ער וואַרפט דאָס מלמדות אינמיטן זמן און ווערט גלייך אַ סוחר. ער וויל נישט מענטשן זאָלן וויסן אַז ער איז געווען אַ מלמד. עס קאָן אים שאַטן צום קרעדיט. מיין פאָטער האָט מיר דערציילט: פּונקט אַזוי האָט ר׳ אהרן יוסף געטענהט ווען ער, מיין פאָטער, איז געווען אַ קליין ייִנגל און געלערנט ביי ר׳ אהרן יוספן אין חדר. אים רופן רבי איז געווען חיות נישט זיכער, מע גייט אים קווילענען די קרעדיטן נאָכדעם ווי ער וועט געווינען די פינף און זיבעציק טויזנט.

ביי ר׳ אהרן יוספן צו לערנען גמרא איז געווען פון די גרעסטע תענוגים. עפּעס האָט די גמרא ביי אים פאַרלוירן פון איר גאַנצער לומדישער שאַרפקייט. ער האָט אַריינגעמישט אין דער פרעמדער שקלאַ־וטריא פון דער גמרא זיינע אייגענע גלייכווערטלעך, גלייך ווי עס וואָלט זיך אין די פרעמדע גמרא־לאָדענישן געהאַנדלט וועגן אים, ר׳ אהרן יוספן אַליין, און זיינע וואָרקער חסידים. אויך די תּנאים און אמוראים זענען אין ר׳ אהרן יוספס אינטערפּרעטאַציע אַרויס־געקומען ווי היימישע פּוילישע ייִדן. וואָס ס׳איז ר׳ אהרן יוספן

געגאַנגען אין אַ גלייכווערטל האָט ער לגמרי נישט געשוינט זייער כבוד און געקאָנט אַן אמורא אַריינזאָגן גאָר אויף אַ שקאָציש־חסידישן שטייגער. ער האָט מיטגעלעבט מיט דעם גאַנצן געוועב פון דער גמרא, זי געמאַכט היינטצייטיק און געהאַט צו די גמרא־פּאַרשוינען זיינע סימפּאַטיעס און זיינע אַנטיפּאַטיעס. אַזוי האָט ער יעדן תנא און יעדן אמורא וואָס איז אויפגעטרעטן אין דער האַנדלונג, גלייך אָפּגעמאָלט ווי ער האָט אויסגעקוקט פיזיאָנאָמיש. און די פּאַרטרעטן זענען אַלע מאָל אַרויסגעקומען געגנוג פריי, גראַטעסק און בייסיק. ר׳ ששת איז ביי אים אויסגעקומען אַ קליין דיקלעך יידל, רונדיק ווי אַ פעסל, מיט אַ בייכל, מיט אַ קורצער רויטער באָרד און מיט גע־קרייזלטע רויטע פּאהלעך. ער האָט געטראָגן אַ קירהש קאַפּעליושל, האָט ליב געהאַט געגדזנס און איז געווען אַ ייד אַ קפדן. ר׳ הונא איז געווען אַ בלייכער אויסגעצויגענער ייד, אַ חלוש און אַ הוסטער, פלעגט בסדר טרינקען הייסע מילך מיט האָניק און געהאַט אַ ווייב אַן ארורה. דערצו האָט ר׳ הונא אַ היפּש קאַפּאָטשקעלע אונטערגע־שטאָמלט, פלעגט שעהנלאַנג אָפּזיצן אין בית־הכסא, מחמת ער האָט געליטן אויף מערידן און האָט הויך און פרום געזאָגט אשר יצר. רבא איז געווען אַ בייזער ייד און האָט נישט פיינט געהאַט דאָס קערבל. אביי האָט גערעדט פלינק ווי אַן עילוישער גאון, דערצו איז ער געווען אַ צעחושטער און אַ ווילדער בטלן, פלעגט אַלצדינג פון זיך אַראָפּ־פאַרלירן און האָט געציטערט פאַרן ווייב אימת־מות, — מחמת זי איז געווען אַ יידענע אַ קאָזאַק, געגאַנגען ביי אביין אין די פּלודערן, געהאַט אַ מענה־לשון און אַרומגעטראָגן עופות אין נגידישע הייזער. זי, די אבייטע, איז געווען דער בעל־פּרנסה. אביי האָט קיינמאָל נישט פאַרדינט קיין גראָשן. אַזוי האָט זיך די גאַנצע גמרא פאַרוואַנדלט אין ר׳ אהרן יוספס אינטערפּרעטאַציע אין אַ היימישן יידישן מיליע. יידן ווי מיר אַלע. פּוילישע יידן.

אינמיטן די אַלע פרייליכע און יידישלעכע גמרא־בילדער פלעגט ר׳ אהרן יוספס שטימע אַמאָל ווערן טונקעלער, זיינע אויגן פלעגן פייכט ווערן מיט אַ קינדישער פייכטקייט, ער האָט אוועקגעלייגט זיין טאַבאַק־שקעטעלע אונטער אַ מאָוול פון דער גמרא און מיט אַ

שטיל אומבּאַהאַלטן קול מיר אָנגעהויבּן צו דערציילן אַז אין קוטנע האָט ער אַ סך שונאים וואָס גייען אים אויפן לעבּן. פון די רעדל־פירער קענן אים איז דעם זיידנס משמש יעקב צאַמפּער. ווענן זיי־נע שונאים און ווענן די סיבּות פון די רדיפות קענן אים האָט ער גע־רעדט מיט רמזים, און עס האָט געשמעקט מיט פירכטערלעכע געשעע־נישן פון אַלטע, אַלטע צייטן, נאָך בּימי וואורקע. איך האָבּ נישט פאַרשטאַנען דעם אינהאַלט און דעם גאַנצן צוזאַמענהאַנג. איך האָבּ אויך נישט געקאָנט צוזאַמענפּאַרען, די טייערע תנאים און אמוראים — מיט וועלכע ר׳ אהרן יוסף איז אַ נאָענטער ר׳ שמעלקע — מיט זיינע טונקעלע שונאים אין קוטנע. אין אַזעלכע מאָמענטן האָבּ איך פאַר דעם גוטן און לוסטיקן ר׳ אהרן יוספן אָנגעהויבּן מורא צו קריגן.

שפּעטער בּין איך געוואָר געוואָרן אַז נאָר אין זיינע פריסטע יונגע יאָרן האָט ר׳ אהרן יוסף געליטן אויף אַ גייסטיקער קראַנקהייט.

# קאַפּיטל ניין און צוואַנציק

ר׳ אהרן יוסף ווערט אַ באַלוטער באַלעבאַס. עס טוען זיך אַפּ פּירכטער־לעכע מעשים צווישן די באַלוטער אָרימעלייט. עס איז נישטאָ קיין נשמה און קיין מלאך-חדומה. אין די וועלדער זינגען זיי לידער. ווער? קבצנים — צעריסענע הויזן און צעריסענע שיך. אַ שטיקל גם וואָס פּאַליציע שלעפּט די יונגען אין דער תּפיסה. עס פעלט נישט. אַ געהיימנישפול פּאַפּירל. די רחבותדיקע לעדערנע מאַוולען האָבן פּאַרדעקט אונטער זיך דאָס אָרימע צעקנייטשטע פּאַפּירל. „אַלגעמיינער יידישער אַרבעטער-בונד פון ליטע, פּוילן און רוסלאַנד". די אָרימע יידן פון באַלוט רופן צום קאַמף פאַר אַ גערעכטער וועלט.

נאָכדעם ווי במשך אַ צוויי חדשים האָט ר׳ אהרן יוסף פאַר מיר פונאַנדערגעוויכטן די שאַרפע גמרא אין די פאַרבּנפּולע מענטשן און לעבנס־שטייגער פון אַ פּויליש יידיש שטעטל, האָט ר׳ אהרן יוסף ענדלעך באַשלאָסן אַהערצובריינגען זיין הויזגעזינט קיין לאָדזש. ער האָט אויך אַמאָל צוגעגעבן אַז ער וויל נישט איבערלאָזן זיין משפּחה אַליין צווישן די קוטנער שונאים, און ווי עס איז צו אים דערגאַנגען קלויבט זיך זיין הויפּט־שונא יעקב צאַמבער, דעם זיידנס משמש, אַריי־בערצוציען בשכנות פון זיין משפּחה, און ער פאַרשטייט נוט דעם באַהאַלטענעם מיין פון דעם ממזר בן הנידה. ר׳ אהרן יוסף האָט געדונגען אַ דירה אין באַלוט. דאָרט איז געווען דירה־געלט ביליקער, און איידער ער וועט געווינען אויף דער לאָטעריע און ווערן אַ גביר וויל ער דערווייל בעסער וואוינען צווישן אָרעמעלייט. ס׳איז היימיש־לעכער און בעסער. ר׳ אהרן יוספס משפּחה מיטן ביסל אָרעמקייט איז געקומען צופאָרן מיט אַ קוטנער פויר און ר׳ אהרן יוסף איז גע־וואָרן אַ באַלוטער באַלעבאָס.

מ׳האָט ערשט געהאַט איינגעפירט אין לאָדזש אַן עלעקטרישן טראַמוויי, און ר׳ אהרן יוסף איז יעדן טאָג אינדערפרי צו אונדז גע־קומען צופאָרן מיטן טראַמוויי און אַהיימגעפאָרן אויף דער נאַכט. עס

זעט זיך אוים, אז אויף דער דאָזיקער „מאַשין" האָט ר' אהרן יוסף נישט קיין מורא געהאַט צו פאָרן און ער האָט זי נישט געהאַלטן פאַר אַזאַ ווילדן מזיק ווי די באַן. ר' אהרן יוסף האָט נאָר מורא געהאַט פאַר דער טייוולאָנישער חוצפה פון אַ דאַמף־מאַשין. איר האָט ער נישט געטרויט. ווייבאַלד ר' אהרן יוסף האָט זיך נאָר געהאַט אַ ביסל איינגעזעסן אין באַלוט און איז געוואָרן דאָרט אַ שטיקל תושב, האָט ער פלוצעם פון דאָרט אָנגעהויבן ברענגען אַלערליי מעשיות.

די מעשיות האָט ער מיר אַליין נישט דערציילט, רק געוואַרט ביז מיר וועלן פאַרטיק ווערן מיט דער גמרא. מיין טאַטע פלעגט דאַן צו אונדז אַריינקומען. ער האָט האַלט געהאַט צו הערן ר' אהרן יוספס מעשיות פון פאַרצייטישע יידן און פון וואָרקע.

אָבער ר' אהרן יוסף האָט לעצטנס ווייניקער אָנגעהויבן צו דער־ציילן פון פאַרצייטנס. ער האָט מיט אַ טונקל אומהיימלעך קול דער־ציילט וואָס עס טוט זיך צווישן יידן אין באַלוט. אַזוינס און אַזעל־כעס האָט ער נישט געהערט דורך די לאַנגע יאָרן וואָס ער לעבט צווישן יידן אין פוילן. און ער האָט זיך דאָך עפּעס אָנגעזען אַ וועלט מיט אַלער־ליי יידן און חסידים. פון ר' אהרן יוספס דערציילונגען האָט גע־שמעקט מיט דעם שרעקעוודיקן געמיט פון „קב הישר" און מיט די „נישט גוטע" ווינטן פון יענער וועלט. ס'האָט אויסגעקוקט ווי צווישן באַלוטער אָרעמעלייט האָבן זיך אַריינגעכאַפּט שדים און שרעטעלעך און אין די אָרעמע יידישע הייזלעך הייבט אָן צו ברענען אַ שוואַרצע שריפה. קינדער פאַלן אַוועק ווי בעת די גרויסע כאָליערע־צייטן. אָבער די שלאַפּקייטן זענען נישט חל אויפן גוף נייערט זיי באַפאַלן די נשמות. ר' אהרן יוסף האָט געוואוסט אַז ס'זענען פאַראַן אפּיקורסים, דייטשן וואָס לייענען טריף־פּסולן, שרייבן לשון־קודש און לערנען די טמאַ־ביכלעך פון משה דעסער. אָבער דאָס וואָס עס טוט זיך צווישן די יונגען און די מיידן אין באַלוט — און דווקא צווישן פּראָסטע באַל־מעלאָכישע קינדער פון אָרעמע־לייט — שטייגט איבער אַלע זיינע השגות וועגן אפּיקורסות. באַלוטער יונגען און מיידן האָבן זיך צו־זאַמענגענומען אין אַ חברה „אחדות", זאַמלען זיך אין די וועלדער הינטער לאָדזש, אויף די באַלוטער בוידעמער, און אויפן לאָדזשער

בית־הקברות און מ׳האלט דאָרט דרשות של דופי אַז די אויערן טועז ווי צו הערן, דהיינו: אַז עס איז נישטאָ קיין נשמה און קיין מלאך־דומה, נייערט אין בויך פון מענטש איז פאַראַן אַ מאַשינדל מיט גאַז, און ווען דער גאַז גייט אויס שטאַרבט מען, פונקט ווי אַ לאָמפּ וואָס לעשט זיך אויס אָן נאַפט. אויפן בית־הקברות זענען זיי מבזה די מתים און רעדן אויס אויפן מלכות וואָס אַ ייד טאָר גאָרנישט ברענ־גען איבערן מויל. אין די וועלדער זינגען זיי לידער, מיידן זינגען צו־זאַמען מיט יונגען, הגם ס׳איז אַ בפירושער דין אַז קול באשה ערווה, נאָר גיי טענה מיט זיי ווענן אַ דין. עס וועלט. און ווער? קבצנים — צעריסענע הויזן און צעריסענע שיך, גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד.

ר׳ אהרן יוסף האָט נאָך טונקעלער אַראָפּגעלאָזט דאָס קול און באַהאַלטן דאָס קאָרענע טאַבאַק־שקעטעלע אין די פאַלדן פון זיין גרוי־סער רויטער פאַטשיילע וואָס איז געלעגן נעבן דער צוגעמאַכטער גמרא.

— ס׳זענען מן־הסתם סאָציאַליסטן, — האָט מיין פאָטער גע־וואָלט אויפקלערן ר׳ אהרן יוספן, אין אויסלאַנד זענען שוין לאַנג דאָ סאָציאַליסטן. —

— פונוואַנען קומען באַלוטער יונגען קיין אויסלאַנד? — האָט ר׳ אהרן יוסף אַזש אַ געשריי־געטון און באַהאַלטן די רויטע פאַטשיי־לע מיטן טאַבאַק־שקעטעלע אין דער קעשענע אַריין. רעדסט נאַריש־קייטן, חיים אברהם — האָט ר׳ אהרן יוסף פאָטערלעך צוגעגעבן ווי ער וואָלט מיין פאָטער געוואָלט אויסמוסרן — ס׳איז נישט מער ווי מעשה בעל־דבר. ס׳איז נאָר אַ וואונדער וואָס גוטע־יידן ישווייגן. באַלוט ברענט. אין בית אשר אין שם מת. טאַטעס רייסן זיך די האָר פון די קעפּ און דערקענען נישט זייערע אייגענע קינדער, וואָרעם די יונגען ווילן נישט דאַווענען און רעדן עזותקייטן. ס׳איז אַ מגפה פונקט ווי אַלע מגפות. מע זאָגט טאַקע, אַז דער לאָדזשער רב וועט גע־מען דעם קאַנטשיק אין דער האַנט אַריין און וועט אַרומגיין איבער באַלוטער הייזער פונקט ווי ער האָט עס געטון בשעת די גרויסע שלאָפ־קייטן. אַ שטיקל נס וואָס פּאָליציי שלעפּט די יונגען אין תפיסה און

מען שינדט פון זיי דארט די הויט, נאר עס פועלט נישט. א נישט־גוטער איז נעקומען איבער באלוט.

טאג ביי טאג איז ר׳ אהרן יוסף געקומען צופארן פון באלוט מער איבערגעשראקן. זיינע מעשיות וועגן די „אחדות" זענען געווארן גרוליקער. ער האט יעדעס מאל דערציילט נייע פרטים, און עס איבערדערציילט ווי איבער באלוט ברענט א פייער און אין יעדער יידישער שטוב ווערן די קינדער פארכאפט פון דעם אויסטערלישן גייסט. אפילו די באלוטער שולן און די בתי־מדרשים ווערן נישט געשוינט פון די דאזיקע ווילדע יונגען פון „אחדות". אנומלטן שבת, פונקט אינמיטן דאווענען, האט זיך אין א באלוטער באלמעלאכישער שולכל אוועקגעשטעלט עפעס א שווארצער יונג, א זון פון א פרומען ייד א וועבער, און האט א קלאפ געטון אין „שולחן" אריין. יידן האבן זיך נעבעך דערשראקן. אבער דער יונג האט אנגעהויבן צו רעדן עזותקייטן קעגן די לארזשער נגידים און קעגן מלכות. דער שמש דארטן וואס איז א גאנצער בריה און א שטיקל גבאי פון דער באלוטער חברה־קדישא האט מורא געהאט דאס מויל צו עפענען, ווארעם מע זאגט אז די יונגען טראגן ביי זיך ארום רעוואלווערס. אחוץ דעם האט דער שמש א טאכטער וואס איז אויך—ווי מע זאגט—א גאנצע מאכערקע ביי די „אחדות", און דער ייד האט נעבעך געגוג חרפות און בושות.

ביי מיר האט זיך די פאנטאזיע אנגעצונדן. עס איז מיר אויסגעקומען ווי א וואונדערלעך רייכע און העראאישע וועלט שמעקט ארויס פון די אומעטיקע און פינצטערע בילדער וואס ר׳ אהרן יוסף דערציילט יעדן טאג קומענדיק פון באלוט.

איינמאל אינדערפרי איז ר׳ אהרן יוסף געקומען נאר אן איבערגעשראקענער. ער איז געווען בלאס ווי די וואנט און ער האט זיך מיט מיר נישט נעזעצט צו דער גמרא, נייערט אריינגערופן מיין פאטער, פעסט פארמאכט אלע טירן און זיך אומגעקוקט צי קיינער הערט נישט. דאן האט ער מיט א שטיל אויפגערעגט קול דערציילט אז נייענדיק אין באלוט צום טראמוויי איז צו אים צוגעקומען אן אפגעריסענער בחור און אים אריינגעשטופט אין דער קעשענע אריין עפעס א פאפירל. ער האט געוואוסט, ר׳ אהרן יוסף, מיט וואס דאס פא־

פירל שמעקט, און ער האט עס מורא געהאט אוועקצואווארפן, מחמת, א פאליציאנט קאן זען, און דאן זענען אלע קייטן און אלע תפיסות ווייניק אויף אפצוואשן דעם חטא. ר׳ אהרן יוסף האט זיך גענוג אנגעהערט פון די געהיימענישפולע פאפירלעך וואס די „אחדות״־לייט ווארפן בסוד פונאנדער, אבער ענדלעך האט אים אליין געטראפן דאס אומגליק.

ר׳ אהרן יוסף האט זיך נאך אמאל אומגעקוקט אויף אלע זייטן, און מיט די זעלביקע צוויי פינגער מיט וועלכע ער נעמט א שמעק־טאבאק האט ער פארזיכטיק ארויסגעשלעפט פון זיינע קעשענעס עפעס א ווייס צעקנייטשט פאפירל און עס אוועקגעלייגט אויפן טיש.

מיין פאטער האט עס גענומען לייענען, אבער ר׳ אהרן יוסף האט נישט געלאזט, מחמת דאס בלויזע אריינגעמען אין קאפ אזעלכע ווערטער שמעקט מיט אייביקער תפיסה.

דאן האט ר׳ אהרן יוסף אויפגעמישט די גרויסע גמרא פון ליבטיקן ווילנער ש״ס. די רחבותדיקע לעדערנע טאוולען האבן פארדעקט אונטער זיך דאס ארעמע צעקנייטשטע פאפירל. ר׳ אהרן יוסף האט אנגעהויבן צו לערנען, אבער ער האט געלערנט אן פריילעכקייט און די הארציקע אמוראים האבן זיך עפעס נישט ארויסגעוויזן פון דער קלונער שקלא־וטריא. ביי מיר אין קאפ האבן זיך צעבערענט אלע דמיונות, און איך האב פאמעלעכל ארונטערגעשטעקט מיין האנט אונטער די טאוולען פון דער גמרא, אפערבאקומען דאס שטיקל פאפירל און עס באהאלטן אין מיין קעשענע.

נאכן לערנען האט ר׳ אהרן יוסף ארומגעזוכט דאס שטיקל פאפיר. ער האט עס געזוכט מיט שרעקעוודיקע אנגסטן ווי מען זוכט א פארלוירן ברענענדיק שוועבעלע צווישן פעסער מיט פולווער. איך, אבער, בין אריינגעגאנגען אין קלאזעט, פארשלאסן די טיר, אנגעצונדן די לאמפ און אנגעהויבן צו לייענען.

עס איז געווען א בונדישע פראקלאמאציע ארויסגעגעבן פון דער לאדזשער ארגאניזאציע פון „בונד״. „אלגעמיינער יידישער ארבעטער־בונד אין ליטע, פוילן און רוסלאנד״. ס׳האט געשמעקט מיט אויפגעציטערטע מרחקים. א קול פון אויפגעלויכטענע טיפענישן. די

שפּראַך וועלכע האָט צו מיר אַרויסגערעדט פון דער דאָזיקער פּראָקלאַמאַציע האָט מיר געקלונגען ווי די שאַליקסטע פאַנפאַרן. פון דעם צעקנייטשטן פּאַפּירל און פון דער אָרעמער יידישער שפּראַך האָט אַרויסגערעדט מענטשלעכער מוט און מענטשלעכע ווירדע וועלכע איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געהאַט געהערט. די אָרעמע יידן פון באַלוט האָבן דאָ גערופן צום קאַמף פאַר אַ גערעכטער וועלט. אַ קאַמף קעגן רשעות און אונטערדריקונג. דאָס עלנטע באַלוט האָט העראָאיש אויפגעצויגן די רויטע פאָן פון אַ נייער בעסערער וועלט. באַלוט! פון די תהומות פון יידישן לעבן אין פּוילן האָט שטאָלץ אָנגעקלאַפּט דער נייער שיקזאַל פון דער יידישער געשיכטע.

# קאַפּיטל דרייסיק

קולות פאַר אונדזערע פענצטער. די פּיעטריקאָווער גאַס טוישט איר אויסזען. באַלוט. רוימע פאָנען. „ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט." די באָבע חיה בעט אַז מיר זאָלן אַוועקגיין פון די פענצטער.

ר' אהרן יוסף האָט אַלע מאָל געבּרענגט נייע מעשיות פון באַלוט און ער פלעגט כּסדר צוגעבן אַז באַלוט ברענט און ווער ווייסט צו וואָס די יונגען וועלן דערפירן. אָבער אויבּנאויפיק איז דאָס לעבן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס געגאַנגען אין טאָג־טעגלכען שטיינער. יידן האָבן געהאַנדלט אויף די טראָטוארן. די טויערן זענען פול געווען מיט סוחרים. דער גאַסן־ברוק האָט זיך געבראָכן אונטער דער לאַסט פון די אָנגעפּאַקטע וועגענער מיט סחורה. דער זיידע ברוך האָט געדאַוונט אין שטיבל פון גלאָוואַצקי און מוכניצקי און דער טאַטע צווישן די שאַרפע חסידים פון „גרויסן" שטיבל.

איינמאָל תחילת ווינטער, שבת נאָכמיטאָג, — דער זיידע און מיין פאָטער זענען אָקערשט געהאַט אויפגעשטאַנען פון שבתדיקן שלאָף, די באָבע חיה איז געזעסן ביים פענצטער אָנגעטון אין אירע שפּאַקולן און געלייענט „צאינה וראינה", מיין מוטער האָט אויסגעשטעלט אויפן טיש די שבת־אויבסטן — פּלוצעם האָט מען געהערט פון די פראָנט־פענצטער ווי אין דרויסן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס ברומט עס פון מענטשלעכע קולות, קולות אַזעלכע וואָס מיר האָבן קיינמאָל נישט גע־הערט פון דער רוישנדיקער פּיעטריקאָווער גאַס. עס האָבן זיך אויך געהערט פּרעמדאַרטיקע אויסרופן אויף פּויליש און יידיש. מיר זע־נען אַלע צוגעלאָפן צו די פענצטער. די פּיעטריקאָווער גאַס איז פול געווען מיט שרייענדיקע אַרבעטער. מ'האָט געוואָרפן בלעטלעך אי־בער די אויסגעפּאָרענע גאַסן־שטיינער און אויף די טראָטוארן. יידן

האָבן נישט געוואוסט וואָס עס איז געשען און מ׳האָט קודם צוגע־קלאַפּט די טויערן. די פּיעטריקאָווער גאַס האָט מיטאַמאָל געטווישט איר אויסזען. באַלוט — יידן און גויים — האָט זיך שטראָמיק און אויפגערייצט פונאַנדערגעגאָסן איבער דער פּיעטריקאָווער גאַס. פּלו־צעם האָט זיך געהערט געזאַנג און איינצלנע רויטע פענער זענען אויפ־געצויגן געוואָרן. די פרעמדע באַלוטער מענטשן־כוואַליע האָט אַרונ־טערגענומען די היטלען. דאָס געזאַנג האָט זיך געשטאַרקט. מ׳האָט געהערט יידיש געזאַנג:

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט...

די מענטשן־כוואַליע האָט זיך צוזאַמענגעשמידט. זי האָט מאַר־שירט. די באָבע חיה אין די שפּאַקולן און מיט דער „צאינה וראינה" אין דער האַנט האָט אָנגעהויבן צו וויינען אַז מיר זאָלן אוועקגיין פון פענצטער. די פּיעטריקאָווער גאַס איז מיטאַמאָל אויסגעליידיקט גע־וואָרן פון איר לאַדזשער טומל, אַ רעשיקייט, וואָס האָט אויסגעקוקט זיך דאָ צו טראָגן ווי אַ געזעץ פון דורות. אַ וועלט איז מיטאַמאָל פו־נאַנדערגעווייעט געוואָרן ווי אַ חלום און די לאַדזשער טראָטוארן האָבן זיך צעלויכטן מיט אַ גראָער אומהיימלעכער פרעמדקייט. די פרעמדע באַלוטער מאַסע האָט דאָ מאַרשירט ווי אַ נייער כּוח וואָס איז יוונטלעך אַרויסגעקומען פון די טונקלקייטן פון דער וועלט.

זי האָט מאַרשירט און געזונגען.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט אַ שאָס.

די רויטע פענער האָבן זיך איינגעוויקלט און די פרעמדע מענטשן־מאַסע האָט זיך אַ צעזונגענע צעווייעט איבער די טראָטוארן און איבער די געעפנטע טויערן פון די הייף.

ס׳האָט זיך געהערט נאָך אַ שאָס. דאָס שנעלע האַסטיקע רייטן פון פערד און דאָס ווילדע געוואָיעריי פון קאָזאַקן.

די באָבע חיה האָט געהאַלטן די „צאינה וראינה" אין דער האַנט און געוויינט אַז מיר זאָלן געדענקען אין גאָט און אוועקגיין פון פענצטער.

# קאַפּיטל איין און דרייסיק

שדכנים וועלן באַלד אָנהויבן קלאַפּן אין די טירן און מע דאַרף זיך אָפּגעוואוינען פֿון די פּראָסטע דאָרפֿישע מנהגים. אויס קאַרטאָפֿל מיט באָרשטש. די קאַלישער רביצין. דער עולם-חזות פֿון די שטאָטישע נגידים. דער זיידע ברוך וויל אַוועק אין זיינע פֿעלדער אָנצובייסן ווי אין קדמונים. דער זיידע ברוך נעמט צוריק אויף זיך לייב.

אז איך האָב געענדיקט פֿערצן יאָר האָט מען בײַ אונדז אינדערהיים אין לאָדזש אָנגעהויבן אַ קאָפּעטשקעלע אײַנצופֿירן עפּעס אַזוינס ווי אַן אַנדערן סדר: ס׳האָט געהייסן: פֿאַמעלעכל דערנענטערט זיך די צייט ווען מען וועט מיר אָנהויבן רעדן שידוכים, און ס׳איז די העכסטע צייט אַז מע זאָל זיך בײַ אונדז אין שטוב אָנהויבן אָפּצוגעוואוינען פֿון די אַלט־מאָדישע דאָרפֿישע מנהגים, פּראָסטלעכע מנהגים, וואָס די באָבע חיה און דער זיידע ברוך טראָגן נאָך מיט זיך אַרום פֿון זייערע פּאַרצייטישע יאָרן. דאָס הייסט: אײַנפֿירן בײַ אונדז מער שטאָטישן נגידישן שטאַט וואָס זאָל אַ ביסעלע ענלעכער זײַן צו דער הנהגה פֿון אַנדערע גבֿירים אין פּוילן. וואָרעם מיט וועמען וועט מען מיט מיר אַ שידוך טון, אויב נישט מיט די גרויסע קאַרפּן־קעפּ? און אפֿשר נאָר מיט די פּריוועסעם? די קאַלישער רביצין איז צו אונדז אַרויפֿגעקומען און געזאָגט, אַז עס וועט נישט לאַנג געדויערן און די באַרימטע לאַנד־שדכנים פֿון פּוילן וועלן אָנהויבן קלאַפּן בײַ אונזערע טירן, און ברענגען די גרויסע שידוכים. דאַן — מוז מען זיך בײַ אונדז אָפּגעוואוינען פֿון אַ סך פּירעכצן, וואָס סײַ בײַ די שדכנים און סײַ בײַ די גבֿירישע מחותנים וועט עס אויסקומען היפּש פּריקרע. מײַן מוטער האָט געהערט און טרויעריס אָפּגעזיפֿצט. די באָבע חיה האָט נישט געוואוסט, וואָס זי האָט במשך איר גאַנץ לעבן געטון אַזוינס, וואָס זאָל דערצערענען די גרויסע גבֿירים און מיר חס־ושלום שאַטן

צו אַ שידוך. דער זיידע ברוך האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר אין פּרייז פון אַ קאָפּיקע, זיך שטאַרק פאַרהוסט און אַ קוק געטון אויף דער קאַ־לישער רביצין.

די ערשטע רעפאָרם, וואָס מען האָט איינגעפירט איז געווען: מע האָט ביי אונז אויפגעהערט צו קאָכן אויף אָנבייסן דאָרפישן באָרשטש מיט קאַרטאָפל, אַזוי ווי מיר פלעגן זיך נוהג זיין פון קדמונים, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער זיידע ברוך וואַוינט איצט אין לאָדזש און חברט זיך מיט ישכר שעפּס. די קאָלישער רביצין האָט געזאָגט, אַז פויערישער באָרשטש איז נישט קיין בעל־סוד און לאָזט פון זיך הערן. אויפן גאַנצן הויף ווייסט מען, אַז ביי ברוך גזשיוואַטש עסט מען אָנ־בייסן ווי ביי פויערים. לאָדזש האָט אַ מויל און אויערן אויף צו הערן און אויף ווייטער צו דערציילן. צו אַ שידוך פאַרן אייניקל איז דאָס נישט פון די גרעסטע מעלות, האָט די קאָלישער רביצין צונגעגעבן מיט אַ שטאָך פון אַ מיוחסת און אַ מבינטע. דער זיידע ברוך — וואָס האָט במשך זיין לעבן אויסגעהאַקט אַזוי פיל וועלדער אין פוילן, געלאָרן זיך מיטן סאַמע ר׳ יעקב ענגעלמאַן און געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דער גאַנצער נגידישער סמעטענע פון די וואַלד־סוחרים — דער דאָזיקער האַרטער פּשוטער ייד האָט זיך מיטאַמאָל געזען אַריינקריגן אין אַ פּאַסט־קע. ער האָט נאָך אַמאָל אַ קוק געטאָן אויף דער קאָלישער רביצין און געזען אַז מיט אָט־אָ דער האָפערדיקער מיוחסת האָט ער איצטער פאַרשפּילט. אַז עס זאָל מיר שאַטן צו אַ שידוך — הגם ער האָט נים געוואוסט, וואָס קאָן זיין ליבער דאָרפישער באָרשטש שאַטן צו אַ שידוך. און וואָס אַרט אַפילו די פּריוועסעס, ווען ער, ברוך גזשיוואַטש, האָט הנאה פון אַז אָנבייסן? — פאַרפאַלן! עס גייען בכלל אַנדערע צייטן וועלכע וואַקסן איבער איבער זיין פאַרצייטישן אַרענדאַרישן פאַר־שטאַנד. יאָ, משמעות ער איז אין די הענט ביי די שטאָטישע נגידישע קאַרפּן־קעפּ. אויב אַזוי — מוז אַזאַ דאָרפס־ייד ווי ברוך גזשיוואַטש בויגן דעם קאָפּ. ער וועט דאָך נישט, חלילה, אַוועקקוילעגען דאָס גע־ליבטע אייניקל.

אַז מע האָט צוערשט דערלאַנגט אינדערפרי צום אָנבייסן אָנ־שטאָט דעם גוטן מילכיקן באָרשט, גלעזער מיט קאַקאַאָ (אמתע נגידים

טרינקען קאקאא) און דער זיידע ברוך האט געטון דעם ערשטן שלוק, האט ער זיך שטארק פארקרימט, א רוק אוועק געגעבן דאס גלאז פון זיך, און א געשריי געטון צו דער באבע חיה, אז די דאזיקע משקה וועט אים מקצר ימים זיין, און עס ווילט זיך אים ברעכן פון דער איבלדיקער זיסקייט. אויב דאס איז דער עולם הזה פון די שטאטישע נגידים, נו, איז ער זיי נישט מקנא.

דער זיידע ברוך האט אויפגעהערט צו עסן, און די באבע חיה האט געוויינט, געזאגט, אז דער זיידע ברוך באדארף האבן רחמים און אים געפרואווט אפשפרעכן אן עין־הרע. דער זיידע ברוך האט זיך ארומגעדרייט א פינצטערער, געגרויכערט די וואלוועלע בייסיקע ציגארן און געשפיגן פון ביטערקייט, געזאגט, אז ער פארט אוועק אין זיינע פעלדער אריין כדי צו קאנען אנביסן ווי אין די אלטע גוטן יארן. לאזן די שדכנים דא שאלטן און וואלטן. זיינע כוחות סטייען נישט אויף די עלטערע יארן זיך צו גלייכן צו די פריוועסעס.

די באבע חיה האט בסוד אנגעהויבן צו קאכן פארן זיידן ברוך א טעפל מילכיקן בארשט מיט קארטאפליעס אזוי ווי זי איז געוואוינט געווען פון קדמונים. דער ייד האט צוריק אנגעהויבן אויף זיך צו נעמען ליב, און געוויזן א פיינ דער קאלישער רביצין.

# קאַפּיטל צוויי און דרייסיק

ר׳ זבולן ליכטנבערג און זיינע התנהגות. דאָס צווייטע ווייב וויל נייםאָדישער. סאלאָמעא דרעזנער. מינדל כאַפּט אַ בעזים. מאַרטירערין. דער ייִד פון פרייסן אַנטלויפט וואו דער פעפער וואַקסט. איבסען. סאַלאָמעאַ לייענט „נאָראַ״ און שילדערט פאַר די חסידישע שילערינס זייער פינצטער מזל. דאָס צווייטע ווייב קוקט אויף ר׳ זבולנען ווי אויף אַ וואַלד־גזלן.

מיין פאָטער האָט מיך אָנגעהויבן פאַמעלעכל אַרויסצונעמען פון פראָסטלעכן רשות פון זיידן ברוך. קודם־כל האָב איך אויפגעהערט צו גיין מיטן זיידן ברוך שבת דאַווענען אין שטיבל פון גלאָוואַצקי און מוכניצקי. דאָס שטיבל האָט געהאַט אַ שם פאַר צו פראָסטלעך. דער־פאַר האָט זיך געגרינדעט נאָך אַן אַלעקסאַנדערער שטיבל. אויך אַ געמיש פון נגידותשאַפט און חסידות. אָבער סיי די נגידים און סיי די חסידים וואָס האָבן דאָרט אָנגעהויבן צו דאַווענען זענען געווען פון דער סאַמע סמעטענע פון לאָדזשער אַלעקסאַנדערער חסידים.

דער באַלעבאָס פון דעם נייעם שטיבל איז געווען פנחס ליכטנ־בערג.

פנחס ליכטנבערג איז געווען פון דעם נייעם טיפּ פון יידישע גבירים אין פוילן. ער האָט אָנגעהויבן צו פירן זיין מסחר אויף אַ גרויסן אייראָפּעאישן אופן. ער האָט זיך אויפגעפירט אויפן אַלטן פויליש־חסידישן שטייגער אָבער אונטערגעפּרענט אַ ביסל מיט דייטש־מערישקייט. ער האָט געשטאַמט פון וואַרשע און איז געווען אַ זון פון אַן אייננאַרטיקן וואַרשעווער גביר מיטן נאָמען ר׳ זבולן ליכטנבערג.

ר׳ זבולן ליכטנבערג איז געווען אַ ייִד אַ גדול בתורה. אַ וויל־דער בעל־מפלפל. ער איז תמיד געזעסן על התורה ועל העבודה, געלערנט „שיעור״. ס׳האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער ייִד האָט נישט

די מינדסטע השגה אין וועלט־זאכן און ס'איז לא פסק פומיה מגירסיה. פונדעסטוועגן — מען ווייסט נישט ווען און ווי אזוי — איז דער ייד פּאַמעלעכל געקומען צו אַ גרויסן פאַרמעגן, נעגעבן געלט אויף הלוואות און גענומען גרויסע פּראָצענטער. פּראָצענט האָט ער גענומען על תכלית הכשרות און לויט אַ גוטן היתר־עיסקא. ער האָט אויך גע־קויפט הייזער אין ווארשע. אַלצדינגג, אזוי צו זאָגן, צווישן טאָג און נאַכט, וואָרעם שטענדיק איז ער געזעסן פאַר אַן אויפגעמישטער גמרא און ס'האָט אויסגעקוקט אַז ר' זבולן ליכטנבערג קומט נישט ארויס פון זיינע ד'אמות. אזוי ווי ר' זבולן ליכטנבערג איז פאַרט געווען אַ גביר, האָט ער געוואוינט אין אַן איינן הויז אויף די נאַלעווקעס, געהאַט זין און טעכטער, און דערצו אַ צווייט ווייב וואָס האָט זיך מתקנא געווען אין דער הנהגה פון ווארשעווער גבירים. דאָס צווייטע ווייב האָט געזען אַז מיט ר' זבולן ליכטנבערגן איז נישטאָ וואָס צו מאַכן, ער וויל גאָרנישט ארויסקוקן ווייטער פון דער גמרא, סיידן אויף צו געבן אַ הלוואה און צו קויפן אַ הויז, האָט זי, דאָס צווייטע ווייב, דעם ייד איבערגעלאָזן צווישן זיינע ספרים־אַלמערס און צווישן זיינע לומדים. אין ר' זבולנס שטוב האָט קיינער פון זיין הויז־געזינט נישט אריינגע־שמעקט. מע האָט זי מפקיר געווען. אפילו זיינע מאַלציַיטן האָט מען ר' זבולענען צוגעוואוינט צו עסן אין זיין ספרים־שטוב. ער פלעגט תמיד ביים עסן האָבן נעבן זיך עפּעס אַ פאַרשלומפּערטן אָרעמען למדן מיט וועלכן ער האָט זיך מפלפל געווען אפילו אינמיטן עסן. ביי ר' זבולנען אין ספרים־שטוב איז נישט געווען קיין ניי־מאָדישע וואסער־ליטונג, נייערט אַן אַלטער קופערנער כיור. ר' זבולן האָט זיך גע־וואַשן מיט אַ גרויסער קופערנער שעפ און אין אַ שיסל אריין פונקט ווי פאַרציַיטנס.

ר' זבולן איז געזעסן צווישן זיינע ספרים מחוץ אַלע און אַלע־מען פון זיין הויז־געזינט. זיין אייגן צווייט ווייב און זיינע טעכטער האָט ער געזען בלויז משבת לשבת ווען זיי זענען אריינגעקומען אין זיין ספרים־שטוב אויף צו הערן ר' זבולנען קידוש מאַכן. אָבער אויך ר' זבולן האָט נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך אין זיין גרויסער גבירישער דירה וואָס האָט ארומגערינגלט זיין לערן־חדר. אַלע איז

געווען שארף אפגעגרענעצט. ר' זבולנס לומדות און דעם צווייטן ווייבס היינטמאָדישע גבירותשאפט. דאָס צווייטע ווייב — הגם זי האָט זיך געגומען פאר א מוסטער די גבירישע הייזער פון וואַרשע פונדעסטוועגן זענען זיי שוין פאר איר געווען א ביסל צו אַלט־מאָדיש. אין פוילן האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן נייע ווינטן. די חסידיש־נגידישע הייזער זענען נאָך כמעט אַלע געשטאַנען ווי פעסטונגען פון אַלט־יידישן שטייגער. א צווייט ווייב פון אַן עלטערן נגיר — וואָס זי זעט אים זעלטן־ווען אַן פאר די אויגן און קאָן אים נאָרנישט אוועקרייסן פון דער גמרא—האָט זי, בײַ איר גאַנצער פרומקייט, דאָך אָנגעהויבן פאַר־ביטערט צו ווערן קעגן דעם אַלטן בטלנישן שטייגער. די נייע ווינטן האָבן איר פונדערווייטנס אַרייַנגעבלאָזן אין די אויערן.

די טעכטער זענען אונטערגעוואַקסן, און זי האָט זיי געוואָלט אויסהאָדעווען היינטמאָדיש. אין וואַרשע אין חסידיש־נגידישע היי־זער האָט דעמאָלט אָנגעהויבן צו גראַסירן א מאָדנע ווייבערישע פערזענ־לעכקייט מיטן נאָמען סאַלאָמעא דרעזנער. חסידים האָבן אויף איר געקוקט ווי אויף א משה דעסער אין א ווייבערישער ספּודניצע. אין וועלכער חסידישער שטוב זי שטעלט נאָר אַריין א פוס הויבט באַלד אָן צו שמעקן מיט אַפּיקורסות. יונגערהייט איז זי געווען לערערין בײַ ר' יעקב ענגעלמאַנען אין גלאַזנאָוו. זי האָט געפּרואווט מיט ר' יעקבס טעכטער פראַווען אירע בערלינער שמד־שטיק. ר' יעקבס טעכטער זע־נען געווען פרומע יידישע קינדער. זיי האָבן דערציילט דער מוטער וואָסערע געשפּרעכן די לערערין פירט מיט זיי און אַז זי לאַכט־אָפּ פון גוטע־יידן און פון א סך התנהגותן ווי א ווייב דאַרף זיך פירן מיט א מאַן. ר' יעקבס ווייב, מינדלען, האָט די קאָפּ־הויט געברענט אונ־טערן טיכן יידישן שייטל: זי האָט נאָך אַזעלכעס ניט געהערט זינט זי לעבט. זי האָט געכאַפּט א בעזעם און זיך געוואָרפן אויף סאַלאָמעא דרעזנער. סאַלאָמעא האָט מיט גרויס חרפּות און בושות געמוזט פאַר־לאָזן גלאַזנאָוו. זי האָט זיך דערמיט באַטראַכט ווי א הייליקע און ווי א מאַרטירערין. אין וואַרשע האָט זי זיך פונדאָסניי אַרייַנבאַקומען אין חסידיש־נגידישע הייזער און ס'האָט זיך ווידער געהערט אַז זי מאַכט א תל פון חסידישע טעכטער. ניסט איין טאַטע אָדער מאַמע

האָבן אויף איר געכאַפּט אַ בעזעם און אָרגאַניזאַנט פון אַלע טרעפּ.

חסידים האָבן נישט געקאָנט נאָכזאָגן „דרעזנער" האָבן זיי זי גערופן יידישלעך — „דרעזן". — ווער עס האָט געלאָזט די „דרעזן" צו זיך אין שטוב אַריין איז געווען זיכער אַז עס וואַקסן אויף אים צרות פון זיינע טעכטער.

סאַלאָמעא דרעזנער אַליין איז געווען אַ קליינע און אַ מיאוסע. אַ שטאַרק קורצזיכטיקע מיט אַ ווייך און בייז־אומסימפּאַטיש מויל און מיט געלע צעשויבערטע האָר. אַ נערוועזע און אַ היסטערישע. זי האָט נאָר גערעדט דייטש, הגם זי איז געבוירן געוואָרן אין דער גע־דיכטעניש פון וואַרשעווער יידן. ס'האָט געהייסן: דער אַמאָליקער מאַן אירער איז געווען אַ ייד פון פרייסן. ווען נאָך אַ לאַנגער ארומ־פירעניש אין ליבע האָט ער ענדלעך מיט איר חתונה געהאַט, האָט ער אין דער חופּה־נאַכט פאַרלאַנגט פון איר זיינע רעכט. מער האָט אים נישט געפעלט. אַזאַ ווינציקער פאַרלאַנג איז געווען אין סאַלאָמעאַס אויגן פון די גרעסטע חטאים. איידער זי וואָלט באַשטאַנען אים צו לאָזן זיך צורירן צו איר ליב האָט זי אים, דעם פרייסישן ייד, נאָך אַמאָל געוואָלט שטעלן אויף אַלערליי אינטעליגענץ־פּרואוועניש. דאָס וואָלט ביי סאַלאָמעאַן פאַרנומען לאַנגע חדשים. דער דייטש האָט נישט געוואוסט קיין קונצן. ער האָט זיך מיט איר גענוג „אַנגעשמועסט" פאַר דער חתונה און איצט האָט ער געוואָלט אַ ווייב און מנוחה. סאַ־לאָמעא איז אָבער באַשטאַנען אויף דאָס איריקע. דער דייטש איז אַנט־לאָפן וואו דער פעפער וואַקסט און איר צוגעשיקט אַ גט. סאַלאָמעא איז פאַרבליבן אַן אייביקע גרושה מיט אַן אייביקער טראַגעדיע אין האַרצן, מיט אַ האַס צו אַלע שאַלקהאַפטיקע מאַנספּאַרשוינען און מיטן דייטשן לשון אויף די ליפּן. דאָס איז איר געבליבן פון דעם פרייסישן ייד.

אויף אַט־אַ דעם דרך פון איר „גייסטיקער טראַגעדיע" האָט זי גע־וואָלט פירן אירע חסידישע שילערינס. איר אַפּאָסטאָל איז געווען איבסען. איבסענס אופן פון שילדערן דאָס בונטאַרישע געמיט פון דער מאָדערנער אייראָפּעאישער פרוי און די דראַמע פון אירע קאַמפן אין דער פאַמיליע האָבן טיף אָנגערירט די נשמה פון סאַלאָמעא דרעז־

נער. אין איר לעבן, אין איר באַרוף און אין דער טראַגעדיע פון איר איינן פאַמיליע־לעבן האָט זי זיך געזען ווי אַן איבסענישע העלדין. ווי אַ „נאָרא”. איר פאַרקאָמפּלעקסירטע פּרויענהאַפּטיקייט, דער היסטערי־זירטער טעמפּעראַמענט, ווי אויך דער אַלט־יידישער פאַמיליע־שטייגער פון די חסידישע הייזער, אין וועלכע זי האָט זיך געדרייט — דאָס אַלצדינג האָט נאָך מער אויפגערעגט איר פאַנטאַזיע. סאָ־לאָמעאַ דרעזנער האָט אויף זיך געקוקט ווי אויף אַן אַפּאָס־טאָל פון דער גרויסער מאָדערנער וועלט. די מאָדערנע פרוי שטייט דאָרט אין הארטנעקיקן בונט קעגן דעם באַרבאַריזם פון דעם מאַן. דער פרייסישער ייִד, וואָס האָט זי אַזוי ביטער אַנטוישט אין דער חופּה־נאַכט און פאַרלאַנגט פון איר זיינע רעכט, איז איר מן־הסתם נאָכגעגאַנגען ווי אַ שוואַרצער שאָטן. זי האָט זיך פּסיכיש נישט גע־קאָנט באַפרייען פון דעם דאָזיקן ביטערן „שאָק”. סאָלאָמעאַ דרעזנער איז געווען אַ גאָלד־גרובן פאַר פרוידיאַנישע סטודיעס. דער נישט־באַפרידיקטער סעקס האָט ביי דעם דאָזיקן ווייבערישן אפּיקורוס געמוזט שפּילן אַ געוואַלדיקע ראָלע, און איז מן־הסתם געווען דער מאָטאָר פון אירע טראַגעדיעס, פון אירע קאַמפן, פון איר איבסעניזם און פון איר אַפּאָסטאָלישער מיסיע צווישן חסידישע טעכטער.

צו אירע שילערינס האָט זי געהאַט אַ מוטערלעכע באַציאונג. זי האָט אין זיי געזען די שאָטנס וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּאָלטן פון איר איינן לעבן. מיט אַ הארטנעקיקער פאַרביסנקייט האָט זי געוואָלט אַריבערטראָגן אויף אירע שילערינס די פאַרפלאָנטערטקייטן פון איר אינערלעך פרויען־לעבן און די אַלע האָפנונגסלאָזע פאַרביטערטקייטן פון אירע טראַגעדיעס. די קאַמפן פון דער מאָדערנער פרוי אין איב־סענס דראַמעס האָבן געוועקט אומהיימלעכע אַנטפּלעקונגען אין די הערצער פון די יונגע חסידישע מיידלעך, וואָס זענען געווען סאָלאָמעאַס שילערינס. זייער לעבן אינמיטן דעם אַלט־יידישן לעבנס־שטייגער אין פוילן האָבן די דאָזיקע מיידלעך אָנגעהויבן צו זען ווי דעם לעבעדיקן און פינצטערן סימבאָל פון דער פאַרשקלאַפטער פרוי. זיי האָבן געזען די פאַרשלומפּערטע חסידישע שדכנים, וואָס קומען און סודען זיך מיט זייערע עלטערן, די מחותנתטעס, וואָס קומען אויף „באַשויאונג”, און

די פרעמדע איבערגעשראָקענע בחורים, וואָס מע ברענגט פאַר זיי אין די חופה־טעג, פון אַלערליי פוילישע שטעטלעך. בחורים, וואָס זיי, די מיידלעך, האָבן נאָך צומאָל זייער קול נישט געהערט. מען גייט מיט זיי אונטער דער חופה, מחותנתטעס טאַנצן אַ „פאַטשער", מע עסט מיטן פרעמדן בחור די „גילדענע יויך" — און אין דער ערשטער נאַכט, ווען דאָס מיידלשע לייב ציטערט נאָך פון אומבאַקאַנטער דער־וואַרטונג, קומען די דאָזיקע בחורים אויפגעשראָקענע און פרעמדע אין די מיידלשע בעטן אַריין, רעדן אויף אַ חסידישן לשון און פאַרלאַנגען זייער רעכט.

סאַלאָמעא דרעזנער האָט פאַר די דאָזיקע מיידלעך אויסגעמאָלט די גרוילּיקייט פון דעם שקלאַפישן מצב פון דער חסידישער טאָכטער לגבי דעם מאַנסביל. זי האָט דערציילט פון די קאַמפן פאַרן רעכט פון די מאָדערנע פרויען אין אייראָפּע, און אילוסטרירט די דאָזיקע קאַמפן אין דעם בילד פון איבסענס דראַמעס. איבערהויפּט ווען ס׳איז געקומען צו די חופה־נעכט, וואָס וואַרטן אויף די חסידישע מיידלעך מיט דעם גאַנצן פינצטערן געמעל פון שפלות און דערנידעריקונג — דאָ האָט סאַלאָמעא אָנגעהויבן צו שרייען אינמיטן די לעקציעס. די ליפּן האָבן איר אָנגעהויבן צו ציטערן פון היסטערישער אויפרעגונג און די געלע טרוקענע האָר האָבן זיך איר נאָך מער צעפלאָשעט אויפן קאָפּ. זי האָט אַזש געהאַקט אין טיש אַריין און אפילו אַריינגעמישט אין איר דייטשישן לשון עטלעכע אויסדרוקן פון דעם זיננענדיקן וואַר־שעווער יידיש. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט זי נעזען פאַר די אויגן דעם פּרייסישן ייד, איר געגטן מאַן. דער סוף איז געווען, אַז אַ סך חסידישע טעכטער פון סאַלאָמעאַס שילערינס האָבן אין די ערשטע געהייליקטע נעכט פון דער חופה געפּרוּווט צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד און די חתנים האָבן געבעך געמוזט אַוועקגיין מיט גאָרנישט. די מחותנתטעס זענען אויף צו מאַרגנס דערפון געוואויר געוואָרן און נישט איין מאַמע האָט אויף סאַלאָמעא דרעזנער געכאַפּט אַ בעזעם און זי געיאָגט פון די טרעפּ.

ר׳ זבולון ליכטנבערגס צווייט ווייב האָט זיך געטראָגן מיט אַ האַרץ אויף איר פאַרשלומפּערטן למדן, וואָס מען קאָן אים גאָרנישט אַוועק־

דייסן פון דער גמרא. זי האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דער דעה צו שאַפן פאַר אירע טעכטער אַ אַנדער מזל און זיי צו פירן אויף ניי־מאָדישערע וועגן. פאַר ר׳ זבולונס צווייט ווייב איז סאַלאָמעא דרעזנער געווען דער אמתער פארשוין, מחמת סאַלאָמעא האָט גערעדט דייטש, געשמעקט מיט אויסלאַנד און זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ פאַרביטערט האַרץ אויף אַלע חסידישע מענער.

סאַלאָמעא דרעזנער איז געוואָרן דער מדריך פון ר׳ זבולנס טעכ־טער. די מאַמע איז אויך אַמאָל געזעסן ביי די לעקציעס און צוגעהערט ווי סאַלאָמעא שרייט הויך אויף דייטש און צעקייט איבעסענס „נאַרא״. די מאַמע האָט אָפּגעזיפצט, און אין אַזעלכע טעג געקוקט אויף ר׳ זבולנען ווי אויף אַ פינצטערן וואַלד־גזלן. ס׳איז געווען די ערשטע חסידישע שטוב וואו סאַלאָמעא דרעזנער איז געווען זיכער אַז מע וועט נישט כאַפּן אויף איר קיין בעזעם און זי נישט יאָגן פון די טרעפּ.

# קאַפּיטל דריי און דרייסיק

**די שטיפֿמאַמע שאַפֿט פֿאַר פּנחסן אַ לאָדזשער כּלה. דייטשמעריש. לאָדזש לאָקט פּנחס ליכטנבערגן. די גאָלדענע וואַסערן פֿון לאָדזשער פֿאַנטאַזיע. קאָפּ-שלאַק. פּנחס און לאָדזשער יידן. נאָך וועטשערע איז ער עוסק אין קבלה און אין מחקר.**

פּנחס ליכטנבערג איז געווען ר׳ זבולנס בכור. ער איז געווען אַ זון פֿון ערשטן ווייב, נאָר די ראַדיקאַלע שטיף־מאַמע האָט אים אויפֿגעצויגן. „שיעור" האָט ער געלערנט בײַם פֿאָטער. מע האָט מיט אים געטון אַ שידוך פֿון לאָדזש מיט אַ געוויסן גביר דאָבּזשינסקי, אַ ייד וואָס שטאַמט נישט ווייט פֿון דער פּרייסישער גרענעץ. פּנחס ליכטנבערגס כּלה האָט זיך דעריבער אָנגעשמעקט מיט אויסלענדישע ווינטן, גערעדט דייטשמעריש, פֿיינט געהאַט פֿאַרשלומפּערטע חסידים. די שטיף־מאַמע האָט אין איר געזען די ריכטיקע כּלה פֿאַר פּנחס ליכטנבערגן.

פּנחס ליכטנבערג האָט געהאַט אַ פֿייערדיקן קאָפּ און אַ פֿלינקע תּפֿיסה, הגם ער האָט פֿון אויבנאויף אויסגעקוקט צו זיין אַ שטילער, אַ שווײַנער, מיט אַן אײביק קאַלט שמייכעלע אויף די רויטלעכע באַקן. ס׳האָט געהייסן, אַז דאָבּזשינסקי וועט געבן פּנחסן לאַנגע קעסט — אַזוי האָט ר׳ זבולן בפּירוש אַרײַנגעשריבן אין די תּנאים — כּדי פּנחס זאָל קאָנען זיצן בײַ דער גמרא און אויסוואַקסן אַ למדן. אָבער די צווייטע טבע וואָס פּנחס האָט געירשנט פֿון ר׳ זבולנען געמלעך, זיין ליבשאַפֿט צו געלט, האָט לאָדזש אַרויסגערופֿן מיט אַ מוראַדיקער קראַפֿט. פּנחס האָט דערפֿילט אין זיך זיינע אמתע פֿעאיקייטן, ווי אויך דעם כּישוף פֿון דעם וואונדערלעכן מקום אויף וועלכן ער געפֿינט זיך: די גאָלדענע וואולקאַנען פֿון מעגלעכקייטן און געלט וואָס הייסן לאָדזש,

און וואָס זידן און קאָכן אונטער יידנס פּיס. צוערשט האָט פּנחס אָנ־געהויבן אוועקצוגעבן געלט אויף פּראָצענט און זיך פּאַמעלעך אָפּצוגע־וואוינען פון דער גמרא. סיי אין דאָבזשינסקים שטוב און סיי ביי דעם דייטשמערישן ווייבל — וואָס האָט ליב געהאַט אינדערפרי איידער זי האָט זיך אָנגעטון דאָס שייטל אַ קאַפּעטשקעלע ארומצוגיין אין די אייגענע האָר — ביי זיי איז גמרא געווען אַ קנאַפּער ענין. פּראָסטע באַלעבאַטישע מענטשן פון דער פּרייסישער גרענעץ. ביי די ערשטע גראָבע פּאַרדינסטלעך האָט פּנחסעס ווייב אָנגעהויבן צו רעדן נאָך דייטשמערישער און לענגער ארומצוגיין אין די אייגענע האָר. ביי פּנחסן איז לענגער און נגידישער געוואַקסן דאָס פּעך־שוואַרצע בערדל און דער שמייכל האָט זיך טיפער און קילער איינגעגראָבן אין זיינע ווייכע פעטלעכע באַקן.

אָבער געבן געלט אויף פּראָצענט איז ניכער געווען אַן ענין פאַר באַלעבאַטישע יידן אויף די נאַלעווקים, די יידן אָן פאַנטאַזיע. אין דעם גרויסן האַזאַרד־שפּיל, וואָס לאָדזש האָט געשפּילט מיט דער גרויסער וועלט, אַ שפּיל אין וועלכן יידן האָבן צעוויגט זייער גאַנצע פאַנטאַזיע און טעמפּעראַמענט, אַ שפּיל אין גאָלדענע הוריות — נו, וואָסער ווער־דע האָט עס ווען מען קלינגט זיך דאָ אויס צו נעמען נאָך אַ פּראָצענטל? אַ גאָלדערנער רעגן פאַלט משוגענערווייז פון די פאַרקאָפּטשעטע לאָד־זשער הימלען, די מרחקים פון דער וועלט צעשפּילן זיך פאַר לאָדזש אין אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ פון גאָלד און פון שאָטן. די ווייטענישן פון דער וועלט זענען סך־הכל נישט מער ווי דער שפּיל־טיש ביי וועלכן לאָדזשער יידן שרייען „קאָפּ" און „שלאַק". — פּנחס ליכטנבערג האָט געזען, אַז דער שאַרפער פּלפול וואָס ער האָט געהערט ביים „שיעור" פון ר' זבולון ליכטנבערג — אַ פּלפּול און אַ שפּיל־געפעכט וואָס האָט זיך נישט ארויסגערירט פון די ד'אמות פון דער גמרא — אָט־אַ דאָס געפעכט, ווען מע ווענדט עס אָן אין דעם וועלט־געשפּין פון דער לאָדזשער פאַבריקאַציע, קאָן עס זיך צעוואַקסן אין אַזעלכע פאַנטאַסטישע דימענ־סיעס וואָס מע ועט מער נישט אָנזען זייער סוף און זייער עק. דער האַזאַרד פון וואַגעניש און קאָמבינאַציע קאָן זיך איבער לאָדזש צע־וואַקסן ווי אַ גרויסע גאָלדענע שפּין וואָס וועט שוועבן הויך און ליכטיק

איבער דעם וואַלד פון לאָדזשער רויכערנדיקע קוימענס און אירע פּיס וועלן גרייכן איבער אַלע מרחקים. פנחס ליכטנבערג האָט זיך געזעגן ווי דאָס אמתע גליקסקינד פון לאָדזשער וועלט־שפּיל, און לאָדזש — דער אייגנטלעכער באָדן פאַר זיינע אמביציעס. ער האָט נישט לאַנג געוואַרט, צונויפגענומען זיין נדן און מיט דעם זשעסט פון אַ גרויסן האַזאַרדיסט עס נעוואָרפן אויפן לאָדזשער שפּיל־טיש.

ער האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען מיט קאַם־גאַרן (געשפּונענע וואָל). דאָס איז אייגנטלעך געווען דער מאַטעריאַל, פון וועלכן אַ טייל פון לאָדזשער יידן האָבן געמאַכט זייערע סחורות. אָבער פנחס ליכטנבערג האָט פאַמעלעך פאַרוואַנדלט זיין מסחר אין אַ גורל־פּונקט פאַר לאָדזשער יידן. לאָדזשער יידן האָבן געשפּילט מיט דער וועלט און ער האָט גע־שפּילט מיט די יידישע וועלט־שפּילער. ער איז געשטאַנען אינמיטן דעם גאָלדענעם תהום פון לאָדזש ווי אַ פישער מיט אַ ווענדקע, און ער האָט געכאַפּט יידן ווי מען כאַפּט פרישע צאַפּלדיקע פישעלעך. אין ווען פנחס האָט דערשמעקט גרויסע פעאיקייטן, האָט ער אים געגעבן אומבאַגרענעצטע קרעדיטן און אים געלאָזט שווימען אין די גאָלדענע וואַסערן פון לאָדזשער פאַנטאַזיע. און דאָס יידעלע איז פעט געוואָרן. ביי אַנדערע האָט ער צוגענומען די קרעדיטן און אין דער מינוט זיי געמאַכט פאַר אָרעמע לייט. יידן האָבן אָנגעזעצט און צוריק אַרויף אויפן פערדל לויט פנחסעס חסד. יידן זענען איבער נאַכט רייך גע־וואָרן און איבער נאַכט אַלץ פאַרלוירן — עס האָט זיך געוועגדט אין דעם קנעפּל אין וועלכן פנחס האָט אַ דריק געגעבן. און פנחס האָט זיך צעשפּילט מיט זיינע יידעלעך ווי אַ מייסטער מיט זיינע שאַך־פי־גורן. פנחס איז געווען דער לאָדזשסטער פון אַלע לאָדזשער, הגם ער איז נאָר געווען פון די גאַליציאַנער און גערעדט יידיש מיטן וואַרשעווער זינגענדיקן דיאַלעקט.

ווען זיין אייגן פאַרמעגן האָט ער קיינמאָל נישט געוואוסט קיין דיכטיקן חשבון. עס האָט גרייכלעך געקאָנט זיין אַז פנחס האָט פאַרמאָגט מיליאָנען. און עס האָט אויך געקאָנט שיין זיין אַז פנחס איז שולדיק מיליאָנען און די האָר אויפן קאָפּ זענען נישט זיינע. ער האָט עס נישט געוואוסט און נישט געוואָלט וויסן. ער איז געשטאַנען אויבנאָן ביים

לאָדזשער טיש און האַזאַרדיש געשפּילט מיט יידיש מזל. געשפּילט אַ שטוי־לער, אַ מכלומרשט רואיקער. דאָס שוואַרצע בערדל האָט ביי אים גע־גלאַנצט, און דאָס שמייכעלע איז נישט אַראָפּ פון זיינע ווייכע פעטלעכע באַקן.

צו אים אין שטוב איז קיינער נישט אַריינגעקומען. דאָס ווייב האָט אַלעמען געיאָגט און אָנגעהויבן צו רעדן צו פּנחסן בלויז אויף דייטשמעריש. נאָר עס זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס אין לאָדזש אַז אויף דערנאַכט ווען פּנחס ליכטנבערג עסט נאָר אָפּ וועטשערע פאַרשליסט ער זיך אין זיין קאַבינעט, צינדט אָן צוויי וואַקסענע ליכט, טוט זיך אָן אַ זיידענעם שלאָף־ראָק און אַ יאַרמלקע, און ביז חצות איז ער עוסק אין קבלה און אין מחקר־זאַכן.

# קאַפּיטל פיר און דרייסיק

לוידיקע פּלעצער. לאָדזשער יידן פּרוּוון צו טרעפן וואָס פנחס האָט בדעה צו טון. אַ חסידים־שטיבל. דאָס ווייב מאַכט סקאַנדאַלן אויף דויטשמעריש.

ווען פנחס ליכטנבערג איז געשטאַנען אין סאַמע ברען פון זיינע לאָדזשער געשעפטן האָט ער זיך געקויפט אַ גרויס הויז אויף פּיעטרי־קאָווער גאַס. וויפיל ער האָט נישט געהאַלטן פון די פאַרצייטישע הלוואה־מסחרים פון זיין פאָטער ר׳ זבולן, דער יצר־הרע פון הייזער איז אים פאָרט בירושה געלעגן אין בלוט. דאָס הויז האָט געהאַט אַ סך ליידיקן פּלאַץ כדי מע זאָל קאָנען מויערן. וואָס מויערן? וועגן דעם האָט פנחס ליכטנבערג געהאַט צייט צו טראַכטן. ער האָט צו די ליידיקע פּלעצער אַהינגעבליקט מיט דעם זעלבן ווייכן און שטילן שמייכעלע מיט וועלכן ער האָט געקוקט אויף די יידן וואָס האָבן אים צעיאַכמערטע געקוקט אין די נגידישע וואַרשעווער הענטעלעך אַריין און געוואַרט וואָס פנחס וועט זאָגן: „קאָפּ" צי „שלאָס". זאָלן די פּלעצער וואַרטן און יידן זאָלן פּרוּוון טרעפן וואָס פנחס ליכטנבערג האָט בדעה צו מויערן אויף די פּלעצער. ער האָט צייט. לאָדזש האָט געפּרוּווט צו טרעפן. דערווייל האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען אַז דאָס ווייב זיינס האָט ענדגילטיק אויסגעטון דאָס שייטל און גייט אין די אייגענע האָר און פנחס ליכטנבערג איז נאָך דער וועטשערע נאָך שטאַרקער עוסק אין קבלה און אין מחקר.

אָבער פנחס ליכטנבערג האָט פאַר אַלעמען צוגעגרייט אַ געוואַלדיקע איבעראַשונג.

ס'איז אָנגעפאָרן דאָס ערשטע פורל מיט ציגל אויף די ליידיקע פּלעצער פון פנחסעס הויז און גויים האָבן דאָרט אויסגעגראָבן אַ גרוב אויף צו לעשן קאַלך. לאָדזשער יידן האָבן זיך געבראָכן די קעפּ וואָס פנחס גייט דאָ מויערן. טייל האָבן געזאָגט אַז סך־הכל גייט ער דאָ אויסבויען

א גרויסע וואָל־שפּינערייַ וואָס פּוילן און לאָדזש האָבן נאָך אַזעלכעס נישט געזען, און ער וועט פאַרפלייצן לאָדזש מיט א מבול פון וואָל און אוועקלייגן אַלע קאָנקורענטן. עס ווייזט זיך אַרויס — האָבן די דאָזיקע יידן געזאָגט — אַז פּנחס פאַרמאָגט טאַקע שווערע מיליאָנען, און נישט אַזוי ווי עס זאָגן די לאָדזשער לצים אַז פּנחס איז נאָר „הינטער זיך" מיט מיליאָנען. אַנדערע יידן האָבן געזאָגט אַז פּנחס פאַרנעמט זיך צו בויען גרויסע סקלאַדעס, וואָרעם צו אַ שפּינערייַ פעלן אים די מיליאָנען. אַנדערע יידן האָבן געזאָגט אַז סך־הכּל גייט פּנחס נישט מער ווי בויען א הויז.

פּנחס ליכטנבערג אַליין האָט געשוויגן און געשמייכלט מיט זיינע ווייכע באַקן. מע האָט געזען אַז קיין סך ציגל און קאַלך ברענגט מען נישט אויפן הויף און מען פאַרנעמט זיך אויף די גרויסע פּלעצער צו בויען נישט מער ווי א קליינעם בנין.

וואָסער בנין? לאָדזשער יידן זענען נאָר געוואָרן צעמישט און געטראָפן גלאַט אין דער לופט אַריין.

אויסגעלאָזט האָט זיך אַז דער קליינער בנין וואָס פּנחס ליכטנבערג האָט זיך פאַרגומען צו בויען אויף זיינע פּלעצער און וועלכער האָט פאַר־שאַפט לאָדזשער יידן אַזוי פיל קאָפּ־ברעכעניש, איז נישט מער געווען ווי א פּשוט חסידים־שטיבל. דער גרויסער האַזאַרד־שפּילער מיט לאָדזש האָט גראַד געשטעלט אויפן קאָן דאָס קלענסטע פון דעם קלענסטן, ווען אַלע האָבן פון אים דערוואַרט עפּעס א ווענטלעכן זשעסט אויפן לאָדזשער מסחר. אָן אַלעקסאַנדערער חסידים־שטיבל! פּנחס האָט געוואָלט האָבן אַן אייגן חסידים־שטיבל אין זיין הויז פּונקט ווי זיין פאָטער ר' זבולן. יידן האָבן געזאָגט, אַז ער האָט עס געטאָן על־פּי קבּלה, און מן־הסתם גייען פּנחסעס געשעפטן ביטער ווען דער ייד נעמט זיך צו הילף די קבּלה. דאָס ווייב אינדערהיים האָט אויף דייטשמעריש אים געמאַכט סקאַנדאַלן און געטענהט אַז די חסידים וועלן איר פאַרשלומפּערן דעם הויף. פּנחס האָט געשמייכלט און געשוויגן, און נאָך וועטשערע זיך פאַרמאַכט אין זיין קאַבינעט, זיך אָנגעטון דעם זיידענעם שלאָף־ראָק און א יאַרמלקע, אָנגעצונדן צוויי וואַקס־ליכט און נאָך מער זיך פאַרטיפט אין קבלה און אין מחקר. ער האָט צומאָל נישט געהערט ווי דער זייגער שלאָגט צוועלף און דאָס ווייב אין בעט רופט אים אויף דייטשמעריש, צו גיין שלאָפן.

# קאַפּיטל פינף און דרייסיק

מייסטערשאַפט פון קאָמבינאַציע. די ראָזשינקע פון „גרויסן" שטיבל. נאַסקע גאָווערגאָווער. און אַנאַרכיסט. די באַן טרייבט נישט קיין קאַטאָוועס מיטן פּאַר-פּלאַן. קעגן דער צאַרישער מאַכט. נאַסקע אַנטוואַפנט אַ דייטשן סאַלדאַט.

ווען דאָס חסידים־שטיבל איז אויפגעבויט געוואָרן האָט זיך פּנחס ליכטנבערג אָנגעהויבן צוצוקלייבן דאַווענערס פאַר זיין שטיבל. ער האָט נישט געוואָלט אַז עס זאָל זיין אַזאַ פאַרשלומפּערטע חסידאַרניע ווי דאָס „גרויסע שטיבל". סוף־כל־סוף דרייען זיך סוחרים ביי אים אויפן הויף. אפילו די רייכע דייטשע וואָל־שפּינערס פון לאָדזש קומען צו אים. צופיל איינרייסן מיטן דייטשמערישן ווייב האָט ער אויך נישט געוואָלט. ער האָט פּאָרט געוואָלט האָבן שלום־בית אין דער היים. דעריבער האָט ער זיך אויסגעשטעלט אַ צעטל ווער עס זאָל דאַווענען אין זיין שטיבל. דעם צעטל האָט ער אויסגעשריבן אינדערהיים אין זיין קאַבינעט. דער צעטל איז געווען געשריבן מיט אַ פּערלדיקן לומדיש־נגידישן כּתב, און ער האָט אים זאָרגפעלטיק אוועקגעלייגט אונטער די טאָוולען פון אַ מורה־נבוכים. מע מוז מודה זיין: פּנחס ליכטנבערג האָט אַפילו אויף דעם דאָזיקן געביט אַרויסגעוויזן מייסטערשאַפט פון קאָמבינאַציע.

קודם־כּל האָט ער געזען צו טון אַז ר' לוי קאַהן זאָל ביי אים דאַווענען. מיט דעם האָט ער געוואָלט אַרויסכאַפּן די ראָזשינקע פון „גרויסן שטיבל". ער האָט אויך דערמיט געכשרט דאָס שטיבל אין די אויגן פון זיין דייטשמעריש ווייב וועלכע איז כּסדר געווען ברוגז אויף דעם דאָזיקן ווילדן איינפאַל צו מאַכן אַ חסידים־שטיבל האַרט אונטער איר נאָז. עפּנטלעך פאַר אַלעמענס אויגן האָט זי דערפאַר געטראָגן די אייגענע האָר אַלס פּראָטעסט. זאָלן אַלע זען וואָס זי, דאָבזשינסקיס

טאַכטער, טראַכט וועגן פּנחס ליכטנבערגס „פּינצטערע" מעשים. ר' לוי קאַהן וואָלט איר בּאַדאַרפט צו פאַרמאַכן דאָס מויל. וואָרעם אויב דער אַלטער בּאַראָן היינצל שעמט זיך נישט מיט ר' לוין צו חברן, צו רעדן מיט אים יידיש און צו פאָרן מיט אים איבּער דער פּיעטריקאָווער גאַס אויף דער רייכער אַריסטאָקראַטישער קאַטש, — דאַרף עס איר, דאָבּזשינסקיס טאָכטער, אָנשטיין צום כּבוד אַז ר' לוי קאַהן וועט זיך בּאַווייזן ביי איר אויפן הויף. פּנחסעס ווייבּ איז טאַקע אַ בּיסל אַנט־שוויגן געוואָרן ווען זי האָט געהערט ווער עס וועט זיין פון די ערשטע דאַוועגערס אין שטיבּל. צווייטנס: האָט ער מיט ר' לויס פערזאָן גלייך פאַר אַלעמען געגעבּן אָנצוהערן וואָסער שטיבּל פּנחס ליכטנבּערג האָט בּדעה צו מאַכן ביי זיך אין הויז. תּורה וגדולה בּמקום אחד.

יעדער פערזאָן, וואָס פּנחס האָט אויסגעקליבּן אַלס זיינע דאַווענערס איז געווען אַן אמתע אַטראַקציע. און איך וועל אומישנע זיך אָפּשטעלן אויף עטלעכע פון זיי.

פאַר שטיבּל־שמש האָט ער געמאַכט נאַסקען פון גאָווראָווע. צו דערציילן ווער נאָסקע איז געווען איז גאָרנישט פון די לייכטע זאַכן. אויך צווישן די זעלטענע לאָדזשער יידן איז נאָסקע געווען אַ זעלטענער ייד. וואָסער פּרנסה נאָסקע האָט געהאַט איידער ער איז געוואָרן שמש אין פּנחסעס שטיבּל איז אויך שווער צו זאָגן, מחמת נאָסקע איז געווען דער טיפּישסטער אַנאַרכיסט, וואָס האָט ווען עס איז עקזיסטירט אויף דער וועלט. ער האָט נישט אָנערקענט קיין שום סדר און קיין שום אָרדענונג, קיין שום געזעצלעכע געמיינשאַפט און קיין שום געזעלשאַפט־לעכע התחייבותן פון מענטש צו מענטש. ער איז געווען אַן אינדיווי־דואַליסט פון עקסטרעמסטן מאַרט — און פּרנסה איז שוין אַ געוויסער אריינפּאַסן זיך אין אַ געזעלשאַפטלעכן סדר. ער האָט געביטן זיינע פּרנסות לויט דעם מאָמענטאַלן געמיט. דאָ איז ער געווען אַ מלמד, דאָ האָט ער אין אַ שיינעם טאָג געוואָרפן דאָס מלמדות און אָנגעהויבּן אַרומ־צוטראָגן קאַנען נאָפט איבּער נגידישע הייזער, אָדער גאָר שלעפּן אַ וועג־געלע אינמיטן דער פּיעטריקאָווער גאַס בּאַגלייך מיט אַלע פּראָסטע טרעגער, — הגם אַלע האָבּן דאָ נאָסקען גוט געקאָנט פאַר אַ שאַרפן חסיד און פאַר אַ שאַרפן למדן. נאָסקע האָט זיך מיט קיינעם נישט גערעכנט,

ער האָט נישט אָנערקענט קיין שום התחייבותן און קיין שום קאָנווע־נאַנסן לגבי דער געזעלשאַפט.

אַליין איז נאָסקע געווען אַ הויכער ייד מיט פלאַם־פייערדיקע רויטע האָר, מיט אַ פייערדיקער רויטער באָרד, און מיט פלאַמיקע רויטע פאות וועלכע ער האָט תמיד געהאַלטן צונויפגעבונדענע אונטערן סאַ־מעטענעם היטל. מע האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס און פאַר וועמען — נאָסקע האָט זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט אינמיטן שטוב צי אינמיטן אַ טומלדיקער גאַס, מיט האַסטיקער אומגעדולדיקייט האָט ער אַ בינד־אויף געגעבן די פאות פון אונטערן היטל. עס האָט אויסגעקוקט ווי צוויי שטראָמען פייער לאָזן זיך אים אַראָפּ פון ביידע זייטן פּנים. און נאָסקע איז אַ צייט אַרומגעגאַנגען מיט זיינע אַרונטערגעלאָזטע פאות. מענטשן האָבן געקוקט, נאָר נאָסקע האָט נישט געקוקט אויף קיין מענטשן. ביז ער איז מיטאַמאָל שטיין געבליבן און צוריק פאַרבונדן די פאות אונ־טערן היטל.

איך גלויב, אַז קיין שום מענטש האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעזען נאָסקעס אויגן. ער האָט זיי מיט אַ ווילדער פאַרעקשנטקייט געהאַלטן טיף אַראָפּגעלאָזענע סיי ווען ער האָט גערעדט מיט עמעצן, סיי ווען ער איז געגאַנגען אויפן גאַס. איך האָב מיך שטענדיק געוואונדערט ווי אַזוי נאָסקע ווייסט וואוהין צו גיין ווען ער קוקט נישט און גייט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. קוקן אויף עמעצן, צי קוקן אַרוים פון זיך איז שוין עפּעס ווי אַ בשותפותדיקייט מיט עמעצן. און פון דעם האָט ער נישט געהאַלטן. אפילו זיין שפּראַך איז געווען אַן אַנדערע. ער האָט גערעדט זיין אייגענעם דיאַלעקט, און לויט זיין אויסטערלישן אופן אַרויס־גערעדט די יידישע ווערטער. וואָרעם שפּראַך איז דאָך אַ געוויסע געמיינזאַמקייט מיט מענטשן. נאָסקע האָט עס ניט גורם געווען. נאָסקע האָט גערעדט אויף זיין אייגענעם נאָסקישן לשון און מע האָט געמוזט זיין מיט אים גוט באַקאַנט כדי אים צו פאַרשטיין. למשל, ער האָט נישט געזאָגט „שופר" נאָר „שייפער", נישט „יוצא-זיין" נאָר „ייצע זיין". יעדעס יידישע וואָרט האָט אַנדערש אַרויסגעקלונגען פון נאָסקעס מויל. אַן אמתער אַנאַרכיסט.

אַזוי האָט נאָסקע נישט באַוויזן קיינמאָל אַרויסצופאָרן פון לאָדזש,

הגם ער האָט נישט איינמאָל זיך געקליבן צו פאָרן אין זיין שטעטל גאָ־וועראָוווע. צו וואָס האָט ער פּלוצעם אינמיטן דערינען געהאַט דאָס באַדערפעניש צו פאָרן אהין, האָט קיינער נישט געוואוסט. ער האָט בלויז געזאָגט: „איך פאָר קיין גאָווערואָווע". אָבער ער האָט קיינמאָל נישט באַוויזן צו פאָרן. מחמת נאָסקע האָט קיינמאָל ביי זיך נישט גע־פועלט צו גלויבן, אַז די באַן גייט טאַקע אַוועק פון לאָדזש לויט אַ פאָר־פּלאַן, און זי האַלט זיך טאַקע אינם פאָר־פּלאַן. אַזאַ מין געזעצמעסיקייט איז אונטער דער גאַנצער שייכות מיט זיין נסיעה קיין גאָווערואָווע, וואָלט געווען אבסאָלוט קאַפּויער קעגן נאָסקעס געמיט. ווען מע האָט אים געזאָגט, אַז די באַן גייט אַוועק, למשל, פון לאָדזש פיר אַ זייגער מיט צען מינוט — האָט זיך נאָסקע פון גרויס חידוש אינמיטן דערין אַ בינד־אויף געגעבן די רויט־פּלאָמיקע פּאות פון אונטער זיין היטל און זיי אַראָפּגעלאָזט איבער זיינע באַקן. ער האָט שאַרף געקוקט מיט זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויפן דיל און איז ענדלעך געקומען צו דער באַן מיט אַ צוויי שעה שפּעטער. און ער האָט זיך נאָר געחידושט, וואָס די באַן איז טאַקע אַוועקגעפאָרן לויטן פאָר־פּלאַן. אַ משוגענע וועלט אויף אַן אמת? פונדעסטוועגן האָט נאָסקע געגלויבט, אַז היינט איז עס נאָר געווען אַ ווילדער צופאַל, וואָס די באַן איז געפאָרן לויטן פאָר־פּלאַן. מאָרגן וועט זי טאַקע פאָרן בלויז דאַן ווען ס'וועט איר איינפאַלן. נאָסקע איז ווידער געקומען שוין מיט דריי שעה שפּעטער נאָכן פאָר־פּלאַן. ער האָט דערמיט געוואָלט אויסדריקן זיין צוטרוי, אַז די באַן איז נישט משוגע און גייט אין זיינע נאָסקישע דרכים. ווען זיינע אַנטוישונגען מיט דער באַן האָבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד און נאָסקע האָט געזען, אַז די באַן מיינט עס נישט אויף קאַטאָוועס מיטן פאָר־פּלאַן, האָט זיך נאָסקע גאָר מישב געווען אַז ער וועט נישט פאָרן קיין גאָווערואָווע.

אַזאַ מין ייד האָט זיך פּנחס ליכטנבערג אויסגעקליבן פאַר אַ שמש אין זיין שטיבל. ווען אַלע האָבן אים געפרעגט, ווי אַזוי איז עס מעג־לעך אַז אַזאַ אויסטערלישער פּרא־אדם זאָל פירן שטיבל־חשבונות, פאַר־קויפן עליות און בכלל פירן די ווירטשאַפט פון אַ שטיבל? האָט פּנחס זיך שטיל אויסגעשמייכלט און געזאָגט אַז עס וועט שוין גוט זיין — ווי אַזוי גוט זיין? שוין די ערשטע וואָכן פון זיין שמשות האָט נאָסקע

געוויזן זיין אַנאַרכיזם, און געוויזן האָט ער עס נישט קיין אַנדערן סיידן ווי דער מעכטיקער צאַרישער מלוכה, נעמלעך: פּנחס האָט אַריינגע־צוינגן אין זיין שטיבל גאַז־באַלייכטונג. ווען ס'איז געקומען דער ערשטער חשבון צו באַצאָלן פאַרן גאַז, האָט נאָסקע זיך נישט צוגעגלייבט, אַז דער שטאָטישער גאַז־אַנשטאַלט מיינט עס אויף אַן אמתן. ער האָט בכלל נישט געהאַלטן פון צאָלן חשבונות. נאָסקע האָט דעם אָפיציעלן גאַז־חשבון אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט. ס'איז פאַרפּייגעגאַנגען דער לעצ־טער טערמין — דער גאַז־אַנשטאַלט האָט געשיקט אַ באַאַמטן, וועלכער האָט פאַרחתמעט דעם גאַז־זייגער און אויף אים אָנגעהאַנגען אַ פּלאָמבע מיט אַ רוסישן אָדלער. אַ שיינער סטראַשונאָק פאַר נאָסקע נאָווראָווער! ווען ס'איז געקומען בין־השמשות און מע האָט באַדאַרפט אָנצינדן די גאַז־לאָמפּן אין שטיבל האָט נאָסקע נישט געמאַכט קיין לאַנגע מחזקות. פאַר אַלעמענס אויגן צוגעגאַנגען צום גאַז־זייגער, אַרונטערגעריסן די מלוכהשע פּלאָמבע, און צוריק דעם זייגער געעפנט. יידן האָבן געשריגן, אַז נישט בלויז נאָסקע וועט דערפאַר אַוועק אין קייטן נאָר ער וועט אויך מיטשלעפּן אין תפיסה אַריין פּנחס ליכטנבערגן. נאָסקע האָט נישט געענטפערט.

אגב וויל איך נאָך צוגעבן: אין נאָוועמבער 1918 ווען די דייטשן האָבן געהאַט אַ מפּלה אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און אין אַלע פּוי־לישע שטעט האָט די באַפעלקערונג אַנטוואָפנט דאָס דייטשע מיליטער — איז אויך נאָסקע אינמיטן דערין פון שטיבל אַרויסגעלאָפן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. ער האָט זיך אַרונטערגעלאָזט די רויטע פּאות און מיט זיינע טיף־אַראָפּגעלאָזטע אויגן צוגעלאָפן צו אַ דייטשן זעלנער. דער דייטש האָט זיך דערשראָקן און נאָסקען אַוועקגעגעבן די ביקס. נאָס־קע איז מיט דער ביקס צוריקגעקומען אין שטיבל אַריין און זי, די דייטשע ביקס, אַוועקגעשטעלט נעבן אָרון־קודש.

# קאַפּיטל זעקס און דרייסיק

פּנחסל מורה-הוראה. אַ ייִד פון תּוילע גרעטן נאָר אַ געוואַלדיקער פרומאַק. נאַסקע גאַוועראַווער ווערט זײַן ידיד און רופט אים פּיכסל. נאַסקע איז משמש אַ תּלמיד-חכם. אַלצדינג איז טריף. פּנחסל און לאַדזשער בעלי-דינים. זײַן מאַמעס מילך האָט פּנחסל געזויגן אין אַ סופּריש שטעטל. ת׳ען, ייִד׳ן און וו׳ונן סטראַשען מיט סופּרישן פּחד. נעבּיך, ייִדן שטייען אויף אַפּגרונטן. פּנחסל מאַכט „פּאַראַנדעק" אין זײַן ייִדישער שפּראַך. נאַסקע און פּנחסל שמועסן אויף זייערע לשונות. פּנחסל איז זיך מכין צו אַ סידור-קידושין. בּתּי תּיאַתראות וקרקסאות. חתן-כּלה וואַרטן אונטער דער חופּה און פּנחסל גייט דערווײַל אין מקוה אַרײַן.

דער צווייטער פון די טשיקאַווע פּאַרשוינען פון פּנחסעס שטיבּל איז געווען פּנחסל מורה־הוראה.

אויב מען וויל נעבּן אַ שרײַענדיקן היפּוך צו נאַסקע גאַוועראַווער, איז עס פּנחסל מורה־הוראה. ער איז געווען קליין און ווינציק ווי אַ קרענקלעך קינד, מיט קינדערישע הענטעלעך און פיסעלעך, און עס האָט אויסגעקוקט, אַז פּנחסלס גוף האָט נאָר נישט קיין בּיינער, נייערט סאַמע לויזע גרעט פון אַ דאַרן הערינג, און, אַז מ׳קאָן דעם גאַנצן פּנחסלען נע־מען אין דער האַנט אַרײַן און צעקוועטשן אויף פּיש־יויך. אַלצדינג איז בּיי אים געווען אין אויסטערלישן און קרענקלעכן מיניאַטור: אַ בּלאַס־שוואַרין ציגן־בּערדעלע אויפן ווייכן קליינעם גאָמבּעלע, בּינטלעך צעפּלאָשעטע הערעלעך בּיי די שלייפן פון לומדישן שטערן — אַ סימן פון פּאות, אַ פּאָר איבּערנעשראָקענע וואַסערדיקע אייגעלעך וואָס זענען שטענדיק געווען דערצונדענע אין די ווינקלען מחמת חולשות, און אַ קליין בּלאַס מײַלעכל וואָס האָט זיך צעפּישטשעט בעת פּנחסל האָט גערעדט און פון וועלכן עס האָבּן אַרויסגעקוקט דריבּנעטשקע קאַליע צײַנדעלעך, צײַנדעלעך וואָס זענען געווען אי פאַרפוילט אי נרין. פּנחסל איז געווען

דאָס אמתע בילד פון א תלמיד־חכם, א חלוש, וואָס די תורה האָט אים אויפגעגעסן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז פנחסל איז אַ גוואַלטיש שאַרפער קאָפּ און אַ ווילדער בעל־הוראה.

נאָסקע גאָווערנאָווער איז געווען זיין ידיד, און מחמת נאָסקע האָט גערעדט מיט זיין איינענער שפראַך, האָט ער אים ניט גערופן פנחסל, ווי אַלע, נייערט פיכסל.

דער שטאַרקער ברייטביייניקער און פלאַמיק־רויטער נאָסקע איז פון אָט דעם פיכסלען כמעט ווי נישט אָפּגעטראָטן. הגם אויך צו פיכסלען האָט ער, נאָסקע, גערעדט מיט אראָפּגעלאָזענע אויגן אויפן דיל און אים מן־הסתם קיינמאָל נישט אָנגעקוקט. דאָס אויסטערלישע חולשות פנחסלס, זיין דראָבנעקייט און דאָס שאַרפע פישטשעדיקע קולכל האָבן מן־הסתם אין רויטן נאָסקען געוועקט עפּעס אַזוינס ווי פּאַטערלעכע זאַרטפעלטיקייט. אינמיטן דערין פלעגט זיך נאָסקע אַ לאָז אַראָפּ נעבן די פאות און צוגיין צו פנחסלען מיט אַ גלעזל בראָנפן און מיט אַן אייער־קיכל און אויף אים אָנשרייען אַז ער זאָל זיך דערכאַפּן דאָס האַרץ און כוח האָבן צו דער גמרא.

פנחסל פלעגט סרוב לערנען אין שטיבל, און נאָסקע פלעגט טיילמאָל צו אים צוגיין מיט שאַרפע טריט און פרעגן וואָסער גמרא ער וויל, און אים ברענגען צוטראָגן די גמרא מיט דער אונטערטעניקייט פון אַ שמש. ס'האָט זיך געווענדט אין דער מאָמענטאַלער שטימונג פון נאָסקע גאָווערנאָווער. פנחסל איז געווען דער ריכטיקער אָביעקט פאַר זיינע שטימונגען, מחמת פנחסל האָט אים קיינמאָל נישט געשמעלט קיין שום ווידערשטאַנד, האָט זיך געבויגן פאַר נאָסקעס גבורהדיקן אַנאַרכיזם, און ער איז פאַר נאָסקען נישט געווען קיין „צווייטער" מענטש. עס איז אויסגעקומען, אַז פנחסל איז כמעט אַ גאַנצן טאָג געווען אונטער נאָסקעס השגחה און איז געווען עפּעס ווי אַ קאַריקאַטור פון נאָסקעס שאָטן.

פנחסל איז געזעסן אַ גאַנצן טאָג אין שטיבל, וואָרעם הגם ער איז געווען לאָדזשער מורה־הוראה איז קיינער צו אים נישט געגאַנגען מיט קיין שאלה. ערשטנס, האָבן די מיידן נישט פאַרשטאַנען זיין לשון, און צווייטנס האָט מען פון פאָרויס געוואוסט, אַז עס וועט סיי־ווי אַלצדינג

זיין טריפה. ביי זיין גאנצער שארפקייט אין הוראה האט ער קיינמאל נישט געפסקנט כשר, און ביי דעם מינדסטן פיפיק צוזאמענגעשלעפט מחמירים פון די פארוואָרפנסטע ספרים און א פישטשע געטון: „טריפה". די מיידן האבן אים נעמיטן ווי די פעסט. מיט קיין דין־תורהס איז אויך קיינער צו אים נישט געגאנגען. ביי אלע זיינע פשטלעך אין די געלט־ענינים פון „חושן־משפט" האט ער נישט געהאט די מינדסטע השגה אין טאג־טעגלעכן מסחר. פנחסל האט געמיינט, אז די יידן זענען צו אים ארויפגעקומען מיט א „פשטל" און ער האט אנגעהויבן צו מאכן „שפרונגען" און „חילוקים", אז די בעלי־דינים האבן זיך אליין אנגעקוקט ווי זיי וואלטן אריינגעפאלן צו א משוגענעם. צווייטנס, האט איבער־הויפט קיינער, אחוץ נאסקען, נישט פארשטאנען פנחסלס לשון.

די סיבה, פארוואס קיינער האט אים נישט פארשטאנען איז געווען די פאלגנדיקע:

אחוץ זיין שארפן פלפול־קאפ איז פנחסל געווען אן אויסטער־לישער פרומאק. ער האט געשטאמט ערגעץ פון א וויסטן העק אין קליין־פוילן וואו ס'האבן געוואוינט די פרימסטע יידן פון פוילן. א האלב־שטעטל יידן זענען געווען סופרים און געשריבן תפילין און מזוזות פאר גאנץ פוילן. די פרומקייט פון סופרים איז בכלל זייער אן איבערגע־שראקענע. דער פחד פאר עפעס פסול מאכן און אויפשרייבן א וואָרט נישט לויט אלע דינים און כוונות, הענגט איבער זיי טאג ווי נאכט. זיי ציטערן איבער דער געגדזענער פעדער און איבערן סופרישן גאליש טינט. זיי ווייסן, אז פאר דער מינדסטער קלייניקייט עפנט זיך ס'גהינם אונטער זייערע פיס און עס הימלען אלע ש"י וועלטן. יידן, וואס פאר א ליארדע־וואס פאסטן זיי א תענית און לויפן אין דער מקווה אריין. ס'איז נישט מקנא צו זיין יידן, וואס זענען סופרים.

אין אזא פרומאקיש־אפגעשראקענער סביבה האט פנחסל געזויגן זיין מאמעס מילך. אלע לשון־קודשדיקע ווערטער האבן פאר אים גע־שמעקט מיטן „שם". אלע הייען, יודן און וואוו האבן אים געסטראשעט מיט סופרישן פחד, טאמער חס־ושלום מאכט מען א פסול און מע שפילט זיך מיט פייער. פנחסל איז געווען א שארפער קאפ, האט געהאט צייט

און שטענדיק אריינגעטון געווען אין פּלפּול און אין „חילוקים", אַזוי האָבן צו אים אויך די הייען, די יודן און די וואַנט פון דער יידישער שפּראַך אָנ־געהויבן צו ווייזן זייער פּירכטערלעך טאַפּו־פּנים. ער האָט געזען, אַז נישט דווקא אין לשון־קודש נאָר אויך אין פּשוטן יידיש קאָן מען מיט אַן אומשולדיקן ה אַגרירן אַ „שם" און אויפּפלאַקערן דערמיט אַלע חומרות, שטראָפן און עבירות, — און פנחסל האָט מיט גרויס עקשנות אָנגעהויבן צו מאַכן „פּאַראַנדעס" אין זיין יידישער שפּראַך.

קודם־כל האָט ער זיך באַמיט פון זיין רעדן אַרויסצוואַרפן אַלע הייען און אַלע יודן און זיי צו פאַרבייטן מיט קופן און לאַמעדן. דער ערשטער קרבן איז געפאַלן דאָס וואָרט „יאָ", וואָרעם עס שמעקט בפירוש מיט אַ „שם". אויף פנחסלען האָט די הויט אויפגעציטערט, ווען ער האָט געזען ווי ער האָט במשך זיין גאַנץ לעבן אַרויסגעזאָגט אַזאַ פירכ־טערלעך וואָרט און ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס ער טוט. עס האָט אים ווילד געחידושט אויף אַנדערע יידן וואָס שפּילן זיך יעדע רגע מיט פייער, זאָגן „יאָ", און וויסן נעבעך אַליין נישט אויף וואָסערע אָפּגרונטן זיי שטעלן זיך. פנחסל האָט נישט לאַנג באַלאַמוטשעט און דאָס וואָרט „יאָ" פאַרביטן אויף „קוי". דאָס נעמלעכע האָט ער געטאָן מיט אַנדערע ווערטער וואָס באַשטייען פון יודן און הייען. — עס איז אויסגעקומען אַז פנחסל האָט אָנגעהויבן צו רעדן אויף אַ ווילדן אומ־פאַרשטענדלעכן לשון וועלכעס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען. יידן האָבן אַ מאַך געטון אויף אים מיט דער האַנט. סיי־ווי איז פנחסל אַ בטלן. פאַר זיינע פּשטלעך וועט ער מיט דעם דאָזיקן לשון אויך אויס־קומען.

פאַר נאָסקען איז פנחסל געווען ממש אַן אַנטפּלעקונג. אַ ייד, וואָס רעדט נישט אַזוי ווי אַלע און האָט נאָר זיין אייגענעם נוסח אין רעדן! עס איז וואונדערלעך ווי נאָסקע גאָווערזווער האָט אויפן אָרט נעכאַפּט די „טעכניק" פון פנחסלס שפּראַך און וואו פנחסל זאָגט אַ קוף מיינט ער גאָר אַ היי. ווען מע האָט געהערט די ביידע יידן רעדן זענען אַלע נבהל ונשתומם געוואָרן. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט. אָבער די ביידע יידן האָבן זיך פונאַנדערגעשמועסט. נאָסקע האָט אַ געשריי געטון „פּיכסל"! און זיך באַמיט לגבי דעם קרענקלעכן תלמיד־

חכם ארויסצואווייזן די גרעסטע עניוות, אים משמש צו זיין, און אויף
אים צו האָבן השגחה אַז ער זאָל זיך אַלע מאָל „דערכאַפּן דאָס האַרץ"
און זיך נישט לאָזן איינגאַנצן אויפעסן פון דער תורה.

ווי איך האָב שוין דערציילט, איז קיינער צו פּנחסלען נישט געקומען
מיט קיין שאלה אָדער מיט אַ „דין־תורה". דעם איינציקן אַמט פון אַ
מורה הוראה וואָס איז אויסגעקומען פּנחסלען יאָ אַמאָל אויסצופירן —
און דאָס אויך זעלטן — איז געווען אַ סידור־קידושין. רייכערע אַלעק־
סאַנדערער חסידים פלעגן אים אַמאָל נעמען צו אַ סידור־קידושין כדי
פּנחסל זאָל עפּעס פאַרדינען.

אין אַזעלכע טעג האָט זיך פּנחסל מכין געווען פון גאַנץ פרי אָן
און נאָך אַמאָל איבערגעקוקט אַלע דינים פון סידור־קידושין. ער האָט
דערביי אויפגעטון נייע חומרות און אַגב פאַרענטפערט אַלערליי קשיות
און תירוצים, און טיילמאָל צונויפגעפּלאָנטערט אַ פּשטל. אין אַזעלכע
טעג האָט די תורה פון אים געריסן שטיקער און ס'האָט זיך אויסגעדוכט
אַז דער ייִד גייט ענדלעך אויס פון חולשות. נאַסקע איז פון אים נישט
אָפּגעטראָטן, אים עפּעס געברופן „פּיכסל" און אים אַלע מאָל אונטערגע־
טראָגן אַ גלעזל בראָנפן מיט אַן אייער־קיכל.

אַז עס איז געקומען אויפדערנאַכט און מען האָט באַדאַרפט גיין צו
דער חופה, האָט פּנחסל מיט אַ שווער האַרץ אָוועקגעלייגט דעם „אבן
העזר", זיך אָנגעטון די אַטלעסענע קאַפּאָטע מיטן רבנישן קאַפּעלאַטש
און זיך מכין געווען צו גיין צו דער חופה. אַזוי ווי פּנחסל האָט זיך
נישט אויסגעקאָנט איבער לאָדזשער גאַסן, אויך האָט ער געהאַלטן אַז
על־פּי דין טאָר קיין תלמיד־חכם נישט גיין אַליין אָן אַ משמש, פלעגט
נאַסקע זיין סיי זיין פירער איבער די גאַסן פון לאָדזש און סיי זיין משמש.

ווי אַזוי נאַסקע האָט געפירט פּיכסלען, אַז סך־הכל האָט נאַסקע
כסדר טיף געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט די אויגן — איז אַן אַנדערע קשיא.
אָבער נאַסקע האָט אים תמיד געבראַכט צום ריכטיקן אָרט. ס'איז נאָר
געווען אַ שטיקל שווערקייט אין הילוך. מחמת פּנחסל איז געגאַנגען
פּאַמעלעך, ער איז באַלד מיד געוואָרן, און דאָס ביסעלע הערעלעך פון
זיין בערדעלע און פון זיינע פּאהלעך זענען באַלד געוואָרן נאַס פון שווייס.

נאָסקע האָט געהאַט אַ טבע צו שפּאַנען ענערגיש. ער האָט אָבער אַלע מאָל געמוזט אונטערוואַרטן, זיך אָפּשטעלן ביז פּנחסל וועט כאַפּן דעם אָטעם. טיילמאָל — ווען פּנחסל איז גאָר מיד געוואָרן און נאָסקע האָט נישט געקאָנט איינשטיין, האָט ער צו אים ליב אַ זאָג־געטון אינמיטן דער פּיעטריקאָווער גאַס: „פּיכסל, ביסט אַ בטלן"...

איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ מעשה: מ'האָט פּנחסלען גערופן אויף אַ סידור־קידושין. נאָסקע האָט זיך פאַרנומען צו זיין דער „פירער" און דער משמש. דער זאַל וואו עס איז פאָרגעקומען די חתונה איז גראָד געווען הארט נעבן דעם גרויסן יידישן טעאַטער אין לאָדזש. ס'איז געווען די צייט בעת דער עולם גייט אין טעאַטער. ווען נאָסקע איז אָנגעקומען צו שפּאַנען מיט פּנחסלען איז — סיי דער טעאַטער־בנין און סיי דער עולם וואָס האָט געשטראָמט אַהין — אים אויסגעקומען אַז דאָס איז דער זאַל פון דער חתונה. נאָסקע האָט זיך נישט לאַנג מישב געווען און מיט פּנחסלען גלייך אַריינגעגאַנגען אין פאָיע פון טעאַטער. פון טעאַטער־זאַל האָט מען געהערט ווי דער אָרקעסטער שטעלט־אָן די אינסטרומענטן. דאָס האָט נאָסקען נאָך מער געשטאַרקט אין דער זיכערקייט אַז ער האָט פּנחסלען אַהערגעבראַכט אויף דער ריכטיקער חתונה.

ס'איז אים גרייליך אַ ביסל קשה געווען וואָס מען זעט נישט קיין יידן אין אַטלעסענע קאַפּאָטעס. וואָס הייסט מאַמע „דייטשע" מחותנים? נאָר נאָסקע האָט ביי זיך געפּועלט, אַז דאָס זענען די מחותנים פון „יענעם צד". ער האָט נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות און אַ לאָז אַראָפּ געגעבן די רויטע פלאַמיקע פאות פון אונטער זיין סאַמעטענעם קאַשקעט.

דער טעאַטער־עולם האָט זיך אויך שטאַרק געחידושט און געמיינט אַז צוויי גרימירטע אַקטיאָרן זענען אַפּערגעקומען פון הינטער די קוליסן.

נאָסקע איז מיט האַסטיקע טריט צוגעגאַנגען צו עמעצן פון די טעאַטער־באַזוכער און מיט טיף־אַראָפּגעלאָזענע אויגן אויפן דיל, אַ פרעג געטון:

— וואו זיצט דער חתן?

אַז דער אויסטערלישער קווי־פּראָ־קוואָ איז אויפגעקלערט געוואָרן און מע האָט נאָסקען געזאָגט אַז סך־הכל געפינט ער זיך גאָר אין יידישן

טעאַטער, האָט ער פעסט צוריק פאַרבונדן די פאות אונטערן היטל און א געשריי געטון אויף א הויך רציחהדיק קול:

— פיכסל, לאָמיר אַנטלויפן. מיר זענען אין בתי תיאטראות וקרקסאות.

פנחסל איז שיעור נישט געפאַלן אין חלשות און ער האָט בחוש גע־פילט ווי עס ווערט אים פינצטער אין די אויגן. אויף דער צונג האָט זיך אים אויסגעדוכט צו שפּירן דעם טעם פון גיהנם־סמאַלע. נאָסקע האָט אים האַסטיק אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן.

אויף דער גאַס האָט נאָסקע אַ זאָג געטון צו פּנחסלען:

— פיכסל, קאָנסט נישט נײַן מסדר־קידושין זײַן. צוערשט מוזטו זײַן אין מקווה.

פנחסל האָט אַ פאַרחלשטער קוים אַרויסגעבעבעט:

— קוי...

די ביידע יידן זענען אַוועק אין מקווה. אויף דער חתונה האָט מען דערוויַיל אומזיסט געוואַרט אויף פּנחסלען און אים אַרומגעזוכט איבער לאָדזש.

# קאַפּיטל זיבן און דרייסיק

שעפּסעלע. ער הונגערט, נאָר די תורה מאַכט אים פעט און גיט אים אַ נגידיש בייכל. מעשי-נערות. שעפּסעלע וואַרט אויף אַ שדכן. וואו און ווי אַזוי שעפּסעלע לערנט זיך רוסיש. נטילת-ידים.

שעפּסעלע איז געווען דער דריטער אויסטערלישער ייד, וועלכן פּנחס ליכטנבערג האָט אַריינגענומען צו זיך אין שטיבל.

אין היפוך צו פּנחסל מורה־הוראה איז שעפּסעלע גראָד געווען אַ יידל ווי אַ פעסל, מיט אַ דיקלעך בייכל, מיט דיקע אויסגעפּאַשעטע נאָר זייער קורצע הענטעלעך און מיט דיקע קורצע פיסעלעך. דאָס קורצע בערדל זיינס איז אים עפּעס ווי צעריסן געוואָרן אויף די פעטע באַקן און האָט דעריבער אויסגעקוקט ווי אויסגעקראָכן. ווען שעפּסעלע איז נעגאַנגען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַ לעבעדיק פעסעלע קאָלערט זיך איבערן שטיבל. פון וואַנען האָט זיך צו שעפּסעלען גענומען אַזאַ פעטע און שמאַלציקע אויסגעפּאַשעטקייט, אַז סך־הכל איז ער געווען אַ ביטערער אָרעמאַן און היפּש צוגעהונגערט? סיידן פון דער תורה. פּנחסלען האָט די תורה אויפגעגעסן מיט די ביינער. שעפּסעלען האָט זי פעט געמאַכט, אים געגעבן לייב און אַ בייכל און געלאָזט בליען זיינע בעקעלעך מיט אַ זאַטער רויטקייט. אַזוי איז שוין דער מנהג פון דער תורה. יידן האָבן געזאָגט, אַז שעפּסעלע איז נאָר אַ שאַרפער למדן און ער האָט נאָך אַ פלינקערן קאָפּ פון פּנחסל מורה־הוראה, נאָר מחמת די געדאַנקען זענען ביי אים אַזוי שאַרף און די תורה פליט אים אין קאָפּ ווי אַ פייל פון בויגן, דעריבער קאָן ממש די צונג ביי אים נישט איינליגן אין מויל און די ווערטער קומען ביי אים אַרויס האַלבע און האַסטיקע און צעשטאַ־טענע ווי עמעצער וואָלט זיי געיאָגט איבער האַלז און נאַקן. סוף־כל־סוף האָט מען שעפּסעלען זייער שווער פאַרשטאַנען, הגם ער האָט מיט אַלעמען נאָר צוגעלאָזן גערעדט, געשיט מיט מאמרי־חז"ל און מיט גמרות און

ירושלמים וואָס נאָר זעלטן האָט עמעץ פון זיי געהערט. מע האָט געזאָגט, אַז שעפּסעלע איז טאַקע אַ גרויסער למדן, נאָר נעבעך אַ צעשרויפטער. דאָס האָט אים זיין שאַרפער קאָפּ אַזוי צעשרויפט און געמאַכט פון אים קאַשע. אַז אַ ייד קאָן נעבעך נישט דערטראָגן זיין אייגענע חריפות! ס'איז קיין וואונדער נישט. אַ ייד האָט נישט קיין ווייב — שרוי בלי אשה. שעפּסעלע געדענקט שוין אַליין נישט זינט ווען ער איז אַן אַלמן און וואַלגערט זיך אַרום אין אַלע שטיבלעך און עסט „טעג" באַגלייך מיט אַלע אָרעמע בחורים.

נישט געקוקט דערויף, וואָס שעפּסעלע איז שוין געווען אַן אַלטער ייד, האָט אָבער די לאַנגיאָריקע אַלמנשאַפט און דאָס כסדר זיין צוזאַמען מיט שטיבל־בחורים אין שעפּסלען דערצויגן אַ סך מעשי־נערות פון אַ בחור. ער האָט זיך כסדר געחברט מיט דער חסידישער יוגנט, גערעדט צו זיי אויף זיין פּלינקן חיתוך־הדיבור און געשיט מיט גמרות. הגם קיינער האָט אים כמעט נישט פאַרשטאַנען. ניטל האָט ער געשפּילט מיט זיי „קוויטלעך", און געהאָלפן מאַכן ,,מישקאַנטעס" צוזאַמען מיט אַלע שקאַצישע בחורים. בחורים פלעגן טיילמאָל אים אָפּטאָן אַ שפּיצל און דערציילן, אַז אַ שדכן האָט אים אַרומגעזוכט. — שעפּסעלע האָט תמיד אויסגעקוקט שדכנים. שעפּסעלע איז דערביי רויט געוואָרן ווי אַ יונג בחורל און אָנגעהויבן דוקר ודורש זיין וועגן שדכן און זיך מישב צו זיין מיט די בחורים וועגן אַ שידוך. ער האָט זיך דערביי האַפּערדיק געקוראַצט ביים אויסגעקראַכענעם בערדל און נאָך פלינקער און האַסטיקער געמאָלן זיינע ווערטער. בחורים פלעגן מיט אים אָפּפירן גאַנצע לצנות אין פּרט פון אַ שידוך, נאָר שעפּסעלע האָט נישט געוואוסט, אַז מע לאַכט פון אים. יידן האָבן געזאָגט אַז עס איז דערפאַר, ווייל דער שאַרפער מוח טראָגט אים.

אין איין פּרט האָט שעפּסעלע אַרויסגעוויזן געוואַלדיקע פרומקייט, און דאָס איז אין די ענינים פון בית־הכסא.

אין יענעם מקום פלעגט שעפּסעלע אָפּזיצן גאַנצע שעהן. עס איז כמעט ווי געווען זיין צווייטע היים. איידער נאָך ער פלעגט אַהין גיין האָט מען שוין געזען ווי שעפּסעלע מכינט זיך צו דעם גרויסן מאָמענט. ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן בחורים, געבעטן „אשר־יצר־פּאַפּיר", און

פאר אלעמענס אויגן די פאפירלעך צוזאמענגעלייגט מיט א זארגפעלטי־
קייט גלייך ווי עס וואלטן געווען די וויכטיקסטע דאקומענטן. דאן ערשט
האט ער אויפן הויכן קול געזאגט וואו אהין ער גייט.

אחוץ דעם וואס שעפסעלע פלעגט אפויצן שעהן אין בית־הכסא,
האט מען נאך פון אינעווייניק געהערט קרעכצענישן און אכצענישן, גע־
שרייען און א געריידעריי צו זיך ווי א גאנצער מנין יידן וואלטן דארט גע־
טון זייערע געברויכן. טיילמאל האט מען נאר געהערט ציילן אויף
רוסיש: „ראז, דווא, טרי". ווען שקאצישע בחורים האבן געפרעגט
ביי שעפסעלען וואס ער טוט אוועק אזא חושך בעת ער טוט זיינע גע־
ברויכן, האט ער געענטפערט, אז מחמת דער שארפער קאפ זיינער יאגט
אים מיט תורה, דערימאך טוט ער אלצדינג כדי אין בית־הכסא פון זיך
אוועקצויאגן די תורה וואס וויל אפילו דארט פון אים ניט אפטרעטן.
ער קאן אוועקיאגן זיינע שארפע געדאנקען סיידן נאר מיט געשרייען און
מיט געוואלדן. דערצו לערנט ער זיך דארט רוסיש, ווארעם טאמער
קריגט ער א שידוך און וועט ווערן א רב. פון דאנען שטאמט דאס „ראז,
דווא, טרי".

ווען שעפסעלע איז צוריק אריינגעקומען פון בית־הכסא אין שטיבל
אריין האט זיך ערשט אנגעהויבן די רעכטע עבודה מיטן וואשן. אויך
דא האט שעפסעלע געהאט זיינע באזונדערע פרומקייטן. וויפיל ער האט
זיך נישט געוואשן, האט זיך אים אויסגעדוכט אז עס איז נאך נישט גע־
נוג. דאס האט פארנומען א היפשע צייט. ער פלעגט אויף זיך ארויס־
גיסן גאנצע שעפן מיט וואסער און מאכן ארום זיך א בלאטע אויפן
דיל גלייך ווי אין פנחס ליכטנבערגס שטיבל וואלט געגאנגען א מבול.
צום סוף פלעגט ער זיך תמיד מישב זיין און אריינגיסן א פולע שעפ
וואסער אין די הויזן אריין. פון שעפסעלעס הויזן פלעגט זיך דעריבער
תמיד גיסן און טריפן מיט וואסער. אין די גרויסע ווינטערדיקע פרעסט
פלעגט טיילמאל דאס וואסער, וואס האט געטריפט פון זיינע הויזן, גע־
פרוירן צו ווערן, און פון שעפסעלעס תחתונים זענען אראפגעהאנגען גאנ־
צע צאפנס מיט אייז.

# קאַפּיטל אַכט און דרייסיק

ישראל און זיין זון וואָלף. צוויי פּרעסערס. ישראל מאַרקוס דערציילט חידושים פון חעקסלמאַנען. שיסלען און טעלערס ביי ישראל מאַרקוס. דאָס גרויסע רעטעניש פון דער גאַטהיים. דער רבונו של עולם קויפט זיך אויס די מערכה ביי ישראל מאַרקוס. ערב יום־כפור ביי ישראלן. ישראל מאַרקוס אין טלית און אין די זאָקן זאָגט יום־כפורדיקן פּיוט, נאָר אין זיינע געדאַנקען פּלאָנטערט זיך דער ליבער נאָמען פון חעקסלמאַנען. מען מעג שוין באַלד מילכיגס.

צו די טיפן אין פנחס ליכטנבערגס שטיבל האָבן אויך געהערט ישראל מאַרקוס און זיין זון וואָלף.

הגם — וואָס שייך כאַראַקטער און התנהגותן אין יידישקייט — זענען די דאָזיקע לייבלעך אַזוי נאָענטע מענטשן, געווען ווייטער איינער פון אַנדערן ווי פון מזרח ביז מערב, וואָס שייך גוף און פיזיאָנאָמיע, און דער עיקר אין די התנהגותן פון גוף־עניגים זענען זיי געווען נאָענט ווי עס קענען נאָר זיין א טאַטע מיט א זון. ביידע זענען זיי געווען הויכע און פולע, מיט ברייטע פּלייצעס, מיט גרויסע פליישיקע קעפּ וואו די וואַסערדיקע אויגן זענען ביי זיי געזעסן ווי ביי פרעש, און מיט משונה־דיק אָנגעבלאָזענע בייכער. ביידע האָבן זיי גערעדט מיט א פעט כאָרכ־לענדיק קול, און גערעדט הויך און סאָפּענדיק פון פעטקייט, און גערעדט ווי זיי וואָלטן הייזעריקע געשריען. ביידע זענען געווען שטאַרק קורצ־זיכטיקע און אָפּילו א סידורל געמוזט צו נעמען האַרט צו די אויגן. ניט מער, וואָס שייך דאָס גשמיות פון גוף איז עס ביים טאַטן ישראל מאַרקוס געווען אין גרעסערע און אין אומגעלומפּערטערע פּראָפּאָרציעס, ווי ביים זון וואָלף. ווען מען האָט געזען וואָלפן אַליין האָט זיך אויסגעדוכט אַז מ׳האָט פאַר זיך א ריז. קוים האָט זיך באַוויזן דער טאַטע, איז וואָלף אויסגעקומען עפּעס ווי פאַרקלענערט. א מיניאַטור־בילד פונעם ריזיקן

טאטן. אויך מיר א בויך! מיט ישראל מארקוסן האט זיך באוויזן א בארג פון גופישקייט. ער האט מיט זיך ממש פארשטעלט די זון.

אזוי ווי זיי ביידע, דער טאטע מיטן זון, זענען געווען גרויסע און באַרימטע אכלערס, איז די אכילה ממש געלעגן אויסגעגאסן אויף אלע פארמען פון זייער געשטאלט. ביי ישראל מארקוסן דעם טאטן האט זיך אויסגעדרוקט, אז דער מאגן זיינער איז גארגישט אומשטאנד צו פארדייען אלצדינג וואס ישראל ליינט אין אים אריין און די מאכלים לייגן זיך אומפארדייעטע און לעבעדיקע אריין אין זיינע איברים. ישראל מארקוסעס פלייש האט געשמעקט מיט טייג, און עס האט אויך אין זיך געהאט די קרענקלעכע בלאסקייט פון נישט־אויסגעבאקענע חלה. הגם ער איז געווען א ייד א נגיד און א מעקלער ביי לאדזשער הייזער, פונדעסטוועגן, אז ער האט נאר געהאט צייט, האט ער דערציילט פון עסן. און דערציילט אזעלכע ווילדע חידושים און באַרימעניש, ווי א גרויסער מייסטער פון זיין קונסט. ער האט זיך צ.ב. גערימט, אז ווען ער טוט נאר א בים אריין אין א שטיק פיש, ווייסט ער צי דער פיש איז א זכר צי א נקבה. ער האט געמאכט די קאמפליצירטסטע חילוקים צווישן א רעסטאראציע און א רעסטאראציע, און עס געמאכט מיט אזא קענערשאפט, אז נאר גרויסע מבינים האבן זיך דא געקענט כאפן. דער קעניג אבער פון אלע רעסטאַראטארן — אזוי האט ישראל מארקום מיט זיין פעט כארכלענדיק קול הויך געדרשנט צווישן די יידן אין פנחס ליכטנבערגס אלעקסאנדערער שטיבל — איז העקסלמאן פון ווארשע. און ער פוילט זיך טאקע נישט, ישראל מארקום, הייסט עס, צו פארלאזן אין א שיינעם טאג אלע לאדזשער הייזער און א פאר צו טאן קיין ווארשע צו העקסעלמאנען, אויף טועם צו זיין א שטיקל פיש. עס לוינט זיך די מי און די הוצאה. מע האט דערציילט, אז ישראל מארקום באשטעלט אין דער געשיר־פאַבריק פאר זיך באזונדערע גרויסע שיסלען און טעלער וואס זענען א סך גרעסער און טיפער ווי די געוויינלעכע שיסלען און טעלער. מחמת, ער זאגט, אז אין טעלער פאר נפלעך קאן ער נישט עסן. ער מוז האבן פאר זיך ליגן א פארציע, וועלכע זאל צו אים רעדן דיבורים, און נישט עפעס א מלופם־קינד.

ישראל מארקום האט גערעדט וועגן עסן מיט דער טיפער ערנסט־

קיים פון אַ פּילאָזאָף. ער האָט נישט ליב געהאַט קיין וויצן און קיין הומאָר וואָס שייך עסן. דער ענין איז אַ צו ערנסטער כדי מען זאָל זיך לייכטזיניק צו אים באַציען. אויפן הייליקן יום־כּיפּור האָט ער גע־קוקט ווי אויף אַ גרויס רעטעניש פון דער גאָטהייט. ווי קומט עס איר גאָר אויפן זינען צו מאַכן אַ טאָג אין וועלכן מען טאָר נישט עסן? דערפאַר האָט זיך דער רבונו של עולם בּיי אים אויסגעקויפט די מערכה וואָס שייך ערב יום־כּיפּור. ישראל מאַרקוס האָט פולשטענדיק מסכים געווען מיט דער גמרא, וואָס פּסקנט אַז דער וואָס עסט אין ערב יום־כּיפּור איז פּונקט אַזוי גוט ווי ער וואָלט געפאַסט אין יום־כּיפּור. כדי צו ווייזן זיין געוואַלדיקע צופרידנקייט מיט דער דאָזיקער גרויסער מצווה האָט זיך טאָקע אין די ערב יום־כּיפּורס אָפּגעטון חושך אין ישראל מאַרקוסעס קיך. מע האָט געקאָכט קאָרפּן וואָס זענען געווען אמתע לויתנס. אינדיקעס און געגנדז ווי די אָקסן און הינער ווי די פעטע קעלבער. קרעפּלעך ווי די אָנגעפּילטע זעק, און גאַנצע טעפּ מיט די פעטסטע און זיסטע צימעסן. ישראל מאַרקוס האָט זיך גאָרנישט אַרויס־גערירט פון דער עס־שטוב, דאָס הייליקסטע בית־המקדש בּיי אים אין דירה. ער איז געזעסן אויבנאָן בּיים ווייס־געדעקטן טיש און די שיסלען האָבן געפּאַרעט. ישראל מאַרקוס האָט אַלעמען אונטערגעיאָגט צום עסן, און אַלע מאָל דערמאָנט, אַז מאָרגן מוז מען פאַסטן. און דאָס וואָרט פאַסטן האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ אומהיימלעכער ביטערקייט, ווי עס וואָלט געווען די אומגערעכטיקייט פון אַלע וועלטן. בּיי דער סעודה־המפסקת — ווען ער האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט די פרומע ערב יום־כּיפּורדיקע מנחה און זיך אויסגעקלאַפּט על חטא — האָט ער נאָך אויפ־געגעסן אַ הון פון דער כּפּרה און אויסגעטרונקען אַ האַלבן טאָפּ מיט שוואַרצע קאַווע. דאַן האָט ער אַ זיפץ געטון: „יום־כּיפּור"! און זיך אויסגעטון די לאַטשן.

באַלד נאָך כל נדרי האָט ישראל מאַרקוס שוין געשפּירט ווי דאָס האַרץ חלשט אים פון הונגער, נאָר ער איז געשטאַנען—אין די זאָקן און אָנגעטון אין טלית און קיטל — אַריינגעשטופּט צווישן יידן אין קיטלען און טליתים, וואָס האָבן אויף אַ פּחדימדיק וויינענדיק קול געבּרומט די פּיוטים פון כל נדרי. די יום כּיפּור ליכט האָבן טריבּע געפלאַקערט אין

די קאסטנס מיט זאמד, און ישראל מארקוס האט מיטגעזאגט פיוט. ער האט געקוקט אויף די צעברומטע יידן און אויף די יום כיפור ליכט און וויפיל ער האט זיך נישט געזאלט פארשטעלן די פארכצומקייטן פון יום־הדין, האט ער דאך נישט געקענט ארויסיאגן פון זיינע פרומע גע־דאנקען דעם ליבן נאמען פון העקסעלמאנען אין ווארשע.

נאך דעם בייגאכטיקן יום־כיפורדיקן דאווענען, ווען די באקיטלטע יידן האבן זיך ענדלעך א ביסל אפגערוט, האט ישראל מארקוס ארויס־גענומען דאס נאלדענע זייגערל פון אונטער די פאלדן פון זיין קיטל. ער האט דאס זייגערל נאנט צוגענומען צו זיינע קורצזיכטיקע אויגן און א קוק געטון ווי שפעט ס׳איז. דאן האט ער אינמיטן דעם עולם יידן א זאג־געטון מיט זיין הויך כארכלענדיק קול:

— מען מעג שוין באלד מילעבדיקס.

און ער האט זיך תויך פונאנדערגעלאכט פון זיין אייגענעם וויץ.

# קאַפּיטל ניין און דרייסיק

וואָלף מאַרקוס. גוטער אַפּעטיט און יידישקייט. מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. געשרייע „מענטשן" מאַכן אים פאַר אַ נגיד. אַ יידענע ווי אַלע ווייבער. וואָלף פאָרט קיין וואַרשע אויף אַ חתונה. דער אַנזאָג פון טאַטן. וואָלף אין וואַרשע. אַ ברייטער מחותן אויף דער סאַליע. וואו איז דער שווער? וואָלף מיט אַ הבדלה צווישן די מחותנים. לחיים, שווער.

דער זון וואָלף מאַרקוס איז אויך געווען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן אָנהענגער פון דער אכילה, נאָר אין דעם פאַנטאַסטישן קולט פאַרן עסן ווי עס האָט געהאַט דער טאַטע ישראל. גענומען האָט עס זיך דערפון, איינמאָל, וואָס ביי זיין גאַנצער גרויסקייט און דיקקייט און ביי דעם גאַנצן פאַרנעם פון זיין בויך, איז וואָלף פאָרט געווען נישט מער ווי אַ קינדער־שפּיל לגבי דעם ריזיקן פאַרנעם פונעם טאַטן. צווייטנס, האָט וואָלף מער אַריינגעלייגט דעם קאָפּ אין פרומקייט און אין יידישקייט ווי דער טאַטע. ער איז געווען אַ לאַנגער דאַווענער, און כסדר זיך געמכינט. זיין ליבלינג ספר איז געווען דער „חיי־אדם" און אַנדערע פרומע ספרימלעך פון דינים און מנהגים. אַזוי, אַז ביי זיין גאַנצן גוטן אַפּעטיט, האָט אים דאָס יידישקייט אָוועקגענומען פון דעם עס־קולט אין וועלכן עס האָט אים דערצויגן זיין טאַטע ישראל מאַרקוס.

נאָר אויפן לאָדזשער באָדן האָט אַזאַ ייד ווי וואָלף מאַרקוס געקאָנט זיין אַ פאַבריקאַנט. ס'איז אים גראָד נישט שלעכט אָוועקגעגאַנגען אין מסחר. ווי אַזוי וואָלף האָט זיך געקענט אַריינפּאַסן אין די פּיפּיקייטן פון לאָדזשער מסחר, געהער אויך צו די וואונדער פון דער וואונדערלעכער מנחם־מענדל־שטאָט לאָדזש. לאָדזש האָט געהאַט אירע קאַפּריזן. איר איז דווקא געפעלן געוואָרן צו מאַכן וואָלפן פאַר אַ פאַבריקאַנט. לאָדזש האָט זיך נישט גערעכנט מיט קיין לאָגיק. סך־הכל איז דער גאַנצער וואָלף מאַרקוס געווען אַ ייד אַ בטלן און אַ צעקראַכענער. דער־

צו אַ שטאַרק קורצזיכטיקער, וואָס טאָמער האָט ער עפּעס אוועקגעלייגט פֿון דער האַנט, האָט ער עס שוין מער נישט געפֿונען. דער טאָג איז בײַ אים אויסגעקומען אַ צעדרייטער מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף. קודם־כּל האָט בײַ אים לאַנג גענומען צײַט זײַן דאַווענען, זײַנע שיעורים און זײַנע דינים־ספֿרימלעך. מחמת בטלנות און קורצזיכטיקייט האָט ער זיך דאָ עפּעס ווי קיינמאָל נישט געקענט אַרויסנראַבלען. אַלעמאָל האָט זיך אים איבערגעמישט אַן איבעריק בלעטל, און עס האָט אויסגעפֿעלט אַ שטיקל פֿון דאַווענען, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ זוכן מיט די קורצזיכטיקע אויגן אין סידורל. — עס איז אויסגעקומען, אַז בײַ זײַן נאָנצער פֿרעמערישקייט, האָט וואָלף באַוויזן צו עסן דעם אָנבײַסן ערשט היפּש נאָך צוועלף אַזייגער פֿאַרמיטאָג. אמת, אַז דערפֿאַר האָט ער געהאַט אַ דרײַפֿאַכן אַפּעטיט, אָבער פֿון וואָלפֿס טאָג איז דערווײַל געוואָרן אַ תּל. וועטשערע האָט ער גענעסן צוויי אַזייגער בײַנאַכט ווען אַלע אין הויז זענען געשלאָפֿן. די דינסטן, וואָס האָבן געדינט בײַ וואָלפֿן האָבן זיך פֿאַרשאָלטן די יאָרן. זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין טאָג און נישט קיין נאַכט בײַ דעם דאָזיקן פֿרומען און בטלנישן אַבלער. שטענדיק האָבן זיך געמוזט פֿאַר אים וואַרעמען די טעפּ אויף דער קיך.

ווי אַזוי ער האָט נאָך צײַט געהאַט צו פֿירן זײַנע לאָדזשער געשעפֿטן, איז אַן אַנדערע קשיא. יידן האָבן געזאָגט, אַז וואָלף מאַרקוס האָט הצלחה צו גוטע און טרײַע „מענטשן" וואָס האָרעווען פֿאַר אים ווי די אייזלען, מאַכן אים פֿאַר אַ גביר, און ער אַליין קאָן קיין קאָץ דעם ווײַדל נישט פֿאַרבינדן. שטענדיק אַרײַנגעטון אין דעם צעדרייטן טאָג פֿון זײַן דאַווענען און עסן.

צי וואָלף מאַרקוס האָט צומאָל אָנגעזען זײַנע גוטע און געטרײַע „מענטשן" אויפֿן פּנים, איז אַ גרויסע פֿראַגע. מחמת זײַן ווילדער קורצזיכטיקייט, האָט ער אַ מענטש דערזען סײַדן ערשט דאַן, ווען ער איז אויף אים כּמעט ווי אַרויפֿגעקראָכן. בײַ מאַנסבילן איז עס נאָך ווי־עס־איז געגאַנגען. ווײַבער איז וואָלפֿן כּמעט ווי אוממעגלעך געווען צו דערקענען. סײַדן בײַם קול. לצים האָבן געזאָגט, אַז וואָלף ווייס נישט ווער ס'איז זײַן אייגן ווײַב. עס איז טאַקע נישט ווײַט געווען פֿון אמת. און עס איז אים אויך נישט געווען קיין גרויסע נפֿקא־מינה צו וויסן ווי

זיין ווייב קוקט אויס. א יידענע ווי אַלע ווייבער. וואָס איז דאָ צו זען?

דאָס דאָזיקע ווילדע בטלנישע צעדרייטקייט אין וועלכער עס זענען פאַרגאַנגען די טעג פון וואָלף מאַרקוס האָט ער אויך אויסגעשפּרייט אויף זיין הויז־געזינט. ער האָט געהאַט אַ טבע צו געבן זיינע קינדער מאָדנע צעדרייטע נעמען, למשל, פּיוויש יחזקאל אָדער טרייטל גרונם. נעמען, וואָס עס זענען געווען שווער צו געדענקען און שווער אַרויסצורעדן.

אין לאָדזש האָט מען דערציילט אַ מעשה פון וואָלף מאַרקוס. די דאָזיקע מעשה שפּיגלט אָפּ זיין קורצזיכטיקייט, זיין בטלנות, זיין צעדרייטקייט, ווי אויך זיין גוטן אַפּעטיט.

דער שווער פון וואָלף מאַרקוס האָט חתונה געמאַכט פון וואַרשע. זעלבסטפאַרשטענדלעך — אויב וואָלף האָט נישט גוט דערקענט זיין אייגן ווייב, מכל שכן האָט ער גישט געהאַט די מינדסטע השגה ווי עס קוקן אויס דעם ווייבס שוועסטערן. עס האָט אים אויך נישט אינטערעסירט. וואָס איז די נפקה־מינה? מיידן ווי אַלע מיידן. פונדעסטוועגן, אַז אויב אַזאַ מויד האָט חתונה געהאַט, איז וואָלף געפאָרן. פאַרט מאַכט דער שווער חתונה.

דער טאַטע ישראל מאַרקוס האָט אים אָנגעזאָגט, אַז נישט געקוקט דערויף וואָס אויף אַ וואַרשעווער חתונה קאָכט מען גוטע פישן, אינדיקעס און צימעסן — פונדעסטוועגן — אויב שוין וואַרשע, מעג ער זיך אַ כאַפּ אַריין טון צו העקסעלמאַנען אין רעסטאָראַציע און ווייניקסטנס אויפעסן אַ פּאָרציע פיש. ער וועט דאָן וויסן וואָס עס הייסט חי־נעלעבט. ישראל האָט צוגעגעבן, אַז הגם ער איז אויך קורצזיכטיק, נאָר צו העקסעלמאַנען טרעפט זיך שוין. די פיס אַליין טראָגן. און ער האָט אים אָנגעזאָגט למען־השם ניט צו פאַרגעסן וואָס אַ טאַטע הייסט און אים גאָר פיין אָפּגעזעגנט. ביי וואָלפן איז אַ נסיעה קיין וואַרשע נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. די געטרייע „מענטשן" פון זיין געשעפט האָבן אים געמוזט העלפן פאַרפּאַקן אין דער וואַליזקע די אַטלעסענע קאַפּאָטע מיטן שטריימל. וואָלף מאַרקוס האָט זיך אַלעמאָל איינגעגראָבן מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן אין דער וואַליזקע כדי נאָכצוקוקן צי עס ליגן

נאָר דאָרט דער טלית־און־תפילין און דאָס ספרל „חיי־אָדם". זיין בכור פּייוויש יחזקאל האָט אים געמוזט באַגלייטן צו דער באַן און אים אריינ־זעצן אין וואַגאָן. אַלעמאָל האָט ער פּייוויש יחזקאלן פאַרלוירן פון די אויגן און אַלע מאָל האָט ער אויפן הויכן קול געשריגן: „פּייוויש יחזקאל"! און אָנגעכאַפּט אַ פרעמדן ייד ביי דער האַנט מיינענדיק, אַז דאָס איז פּייוויש יחזקאל.

עגדלער איז וואָלף מאַרקוס אָנגעקומען אויפן ווינער באַן־הויף אין וואַרשע. ער איז געבליבן שטיין מיט דער וואַליזקע אין דער האַנט אינ־מיטן דעם געטומל פון וואָקזאַל. מיט זיין קורצזיכטיקער ראיה איז ער אַרויפגעקראָכן אַלע מאָל אויף אַן אַנדערן יידן.

— כ'בין געקומען אַהער אויף אַ חתונה, האָט וואָלף מאַרקוס אריינ־געשריגן עפּעס אַ פרעמדן ייד אין די אויערן אַריין און אים עפּעס אָנ־געכאַפּט פאַרן אַרבל — ווייזט מיר אַ דראָשקע אויף צו פאָרן אין דער סאַליע.

דער פרעמדער ייד האָט וואָלפן אַרויסגעפירט אין גאַס און אַריינ־געזעצט אין אַ דראָשקע.

ווען וואָלף האָט דערפילט אונטער זיך אַ בענקל האָט ער אַ געשריי־געטון צום בעל־עגלה:

— כ'בין געקומען אויף אַ חתונה. פירט מיך אויף דער סאַליע.

די דראָשקע האָט געריהרט, און וואָלף מאַרקוס האָט פעסט אָנגע־האַלטן די וואַליזקע. ער האָט געהערט אַרום זיך דאָס גערויש פון וואַר־שעווער גאַסן, אָבער ער האָט גאָרנישט געזען מחמת קורצזיכטיקייט. ער האָט נאָר געזען אַז אין וואַרשע איז נאַכט און די דראָשקע האָצ־קעט זיך מיט אים אַ שלאַבעריקע איבער די וואַרשעווער שטיינער. וואָלף האָט געפילט שטאַרקן הונגער און ער וואָלט שוין געוואָלט זיין אויף דער חתונה.

פּלוצעם האָט זיך די דראָשקע אָפּגעשטעלט, און וואָלף האָט גע־הערט פון אויבערשטע שטאָק־פענצטער דאָס שפּילן פון קלעזמאָרים.

וואָלף האָט באַצאָלט דעם דראָשקאַזש און איז אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפּ לויטן שפּילן פון דער חתונה־מוזיק. אויף די טרעפּ האָבן אים געשטופּט אַלערליי יידן און אויסגעפּוצטע ווייבער. ער האָט זיך

מיטגעשטופט ערגעץ אין אַן ענג חדרל אַריין וואו עס איז געווען פול מיט ייִדן, מיט ווייבער און מיט פּאַלטנס. מע האָט געשריגן און געטומלט. וואָלף האָט אויך געשריגן אינמיטן דעם טומל פון די ייִדן, אַז מען זאָל צונעמען ביי אים די וואַליזקע און אים העלפן אָנטון די אַטלעסענע קאַפּאָטע מיטן שטריימל, מחמת ער איז דעם מחותנס אַן איידעם פון לאָדזש, און מען קוקט אים שוין מן־הסתם אויס אויבן אויף דער חתונה. אין גרויסן געשטופּעניש האָט עפּעס עמעצער צוגענומען ביי אים די וואַליזקע און אים געהאָלפן אַרויסנעמען די אַטלעסענע קאַפּאָטע מיטן שטריימל. וואָלף האָט זיך אָנגעטון ווי אַ ברייטער מחותן און מיט דעם שטראָם מחותנים ווייטער אַרויפגעגאַנגען אויף דער סאַליע.

ס'האָט געזשומעט פון ייִדן און ווייבער. וואָלף האָט קיינעם ניט געזען און איבערהויפּט ניט געטראָפן קיין שום באַקאַנט קול. ער האָט בלויז מיט זיין הויכער דיקלעכער שטים אַ האָפּערדיקער געשריגן אינ־מיטן פון די ייִדן: וואו איז דער שווער? און וואו איז דער חתן? ייִדן האָבן געזען עפּעס אַ דיקן מחותן אין אַן אַטלעסענער קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל, האָט מען אים צוגעפירט צו אַן אויבנאָן און אים אַריינ־געזעצט צווישן ייִדן. וואָלף האָט זיך מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן געשטופּט צו אַלע פּנימער וואָס זענען געזעסן אַרום אים. בלויז פרעמ־דע ייִדן. „מן־הסתם מחותנים פון יענעם צד" — האָט געטראַכט ביי זיך וואָלף מאַרקוס — „נאָר וואו איז דער שווער?" קיין סך טראַכטן האָט וואָלף נישט קיין צייט געהאַט, מחמת ער איז געווען הונגעריק און פאַר־נעם טיש אַראָפּ האָבן געשמעקט מחיהדיקע פרישע לעקעכער. וואָלף האָט זיך גענומען צו דער מלאכה און געקייט אויף אַלע באַקן. ער האָט נאָר אַלעמאָל צוגעשטופּט זיינע קורצזיכטיקע אויגן צו אַן אַנדערן ייִד און געזוכט דעם שווער. דערווייל האָט מען זיך גענומען צו באַזינגען דעם חתן. אַ בדחן האָט געזאָגט דברי־מוסר און די קלעזמאָרים זענען זיך פאַרנאַנגען אין אַ ווייגענדיקס.

ס'איז געקומען צו חופּה. אַ ייִד האָט אַריינגעשטופּט וואָלפן אין דער האַנט אַן אָנגעצונדענע הבדלה. וואָלף האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש באַגלייך מיט אַלע מחותנים. זיינע קורצזיכטיקע אויגן האָבן גע־זוכט דעם שווער. נאָר ניי נעפּין דעם שווער אין אַזאַ ווילר געשטופּע־

ניש. וואָלף האָט געטראָגן די צעפּלאַקערטע הבדלה און מע האָט אים אַרויסגעשטופּט עפּעס ערגעץ אין אַ דרויסן. אַ ווינט האָט אויף אים גע־בּלאָזן אונטערן שטריימל. די הבדלה וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט האָט אים זיס געריכערט אין דער נאָז אַריין, און אַרום אים האָט זיך געטראָגן אַ ריח פון ברענענדיקע הבדלות. ער האָט געהערט לייענען די כתובה, זינגען „מי אדיר", דאָס געפּאַטשעריי פון ווייבער און קולות פון „מזל־טוב". דאַן האָט אויפגעשפּילט די קאַפּעליע, און מען האָט וואָלפן ווידער אין געשטופּעניש אַריינגעפירט אין אַ גרויסער שטוב, און אים אוועקגעזעצט בּיי אַ לאַנגן טיש.

ער האָט ווידער צוגעשטעקט דאָס פּנים צו זיינע שכנים, געשמעקט מיט די קורצזיכטיקע אויגן. פרעמדע יידן. וואו איז דער שווער? און פּונקט זעצט מען אים תמיד אַריין צווישן „יענעם צד"? נאָר וואָלף האָט נישט ליב געהאַט לאַנג צו טראַכטן. פון טיש אַראָפּ האָבן גע־שמעקט וואַרעמע בּולקעס. וואָלף האָט זיך דערמאָנט וואָס זיין טאַטע ישראל האָט אים געזאָגט ווענן וואַרשעווער פיש. אפילו העקסעלמאַן איז אים געקומען אויפן זינען. סאַרווערס האָבן אַרומגעטראָגן צו וואַשן. וואָלף האָט זיך געוואַשן און זיך באַלד גענומען צו די פרישע וואַרעמע חתונה־בּולקעס.

עס האָט זיך אָנגעהויבּן די חתונה־סעודה. מע האָט וואָלפן אָנגע־לייגט פולע טעלערס מיט פישן, פליישן און צימעסן. אַלע טעמים פון גן־עדן האָבן זיך פאַר אים געעפנט פון די טעלערס. וואָלף האָט פאַר־געסן דעם שווער, דערפאַר האָט ער געטראַכט אַז מאָרגן — בּלי־נדר — צו מיטאָג כאַפּט ער זיך צו צו העקסעלמאַנען. לאָז דער טאַטע ישראל האָבּן הנאה. ער האָט געהערט, אַז ס'האַלט בּיי דרשה־געשאַנק, וואָרעם דער בּדחן האָט זיך גענומען צו זאָגן גראַמען און די קלעזמאַ־רים האָבּן אָנגעהויבּן צו שפּילן. וואָלף האָט זיך געגראַבּלט אין די טאַשן אַרויסצונעמען פון דאָרט דעם גרויסן זילבּערנעם בּעכער וואָס ער האָט מיטגעבּרענגט פון לאָדזש אויף דרשה־געשאַנק. דערווייל האָט ער מיט דער נאָז דערשפּירט אַז מע גיסט אים אָן ווייַן אין אַ גלאָז.

אַז ער האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבּ גלאָז וויין האָט ער זיך ווידער דערמאָנט אָן שווער. מע מוז דאָך פּאָרט אַמאָל זאָגן דעם שווער מזל־

טוב און לחיים. וואָלף האָט זיך נישט לאַנג מישב געווען, אויסגע־
שטרעקט זיין האַנט אַריין אינמיטן דעם עולם יידן און הויך א געשריי
געטון אויף זיין ברייטלעכן קול:

— לחיים, שווער! מזל־טוב, שווער! וואו איז דער שווער?

און ער האָט אָנגעכאַפּט עפּעס א ייד פאַר דער האַנט.

וואָלף האָט טיף צוגעבויגן זיינע קורצזיכטיקע אויגן צו עפּעס א
פּנים, די פרעמדע האַנט וועלכע ער האָט געהאַלטן האָט ער געדריקט און
געשאָקלט. ער האָט פאַר זיך געזען א געלע באָרד און א פּאָר גרויסע
פאַרוואונדערטע אויגן.

— שווער? — האָט וואָלף געשריגן דעם יידן אין פּנים אַריין.
נאָר דאָס קול האָט זיך אים באַלד געלאָשן.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז וואָלף מאַרקוס איז פאַרפאָרן אויף
א פרעמדער חתונה.

# קאַפּיטל פערציק

בײַ ר׳ מרדכי װאָלאַשטשאָװער אין שטוב. ר׳ מרדכיס חוזק־געזינגט. װײנען אין דער טונקלקײט. פּיניע! חמ... עס טריבן קראַנקע װײנען.

מיך נעמען דאַװענען אין פּנחס ליכטנבערגס שטיבל האָט געהײסן, אַזױ צו זאָגן, אַרײנפּירן אין דער גרױסער װעלט. כ׳בין שױן אַלט געװען בײַ אַ פערצן יאָר. נאָך אַ יאָר און איך װעל װערן אַ קאַנדידאַט אױף שידוכים. נאָר װאָס שײך שידוכים איז בלױז דאַװענען אין אַזאַ חשוב שטיבל װײניק. עס איז געקומען די צײַט אַז אױך איך זאָל אָנהױבן צו לערנען בײַ ר׳ מרדכי װאָלאַשטשאָװער.

אין די פריערדיקע קאַפּיטלען האָב איך שױן דערצײלט אַז גבירישע בחורים װעלכע האָבן געהאַלטן בײַ חתן־װערן, האָבן אָנגעהױבן צו לערנען בײַ ר׳ מרדכי װאָלאַשטשאָװער. ר׳ מרדכי איז געװען אײנער פון די גרעסטע לומדים אין לאָדזש און דערצו האָט ער געהאַנדלט מיט װײַן. עס איז געװען אַ סגולה צו אַ שידוך צו לערנען בײַ ר׳ מרדכין.

נאָך סוכות־צײַט, װען מיר זענען נאָר געהאַט צוריקגעקומען פון דלוטאָװ, האָב איך אױפגעהערט צו גײן אין די שבתים מיטן זײדן ברוך אין שטיבל פון גלאָװאַצקי און מוכניצקי. איך בין מיטגענאַנגען מיט מײַן פאָטער אין פּנחס ליכטנבערגס שטיבל, — מיך אָנגעקוקט מיט די גדולים פון אַלעקסאַנדערער חסידים. אָבער צוגלײַך האָט מיך מײַן פאָטער אין אַ זונטיק אינדערפרי אָװעקגעפירט צו ר׳ מרדכין.

װי איך האָב שױן דערצײלט, האָט מרדכי געװאױנט אין אַ פינצטערע נאַסע דירה, ערגעץ אױף אַ צװײטן הױף אױף צעגלאַנע גאַס. פון די װענט דאָרטן האָט געקאַפּעט דער װילגאַטש. די פענצטער זענען אַרױסגעגאַנגען אױף די הױפישע בית־הכסאס, און פון הינטער די שענק אַפער האָבן געשמעקט די פלאַשן אונגאַר־װײַנען װאָס זענען דאָרט סטאַרעסװײַז געשטאַנען.

ווען מיר זענען אריינגעקומען אינדערפרי, זענען די בעטן אין ערשטן חדר נישט געווען צוגעבעט. עפעס א ים מיט צעשויבערטע מיידן האָבן געשריגן. ר׳ מרדכי האָט געהאַט א סך טעכטער. אויף דער קיך האָבן זיך געקאָכט טעפּ. דערזעענדיק מיך און מיין פאָטער, איז פון צווישן דעם ים מיט מיידן אַפּערגעטרעטן א דיקלעכע שוואַרצע יידענע אין א שלאָף־קופּקע. זי האָט געשריגן אויף די טעכטער, אַז עס זאָל זיין שטיל, און א רוף געטון אין דער טיר פון צווייטן חדר:

— מרדכי, עס איז דאָ דער נייער תּלמיד.

פון דעם טיר־שפּאַלט האָט זיך אַרויסגעשטעקט א לאַנגלעכער איי־דעלער קאָפּ מיט א דינער גראָלעכע באָרד.

— ברוך הבא, — האָט דער קאָפּ ליבלעך געשמייכלט און אונדז אַריינגערופן אין א וויטערער שטוב.

אין ר׳ מרדכים שטוב איז געווען היפּש פינצטערלעך, מחמת די קעגנאיבערדיקע מויערן זענען כמעט אַזוי ווי געלעגן אויף די פענצטער. ס׳איז נאָך געווען פרי און ר׳ מרדכי האָט זיך געפּאָרעט ביי זיינע וויינען. אויפן טיש זענען געשטאַנען א סך אויפגעפּראָפּטע פלאַשן, און דער שווערער אַראָמאַט פון וויין האָט זיך געטראָגן אין דער פייכטער טונקל־קייט פון די נאַסע ווענט אין ר׳ מרדכים חדר. ביי די פענצטער אויף שטריקלעך זענען געהאָנגען איבערגעדרייטע וויין־פלאַשן מיט זעקעלעך אויף די העלדזלעך, און סע האָט זיך פון זיי געהערט א מאָנאָטאָנע טריפן פון וויין אין גרויסע גלעזערנע בוטלעס אַריין.

אין די דאָזיקע פּרימיטיווע מאַשינען האָבן זיך געפילטערט ר׳ מרדכים וויינען.

ר׳ מרדכי האָט פּלוצעם א געשריי געטון:

— פיניע!

פון צווישן די אין פינצטערלעכן צימער אַריין אַרויסגערוקטע שענק, — הינטער וועלכע עס זענען געשטאַנען די סטאַדעס וויין־פלאַשן — איז אַרויסגעקומען א קליין נפשל, א דיקס און א בלאָנדס, מיט קור־צע פיסעלעך און הענטעלעך, אין א לאַנגער געהאַקטער קאַפּאָטע און אין אַן אַלט יידיש היטל. עפּעס אַזוינס ווי א יידישער קאַרליק. דאָס

נפשל האָט אַ הויב אויף געטון אַ פּאָר גרויסע העלע אויגן און צו ר׳ מרדכין אַ בּרום געטון:

— הם . . .

— מאַך דיך פּאַרטיק מיט די ווײַנען, פּיניע, — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט, מיר וועלן זיך בּאַלד נעמען צו דער גמרא.

דאָס נפשל האָט ווידער אַ בּרום געטון און אַרונטער הינטער די שענק.

עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז בּאַגלײַך מיט די גבירישע בּחורים, וואָס האָבּן בּײַ אים געלערנט, האָט ר׳ מרדכי אויך געהאַט בּײַ זײַן שיעור אַן אָרעמען בּחור, וועלכער האָט געוואָלט לערנען בּײַ ר׳ מרדכין, ובשכר זה איז ער געווען די „צווייטע האַנט" אין ר׳ מרדכיס ווײַן־מסחר. דער אָרעם־בּחור האָט זיך געפּאָרעט בּײַ די ווײַנען, זיי גע־פילטערט, גענאָסן פלאַשן, אויסגעשריבּן אויף זיי קוויטלעך, וואָרעם ר׳ מרדכיס ווײַנען האָבּן אויף זיך געטראָגן נעמען, ווי לעבּעדיקע נפשות. ר׳ מרדכי פלעגט זיך מיט אַזאַ בּחור פּאַרשטײַן אויפן וואונק. ווײַן האָט אויך אַנדערע סודות. ער ווערט קראַנק גלײַך ווי דאָס בּייכל וואָלט אים ווײ־געטון, און מען מוז זיך מיט אים אומגיין ווי מיט קאַפּריזנע קינדער, — אויב נישט איז ער זיך גאָר מישב, דער ווײַן, און ווערט מוטנע און זויער און בּאַקומט אַ „שטאָך".

שטענדיק ווען מיר האָבּן געלערנט בּײַ ר׳ מרדכין, האָט מען געהערט דאָס קאַפּען פון די „קראַנקע" ווײַנען אין די איבּערגעדרייטע פלאַשן אויפן פענצטער, און תמיד איז די ווילגאָטש־לופט פול געווען מיט ווײַן־אַראָמאַטן.

# קאַפּיטל איין און פערציק

ר׳ מרדכים אופן פון לערנען. אַ מליץ און ער וואָלט אַלע אַפּיקורסים אוועקגעלייגט אויף דער קני. ר׳ מרדכי אויף דער גלייטש צוזאַמען מיט די לאָדזשער קונדסים. אונטערן אייז. דער חלום. ר׳ מרדכי איז זיך מישב. די גלוסטיקייטן פון דער תורה.

ביים לערנען האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּיניע איז געווען אַ שטיקל למדן און ער האָט זיך גוט צוגעפּאַסט צו דעם אופן ווי ר׳ מרדכי האָט געפירט זיין שיעור. ר׳ מרדכי האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעך טיפן און לאָגישן קאָפּ און ער האָט אַריינגעפירט אַ לאָגישן סיסטעם אין די פונאַנדערגעריסענע שקלא־וטריאָס פון דער גמרא. ער איז געווען זייער אַ רואיקער און געלאַסענער מענטש, און אַפילו ווען ער האָט מיט אונדז געלערנט אַ סוגיה און זיך באַנוצט מיט ספרי־פּלפּול, האָט זיך דאָס היציקע געפּעכט פון שפּיציקן שכל באַרואיקט אונטער ר׳ מרדכים אינטערפּרעטאַציע. ער האָט נישט ליב געהאַט דעם טיפון און דעם שטורעם־ווינט אין דעם ים־התלמוד. ער האָט געזוכט דאָס שטילע וואַסער...

אחוץ דעם האָט זיך ר׳ מרדכי געהאַלטן פאַר אַ שטיקל מליץ, געשריבן לשון־קדיש מיט הויכער ביבלישער מליצה, און הגם ער האָט קיינמאָל ניט געלייענט קיין ספרי־השכלה, נייערט בלויז אַמאָל געכאַפּט אַ קוק אין דער „הצפירה“ כדי צו זען וואָס די לצים זאָגן,—פונדעסטוועגן האָט ער געהאַלטן, אַז אויב ער וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט ער מיט זיין רואיקן און גלייכן שכל אַוועקגעלייגט אַלע אַפּיקורסים אויף דער קני און זיי וואָלטן אַנטשוויגן געוואָרן ווי די לעמעלעך. וואָס די אַפּיקורסים זאָגן, האָט ער זיך ניט גוט פאַרגעשטעלט. און ער האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען יידן־לומדים, ווי יצחק סאַטאַנאָווער און יעקב רייפמאַן, וואָס ווילן זייערע „דעות נפסדות“ באַווייזן מיט מאמרי הז״ל. עס לוינט זיך נאָר נישט

די מי אויף צו צעשמעטערן אזעלכע פוסטע קליינינקייטן. צו פארענט־פערן א הארבע קשיא אין א תוספות, איז פיל נוצלעכער און שווערער.

אין מיטן די שכלדיקסטע און קאמפליצירטסטע סוגיות פלעגט זיך ר׳ מרדכי אמאל אפשטעלן, זיך אליין אויסקנאקן די פינגער, ווי ער וואלט געזוכט עפעס אן אויטרייד. אויסריידן האט ער תמיד לייכט געפונען — און ער האט אנגעהויבן צו דערציילן פון זיינע קינדער־יארן אין לאדזש. ער האט דאמאלסט נישט געוואלט אנקוקן קיין יידיש ספר, א גאנצן טאג אויף דער גאס מיט אלע קונדסים. ווינטער, א גאנצן טאג אויף דער גליטש פון דעם טייך „לודקע". די „לודקע" איז נאך געווען א טייך באגלייך מיט אלע טייכן, האט צוגעגעבן ר׳ מרדכי, זי איז א ברייטע און א האפערדיקע געפלאסן צווישן די לאדזשער זאמדן. זומער זענען אויף איר ארומגעשוואומען גענדז און קאטשקעס, און טיילמאל גאר איז א גוי אויף א שיפל געזעסן אינמיטן דער „לודקע" און געכאפט פיש. נישט אזוי ווי היינט, ווען די „לודקע" איז א פארוויכערטע און א פארשטונקענע פון די לאדזשער פאבריקן, און אפילו אין די גרעסטע פרעסט אין ווינטער, באוויזט זי נישט צו פארפרירן, מחמת די הייסע קאכעדיקע וואסערן וואס פליסן אין איר כסדר אריין פון די גהינמדיקע קעסלען פון די לאדזשער פאבריקן.

—דאמאלס, — אזוי האט ר׳ מרדכי צוגעגעבן מיט א שמייכל און זיך אויסגעקנאקט די פינגער — זענען נאך אינמיטן לאדזש געוואקסן וועלדער און אין די ווינטערס איז די „לודקע" געווען א פארפרוירענע. קונדסים האבן זיך אויף איר געגליטשט טאג ווי נאכט. איך בין געווען פון דער ווייטער חברה און נישט אראפגעגאנגען פון דער „לודקע". איך האב געשמט אלס גליטשער און געפלויגן אויף דער „לודקע" ווי א פייל פון בויגן. דער טאטע האט מיך געשלאגן און געזאגט אז עס וואקסט פון מיר א גוי. דער רבי האט מיך מיטן קאנטשיק ארומגע־זוכט ביי די ברעגעס פון טייך. נאר ווער האט מיך געקאנט געפינען, אז איך בין געפלויגן מיט דער לאדזשער ווייסער חברה ווי די פויגעלעך איבערן אייז. — ביז... דער רבונו של עולם האט זיך אויף מיר מרחם געווען: אין א שיינעם ווינטער־טאג ווען איך האב מיך אזוי געגליטשט מיט די לאדזשער לאבוסעס, האט זיך פלוצעם דאס אייז

איינגעבראָכן אונטער מיינע פיס און איך בין אַרונטער אין וואַסער... וואָס ווייטער איז געווען ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז מע זאָגט, האַלב לאָדזשער יידן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן מיך צו ראַטעווען. איך בין געלעגן קראַנק אין גרויסער היץ, און איך געדענק נאָר, אַז אַמאָל ביינאַכט האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז אַן אַלטער ייד קומט צו צו מיין בעט, נעמט מיך פאַר דער האַנט, פירט מיך אין בית־המדרש אַריין, גייט מיט מיר צו צו אַ ספרים־אַלמער און זאָגט צו מיר: מרדכי, זיי זיך מישב.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז געווען נאָר אַ חלום. אַז כ'האָב דערציילט ווי דער אַלטער ייד האָט אויסגעזען, האָבן טייל געזאָגט, אַז ס'איז געווען ר' יצחק וואָרקער און טייל — אַז אליהו הנביא.

— אַז איך בין געזונט געוואָרן,—האָט ר' מרדכי ווייטער דערציילט און זיך געקנאַקט די פינגער, — האָט מיך אָנגענומען אַ גלוסטונג צו דער תורה. אַ חשק וואָס איז שטאַרקער געווען פון אַלע גלוסטונגען צו די גליטשן און צו די פייגעלעך אויף די ביימער. איך האָב מיך איננאַנצן איינגעטונקען אין די וואַסערן פון דער גמרא, און איך האָב געזען אַז אפילו וואָס שייך עולם־הזה איז די גמרא מער עולם־הזה פון אַלע עולם־הזהס. אַ סברא איז לייכטער און פלינקער ווי דער לויף אויף די גליטשן. דער שכל פון דער תורה איז שאַרפער און ליכטיקער פון אַלע שבע חכמות. די אַפּיקורסים מיינען טאַקע, אַז זיי ווייסן עפּעס... נו, געגוג דברים בטלים, לאָמיר זיך נעמען צו דער גמרא.

די קראַנקע ווינען האָבן געטראָפט אין די פענצטער, און ר' מרדכי האָט מיט וואונדערלעכער רואיקייט זיך אָנגעהויבן פונאַנדערצוגעמען אין דער סוגיה.

# קאַפּיטל צוויי און פערציק

ר׳ מרדכיס משפּחה־לעבן. פּאַטאָלאָגישער תוהו־ובוהו.

ר׳ מרדכי האָט זיך צו מיר פּאַמעלעך אָנגעהויבן צו באַציִען מיט זייער אַן אינטימער און איידעלער ליבשאַפט. ער האָט צו מיר אָנגעהויבן צו באַקומען סימפּאַטיע. בײַ די גאַנצע שאַרפקייטן פון זײַן גמרא־שכל איז ער געווען אַ לירישע און זייער אַ טראַגישע נאַטור. עס זענען אים אין מיר געפעלן געוואָרן די פּאָעטישע עלעמענטן אין מײַן וועזן, און דער עיקר — הגם איך בין אַ גבירישער בחור, האָב איך אין מיר קנאַפּ פון גבירישער צעבאַלעוועטקייט. איך האָב נעפיל פאַר יושר און האַלט מיך מיט אָרעמע בחורים — ווי פּיניע למשל — גלייך אויף גלייך. די טראַגישע זייט פון זײַן לעבן איז נאָר שווער צו שילדערן. אויב איך האָב מיך פאַרנומען עס צו דערמאָנען, איז עס נאָר דערפאַר, ווײַל פאַר אַ פרעמדן איז די דאָזיקע אויסטערלישקייט פון ר׳ מרדכיס פאַמיליען־לעבן ממש געלעגן אויף דער האַנט. אָט אָ דער איידעלער תלמיד־חכם האָט געלעבט אין אַ טראַגעדיע, פון וועלכער ער האָט אַליין אפשר נישט געוואוסט.

איך ווייס ניט פון וואָסער משפּחה עס האָט געשטאַמט ר׳ מרדכיס ווײַב, נאָר זיכער זענען דאָ געווען אַ סך פּאַטאָלאָגישע טיפּן. ר׳ מרדכיס ווײַב האָט די גאַנצע פּאַטאָלאָגישע ירושה פון איר משפּחה מיטגעבראַכט צו ר׳ מרדכין אין בעט אַרײַן. ר׳ מרדכי האָט אויסגעקוקט צווישן זײַנע קינדער ווי אַ הון וואָס איז געזעסן אויף גאָר פרעמדע אייער און אויסגעבריט גאָר אויסטערלישע באַשעפענישן. הגם פיזיאָנאָמיש זענען זיי, ר׳ מרדכיס קינדער, גראָד ענלעך געווען צום פאָטער, אָבער זעלטן אַז קינדער זאָלן פון דעם פאָטערס וועזן נישט ירשענען אויף דאָס מינדסטע. די טעכטער זענען געווען שרײַענדיקע, ביטרע

און גייציקע, אָבער סיי די ביטערקייט, און סיי די גייציקייט האָט בײַ טייל פון זיי אָנגענומען פאָרמען, וואָס זענען שוין אַרויסגעגאַנגען פון נאָרמאַלן סדר און היפּש געשמעקט מיט אוואַנטוריזם. די יעניקע פון די טעכטער, וואָס האָבן נישט באַוויזן מיט זייערע פּאַטאַלאָגישע נייגונגען אַרויסצוגיין פון נאָרמאַלן דרך, זענען געווען אומגעלומפּערטע נאַראָנים.

ר' מרדכי האָט קיינמאָל נישט גערעדט וועגן זיין משפּחה, אָבער ער האָט געליטן פון דעם גייסטיקן און מאָראַלישן דיסטאַנס. אין דער דאָזיקער פאַמיליע — וואָס האָט סך־הכל געוואוינט אין צוויי טונקעלע חדרים אין אַן אָפּגעלעגענעם הויף מיט די פענצטער אַרויס אויף די מויערן און אומריינקייטן פון אַ לאָדזשער הויף — האָבן זיך געשאַפן צוויי מאָראַלישע וועלטן: דער פּאַטאַלאָגישער תוהו־ובוהו פון ווייב און קינדער, און די שטילע איידעלע אַטמאָספערע צווישן די נאַסע ווענט פון ר' מרדכים שטוב, די אַטמאָספערע פון די איידעלע אַראָמאַטן פון אַלטע אונגאַר־ווייגען און די אַטמאָספערע פון ר' מרדכים תורה. די תורה איז אויך נעגליכן געוואָרן צו ווייַן.

וועלכע האָט זיי מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט, הארט און קאַנטיק און מיט
אַ פּלוצלונגן באַפעל — אַז ווייטער נישט. פּונקט ווי זיינע גופישע
כוחות האָבן מיטאַמאָל פאַרזאָגט און ס'איז אויף קיין פאַל נישט גע־
ווען מעגלעך זיי צו ברענגען דערצו ווייטער צו לייסטן, אַזוי איז עס
אויך געווען מיט זיינע גייסטיקע פעאיקייטן. איך געדענק, אַז איג־
מיטן לערנען ווען ר' מרדכי האָט זיך צעווייגט אין די טיפקייטן פון
זיינע אַנאַליזעס, איז פּיניע מיטגעגאַנגען מיט דעם גאַנצן שוואונג פון
ר' מרדכים סברות. פּלוצעם, אינמיטן דערין, האָבן זיך פּיניעס פעאי־
קייטן אָפּגעשטעלט אויף דעם האַרטנעקיקסטן אופן. ווייטער נישט.
און ער האָט זיך פּלוצעם פאַרוואַנדלט אין דער טעמפּקייט פון אַן
אַנאַלפאַבעט. ר' מרדכי האָט זיך געוואונדערט, וואָס פּיניע האָט
מיטאַמאָל אַראָפּגעלאָזן די פליגלען און רירט זיך נישט אַרויס פונם
טעמפּן ווינקל. פּיניע האָט נישט מער געטון ווי געברומט „הם" און גע־
בליבן זיצן מיט אַ טעמפּער האַרטנעקיקייט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע הע־
לע אויגן צו ר' מרדכין ווי אַ מענטש וואָס טרינקט זיך. ר' מרדכי פלעגט
זיך חידושן וואָס פּיניעס השגות האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט.
סוף־כל־סוף האָבן זיך אַלע צוגעוואוינט צו דעם דאָזיקן נישט דער־
וואַקסענעם מענטש. ר' מרדכי האָט אים אפילו ליב באַקומען און
געהאַלטן פון אים. געהאַלטן פאַר אַן ערלעכן און שטילן בחור, וואָס
שטייט אין די וואַסערן פון דער תורה ביז צום האַלדז און באַווייזט
זיך נעבעך נישט אין זיי אונטערצוטונקען.

צווישן מיר מיט פּיניען האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרוועבן אַן
אינטימע פריינטשאַפט. הגם פּיניע האָט געקאָנט בעסער לערנען פאַר
מיר, אָבער עפּעס אין מיר האָט אים אָנגעהויבן צו אימפּאָנירן. קודם־
כל, וואָס איך האָב דעמאָלסט אָנגעהויבן צו שרייבן העברעאישע שירים.
פּיניע האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן ווי אַזוי מען קאָן פּשוט
„אויסקלערן" פון קאָפּ פרייע פערזן און גראַמען, און אַלצדינג אויף
לשון־קדש. מיינע דאַמאָלסטיקע שירים האָב איך געוויזן ר' מרדכין.
אַזוי ווי ער איז אויך געווען אַ מליץ, האָט ער זיך געהאַלטן פאַר אַ
מבין אויף שירים. די שירים זענען געווען אומשולדיקע און געפילפולע.
פערזן וועגן דער שלעכטער וועלט און וועגן גערעכטיקייט און יושר.

# קאַפּיטל דריי און פערציק

פּיניע. אַ פיזישער און גייסטיקער קאַרליק. פּיניע אין די וואַסערן פון דער תּורה. איך לייען פּיניען מיינע כּתבים. איך באַשרייב סימבאַליש דעם זיידן בּרוך און די בּאַלומער „אחדות". ר' מרדכי האַלט זיי נישט פאַר אַפּיקורסים. פּיניע און די ווייבער. ר' מרדכי היימט זיך בּרענגען מיין „ספור", נאַר ער כאַפּט זיך נישט אויף דעם „באַהאַלטענעם מיין".

דער אָרעמער בּחור פּיניע, ר' מרדכיס „צווייטע האַנט" איז געווען אַ געמיש פון אַ קרעטין און אַ פּעאיקן מענטש. עס האָט אויסגעקוקט ווי דער רבּונו של עולם האָט אים אַלצדינג אָפּגעוואויגן און אָפּגעמאָסטן אויפן טראָפּן און אים אַרומגעשטעלט מיט האַרטע בּרעטער, אַז ווייטער זאָל ער נישט גיין אויף אַ טריט. פּיניע איז געווען בּיי זיך אַליין אין דער תּפיסה. אָבער אויפן שטח פון זיין תּפיסה האָט ער זיך פריי באַוועגט, און אַפילו מיט היפּשע פעאיקייטן.

זעלטן־ווען האָב איך געזען אַזאַ אויסערגעוויינלעכע האַרמאָניע צווישן גוף און נשמה ווי בּיי דעם דאָזיקן פּיניען. זיין גוף און נשמה זענען ענלעך געווען צו זיך ווי צוויי טראָפּן וואַסער. דער גוף איז געווען קליין, אָפּגעגרענעצט, קאַנטיק און האַרט. עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ קרעפּטיקער נאָרמאַלער מענטש האָט זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן וואַקסן. נאָך מער: ווי עמעצער וואָלט אים נישט געלאָזט וואַקסן, און אים אַרומגענומען מיט אַן אייזערנעם רייף. אַלצדינג איז בּיי אים, בּיי פּיניען, געווען קורץ און נישט דערלאַנגט. אַלצדינג בּיז צו אַ גרענעץ. אָבער בּיז צו דער דאָזיקער גרענעץ איז עס צוגעגאַנגען אויפן נאָרמאַלסטן דרך. פּיניעס נישט־אויסגעוואַקסענע איבּרים זענען אין זייער שטח אַפילו געווען גענוג קרעפּטיקע.

דאָס זעלבּיקע איז געווען מיט זיין גייסט. אַלע פעאיקייטן אין זיין וועזן זענען נאָרמאַל געוואַקסן בּיז צו דער אייזערנער פּענטע,

ר׳ מרדכי האָט אין די דאָזיקע מאָטיוון — וואָס זענען געווען אַרויס־געזאָגט אין אַ נעגראַמטן לשון־קדש — נישט געפונען קיין בייז. אַז דאָס שמעקט מיט באַהאַלטענער סימפּאַטיע פאַר דעם, וואָס עס טוט זיך צווישן די „יונגען" אין באַלוט, האָט ר׳ מרדכי ניט חושד געווען. ערשטנס: די דיסטאַנס צווישן מיר און באַלוט. צווייטנס: האָט ער באַלוטער „אחדות" כּלל נישט צוגערעכנט אויפן חשבון פון אפּיקורסות. כּדי צו זיין אַן אַפּיקורוס האָט מען אין ר׳ מרדכיס אויגן באַדאַרפט זיין אַ גרויסער למדן, צופּאַסן די פרייהייטלעכע דעות צו די מאמרי־חז״ל, אויספּשטלען אַפּיקורסישע געדאַנקען אין דער גמרא און קאָ־נען לייענען די „הצפירה". אַזוי ווי די באַלוטער רעוואָלוציאָנערע אַרעמקייט האָט נישט געהאַט די אַלע וואַלאַרן, האָט ר׳ מרדכי זייער פרייהייטלעכקייט נישט גענומען ערנסט. ס׳איז געווען אַ הפקר־זאַך, באַלוט. גלאַט געוואָלט אויסטון זיך פון יעדן עול פון יידישקייט. ווי אַזוי קען מען זיין אַן אַפּיקורס אַז מ׳קאָן נישט לערנען? יעקב רייפ־מאַן, און נחום סאָקאָלאָוו, אָט דאָס זענען אַפּיקורסים!

פיניע האָט זיך פאַמעלעך צו מיר צוגעבונדן. ווען מיר האָבן נישט געלערנט, בין איך געשטאַנען און צוגעקוקט ווי אַזוי פיניע גיסט פונאַנדער און פילטערט ר׳ מרדכיס וויינען. ר׳ מרדכי האָט פיניען געהאַלטן פאַר אַ זעלטענעם מבין אויף וויין, און ער האָט געזאָגט, אַז פיניעס צונג שפּירט טעמים, וואָס זעלטן אַ געניטער וויין־קיפער דערגרייכט. פיניע האָט קיינמאָל נישט געטרונקען קיין וויין, אפילו אין יום־טוב נישט. ער האָט געהאַט אַ פאַנישן ווידערווילן צו באַ־רוישנדיקע משקאות. אָבער ווען פיניע האָט נאָר צוגערירט זיין צונג צום וויין, געטשמאַטשקעט אַ ביסל מיט די ליפּן כּדי אַרויסצורופן די אינערלעכסטע זאַפטן און אַראָמאַטן פונעם איידלסטן געטראַנק, זענען זיי גראָד אויף דער צונג פון אָט־אָ דעם אויסטערלישן נפשל אַרויסגעקו־מען מיט אַלע זעלטנקייטן און פאַנטאַזיעס פון זייערע טעמים און אַראָמאַטן. גיי פרעג אַ קשיא אויף וויינען!

איך האָב פאַר פיניען אָנגעהויבן פאַרצולייענען מיינע געשריבענע זאַכן. שירים האָבן ביי אים אויסגעקוקט האָקוס־פּאָקוס, הגם ער האָט מיט גרויס באַוואונדערונג געקוקט ווי די גראַמען קלינגען אין די סוף־

שורות און עפעס פּאַרן זיי זיך. דערפאַר האָב איך אים געלייענט פּראָזע. איך האָב דעמאָלסט אָנגעהויבן שרייבן אַ דערציילונג אויף לשון־קודש, וואו עס ווערט דערציילט פון אַ ייִנגל פון רייכע עלטערן. עס זענען געווען די צייכנס פון דער צייט און פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט מיר אינערלעך אַזוי אימפּאָנירט, הגם עס האָבן מיך פון איר אָפּגעטיילט גאַנצע תהומות פון מיליע און שטאַנד. די דערציילונג איז געווען ווי אַ מין פּסיכישע בריק צווישן מיר און יענע הערהאַישע כוחות אין באַלוט. די גבירים — און דאָס מיינט מיין משפחה — זענען אַרויסגעקומען אין די שוואַרצסטע פאַרבן. שלעכטע האַרטהאַרציקע מענטשן, וואָס איזדיעקעווען זיך אויף אָרעמע־לייט. אפילו דעם טייערן זיידן ברוך וואָס האָט מיך אַזוי ליב גע־האַט האָב איך נישט געשוינט און אים אָנגערופן מיט אַ לשון־קודשדיקן נאָמען: „מטרד בן מי־זהב” — אַ גענג קאַפּולער שטאָך אויף זיינע מיליאָנען און זיינע וועלדער. דערפאַר זענען די אָרעמעלייט פון מיין משפחה אַרויסגעקומען אין מילך און אין האָניק. אַלע סימפּאַטיעס זענען געווען אַרויפגעלייגט אויפן פעטער אַברהמקעס זין, וואָס זענען געווען וועבער אין באַלוט, זענען קיינמאָל צו אונדז נישט אַרויפגעקומען און איצט האָט מען אויף זיי געזאָגט, אַז זיי באַלאַנגען צו די „אחדות”. די באָבע חיה האָט אפילו ניט געוואָלט גלייבן, אַז די מומע רויזעס קינדער זענען בכוח אַזעלכעס אָפּצוטון זייער פרומער מוטער. אויך דעם פעטער אברהמקעס זין האָבן ביי מיר געטראָגן לשון־קודשדיקע נעמען, ווי שמשון און אבינדב. איך אַליין — שאַלתיאל — בין אויסגעקומען די אומגליקלעכע און טראַגישע פיגור, וואָס געפינט זיך אַ געפאַנגענער אין אַ גאָלדענעם לייבן־גרוב און בענקט צו די העלדן שמשון און אבינדב. פּיניע האָט באַקומען פייכטע אויגן בעת ער האָט מיך געהערט לייענען. דאָס האַרץ איז אים איבערגעגאַנגען פון געפיל און באַוואונדערונג — געפיל פאַר די לאַנגע דרשות פון גערעכטיקייט וואָס שמשון און אבינדב האָבן ביי מיר געפירט אויף גאַנצע בלעטער און נישט געקאַרגט קיין זלזולים און שטראָף־רייד (אין אַ סטיל פון הויכער מליצה) אויפן חשבון פון מטרד בן מי־זהב: געמיינט מיין זיידע ברוך גזשיוואַטש וואָס סך־הכל האָב איך אים ליב געהאַט אהבת־נפש און

האָלט געהאַט צו הערן זיינע מעשיות. (אגב, האָב איך אים, דעם זיידן ברוך, אמאָל פאָרגעלייענט שטיקער פון מיין דערציילונג, אָבער ער האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז מיט מטרדן מיינט מען אים). דער עיקר האָט זיך פּיניע געוואונדערט ווי אַזוי קאָן מען עפּעס אויסטראַכטן זאַכן און אָנפילן מיט זיי גאַנצע בלעטער פּאַפּיר. ער האָט זיך קיינ־מאָל נישט געקענט פאָרשטעלן דעם שייכות פון אַ מענטשלעכן קאָפּ מיט אַ געדרוקטן ספר. נאָכן לייענען האָט פּיניע צו מיר אַ הויב געטון זיינע העלע אויגן וואָס זענען פייכט געווען פון געפיל און באַוואונדערונג און נישט מער געטון סיידן ווי אַ ברום־געגעבן: הם.

אמאָל צווישן די פּלאַשן וויין האָט פּיניע געמוזט דערציילן פון מיינע כּתבים. ר׳ מרדכי האָט מיך געהייסן ברענגען מיין „סיפּור״ כּדי אים איבערצולייענען. האָט ער זיך דאָך אַליין געהאַלטן פאַר אַ היפּשן מליץ. ווען כ׳האָב עס אים געבראַכט, האָט ער דערין געבלעטערט, געריימט מיין לשון, אָבער דעם סימבאָלישן מיין פון מיינע העלדן, וואָס איז געלעגן אָפן ווי אויף אַ טעלער, האָט ר׳ מרדכי נישט באַנומען. ער וואָלט עס גאָרנישט פאַרשטאַנען אַז מטרד בן מי־זהב איז סך־הכל דער זיידע ברוך גזשיוואַטש, און שמשון און אבינדב זענען די אחדות־יונגען פון באַלוט.

# קאַפּיטל פיר און פערציק

ר׳ מרדכילעס קליאַמקע. דער פרעמדער האָפערדיקער ייד אין פנחסעס שטיבל. נאָסקע ווערט געפלעפט. „אויב אַזוי איז עס אַ שדכן". מוצאי־שבת ביי אונז אין שטוב. „ווילן מיר דאָ, חייסט עס, קריגן דעם אמתן חייסן טיי און די אמתע איינגעמאַכטס". די כלה און שיר־השירים. שפּאַצירן אין די שמעקנדיקע סעדער פון דלוזמאַוו. די כלה אונטער דער צעריסענער אַטלאַסענער קאַפּאָטע. „ווער פון אייך איז מיין כלה?"

אין דעם ערשטן יאָר, וואָס איך האָב געלערנט ביי ר׳ מרדכין, האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אַז ר׳ מרדכים קליאַמקע איז אַ סגולה צו שידוכים. איינמאָל, שבת אינדערפרי ביים דאַווענען, איז אין פנחסעס שטיבל אַריינגעקומען אַ פרעמדער עלטערער ייד. ער האָט אויסגע־קוקט ווי פון ווייטע מקומות און נישט געכאַפּט דעם מינדסטן אָנבליק פון אַן אַלעקסאַנדערער חסיד. די אַטלעסענע קאַפּאָטע אויף אים איז געווען אַ צעריסענע און פול מיט צויטן. דערפאַר האָט ער געהאַט אַ פעט, קיילעכדיק און חוצפּהדיק בייכל, ווי אַן אמתער גביר. דער ייד האָט זיך בכלל אויפגעפירט האָפערדיק ווי ער וואָלט דאָ געווען אַן אַלטער תושב. ער איז אַרויפגעגאַנגען דאַווענען אויף דער מזרח־וואַנט האַרט דערנעבן, וואו עס איז געשטאַנען פנחס ליכטנבערג, האָט געקנאַקט מיט די פינגער ביים דאַווענען, געפּאַטשט מיט די הענט אויף דער וואַנט און אַלעמען איבערגעשריגן. — נאָסקע איז געווען אַזוי געפלעפט פון זיין נגידישער פאַרשייטקייט, אַז הגם דער ייד איז געווען אַ פרעמדער און אַן אומבאַקאַנטער, האָט נאָסקע אים מכבד געווען מיט אַן עליה. דער ייד האָט געמאַכט אַ ברכה ניט געאיילט, הויך און מיט אַ פרעמדלעך פרומער מתיקות. אַ מי שברך האָט ער געהייסן מאַכן עפּעס אַן אויסטערלישן רבין, און דערביי מנדר געווען אַכצן גראָשן, מיט אַ טאָן גלייך ווי ער וואָלט די וועלט גליקלעך גע־מאַכט.

נאָכן דאַווענען איז דער ייד צוגעגאַנגען צו מיר און מיר געטון אַ קניפּ אין בעקל.

נאָסקע האָט זיך פּלוצעם אַ לאָז אַראָפּ געגעבן די רויטע פּאות און צו מיר געזאָגט:

— אויב אַזוי, איז עס אַ שרכן.

מוצאי־שבת באַלד נאָך הבדלה האָט זיך ביי אונדז געעפנט די טיר און דער דאָזיקער פרעמדער ייד איז אַריינגעקומען מיט גרויס בריימקייט. ער האָט געטראָגן אויפן קאָפּ אַ הויכן און צעקנייטשטן סאַמעטענעם קאַשקעט וואָס איז אַזש געווען גרין פון אַלטקייט, און צווישן די ליפּן האָט ער געהאַלטן אַ דיקע גבירישע ציגאַר, וואָס איז געווען שאַרפער און בימערדער אין איר רויך, ווי דעם זיידן ברוכס וואָלוועלע ציגאַרן. דער ייד האָט געזאָגט אַ הויכן זינגענדיקן נוט וואָך און זיך געוואָנדן צו די ווייבער מיט אַ זיס שמייכעלע:

— ווען מיר דאָ, הייסט עס, קריגן די אמתע הייסע טיי מיט די אמתע איינגעמאַכטסן.

דערביי האָט זיך דער ייד אויסגעטון דעם פּאַלטן און איז גע־בליבן שטיין אין דער צעריסענער טלעסענער קאַפּאָטע.

עס זעט אויס, אַז מ'האָט זיך אויף דעם דאָזיקן ייד געריכט, וואָ־רעם די באָבע חיה איז באַלד אַריין אין קיך און געהייסן דערלאַנגען הייסע טיי און אַרויסנעמען די דלוטאָווער איינגעמאַכטסן, וואָס זי האָט איבער זומער געפּרעגלט מיט אירע אייגענע הענט. דער ייד האָט גע־טון אַ קוק אויף מיר מיט אַ פּיפּיק אייגל, מיט דעם אייגל פון אַ מבין.

מיר האָט געגעבן אַ זעץ אין האַרצן. איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אַ שרכן . . .

דער ייד האָט זיך מיט נגידישער פאַרשייטקייט אָוועקגעזעצט ביים טיש און געפּיפּקעט זיין גראָבע שאַרפע ציגאַר. ער האָט גערעדט ווי ער וואָלט דאָ אין אונדזער שטוב געווען אַ תושב, און דערציילט נייעס פון פּראָווינציעלע גבירישע משפחות. די דינסט האָט אַריינגע־בראַכט טיי מיט איינגעמאַכטס. דער ייד איז מיט ביידע אויגן אַריינ־

געקראָכן אינעם טעלער איינגעמאַכטס און דאָרט ארומגעגראַבלט מיט א לעפעלע.

ווען דער ייד האָט אויסגעזופּט עטלעכע קאַבעדיקע גלעזער טיי און אויפגעגעסן א האַלבן טעלער מיט איינגעמאַכטס, האָט ער א וואונק געטון צו מיין פאָטער. מיין פאָטער און מיין מוטער זענען אויפגע־שטאַנען, אריינגעגאַנגען מיטן פרעמדן ייד אין א באַזונדער חדר. איך האָב געהערט ווי מע פאַרמאַכט די טיר.

איך האָב געוואוסט, אז דער ייד האָט געבּרענגט פאַר מיר א גבי־רישע כלה ערגעץ פון זיינע וווּיטע מרחקים.

איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט קיין שוועסטער. בכלל איז אין אונדזער משפּחה געווען ווייניק מיידלעך אין מיינע יאָרן. איך האָב א סך געטרוימט וועגן א כלה. עפּעס א נאָענט ווייבּלעך נפש, וואָס זאָל מיך ליב האָבן, זיין צו מיר צאַרט און איבערגעגעבן. אלע מיינע מלמדים האָבן מיר געזאָגט, אז די שולמית פון שיר־השירים מיינט מען סך־הכּל די שכינה אָדער גאָר די כנסת־ישראל, און אלע ווייבּלעכע רייצן, וואָס ווערן דאָרט אזוי שמעקנדיק און זוניק באַשריבּן, זענען סך־הכּל די גלוסטיקייטן פון דער תורה און פון די תרי״ג מצוות, — פונדעסטוועגן האָבן זיך פאַרט אין מיינע פאַרשטעלונגען וועגן דעם מיידל, וואָס וועט צו מיר געהערן, אריינגעגנבעט היפּשע אנאַלאָגיעס צו די בילדער פון שיר השירים. איך בין נאָך זיכער געווען צי דאָס מיידל וועט הייסן שולמית. אָבער אין דער שיינקייט פון איר געשטאַלט, אין אירע רייד און אין אירע ליבע־שפּילן מיט מיר וועט עפּעס זיין אזוינס ווי אין שיר־השירים. זי וועט זיין א צאַרטע און א שטילע. אירע האָר וועלן זיין גאָלדיקע, און איר האַרץ פול מיט ליבשאַפט. זי וועט מיך רופן „דוד״ און גיין מיט מיר שפּאַצירן אין די שמעקנ־דיקע סעדער פון דלוטאָוו. מיר וועלן זיך ביידע אוועקזעצן אונטער אן עפּל־בוים. איך וועל איר פאָרלייענען מיינע לידער און מיין פּראָ־זע, און אפילו איר דערציילן פון מיינע סימפּאַטיעס פאַר די „אחדות־לייט״. זי וועט פילן דאָס זעלבע, וואָס איך. ווען קושן זיך מיט איר האָב איך דערוויילע נישט געטראַכט. הגם די איידעלע רויטקייט פון אירע פולע ליפּן האָט מיר כּסדר געשוועבט פאַר די אויגן.

אמת, איך האָב מיר איצטער שווער געקאָנט פאָרשטעלן אָט־אָ דאָס גאָלדיקע לאַכנדיקע מיידל אין שייכות מיט דעם האָפערדיקן באַ־בייכלטן ייד אין דער צעריסענער אַטלעסענער קאַפּאָטע. עס איז מיר טיילמאָל אויסגעקומען, אַז ער האַלט זי באַהאַלטן אונטער דער אַטלעסענער קאַפּאָטע און ווייזט זי דאָרט מיין טאַטן און מיין מאַ־מען... איך בין געזעסן אַליין ביים מוצאי־שבתדיקן טיש. מיר האָט זיך אויסגערוכט, אַז איך הער זיך שושקען הינטער דער פאַרמאַכ־טער טיר. אַלע פאַנטאַזיעס האָבן זיך צעשפּילט אין מיין צעהיצטן קאָפּ ווי סעדער אין צווייט. צווישן די דאָזיקע צעבליטע סעדער האָב איך געזען מיידלעך. כלות. העלע, בלאָנדע מיידלעך, ווי דאָס זון־ליכט און טונקעלע מיידלעך ווי שאָטנס אין די וועלדער... זיי האָבן מיך אַלע אָנגעקוקט און דורכגעשוועבט פאַר מיינע בליקן ווי אַ זיסער חלום. . .

איך האָב אויף זיי געקוקט און געפרעגט — ווער פון אייך איז מיין כלה?

# קאַפּיטל פינף און פערציק

ר׳ איציקל פלוימענבוים. שיינע מחותנים. ר׳ איציקלס „חויף" אין זאַלאָשין. תמיד שבע־ברכות. ר׳ איציקלס גאָרטן. וואָס ווייסן זאַלאָשינער חייטים? וואַרשעווער נוסח. קאָטשן. זאַלאָשין און וואַרשע.

הגם מע האָט עס דערווייל געהאַלטן פאַר מיר בסוד, פונדעסטוועגן בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מע רעדט מיר אַ שידוך — טאַקע נישט מיט די וואַרשעווער פּריוועסעס פון וועלכע די קאַלישער רביצין האָט כסדר דערציילט. אפנים זענען די פּריוועסעס צו הויכע מענטשער פאַר ברוך גזשיוואַטשעס אַן אייניקל. דער מחותן איז געווען איינער פון די באַקאַנטסטע וואַלד־סוחרים אין פּוילן, ר׳ איציקל פלוימענבוים פון זאַלאָשין.

צווישן די יידישע וואַלד־סוחרים אין פּוילן האָט ר׳ איציקל פלוימענבוים פאַרנומען אַ באַזונדערן פּלאַץ. ס׳זענען געווען גרעסערע נגידים פון אים צווישן וואַלד־סוחרים. דער יחוס ר׳ איציקלס, איז אויך נישט געווען אַזאַ געהויבענער. מיט תורה וואָלט אים ר׳ יעקב ענגעלמאַן פאַרשטעקט אין אַ וועסט־טאַש. ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט נאָר געהאַט אַנדערע וואָלאָרן. דער ייד האָט געהאַט איין ליידנשאַפט: שיינע מחותנים!

אַזוי ווי ר׳ איציקל האָט קיין עין־הרע געהאַט אַ סך קינדער, האָט ער זיך דעם דאָזיקן יצר־הרע געקענט נאָכגעבן ביד־רחבה. תמיד האָט ער געהאַלטן ביי שידוכים טון. שדכנים האָבן כמעט ווי געוואוינט אין זיינע גבירישע סאַליעס. ר׳ איציקל איז כסדר געווען פאַרטון אין דעם אויסקלייב פון שיינע מחותנים. שדכנים האָבן זיך נישט געפוילט און געברענט. ר׳ איציקל האָט געגעבן די שיינע נדנים. צען טויזנט קאַרבן — און דאָס שענסטע שדכנות־געלט. ער האָט געהאַלטן פון „לעבן און לעבן לאָזן". ר׳ איציקל האָט טאַקע געהאַט אויף צו ווייזן אַ היפּשן צעטל פון שיינע מחותנים וואָס האָבן באַשיינט און באַקרוינט דעם ווייַן־גאָרטן פון זיין הויז־געזינט.

איך וועל אומישנע אויסרעכענען נאָר אַ טייל פון זיינע שיינע מחותנים כדי דער לייענער זאָל זען, אַז ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט פאַמעלעכל, פאַמעלעכל דערגרייכט דעם גרויסן ציל פון זיין לעבן.

מיט די ווארשעווער פריוועסעס האָט ער זיך משדך געווען אַזש צוויי מאָל. אַ זון פון ר׳ ישעיה פריוועסעס בכור, — ר׳ שמואל ליוו־בעלע פריוועס — האָט ר׳ איציקל זיך אויסגעקליבן פאַר אַן איידעם. אַ טאָכטער פון אַ צווייטן זון ר׳ ישעיהס, — ר׳ אברהמעלע פריוועס —איז געווען ר׳ איציקלס אַ שנור. דאָס אַליין האָט שוין געהייסן פון שענסטן און בעסטן פון די יידישע גבירישע משפחות אין פוילן. מיט אַזאַ פאַרמעג אַליין קאָן מען שוין גיין אויפן ווייטערן געיעג נאָך שיי־נע מחותנים. דער מיליאָנערישער פאַבריקאַנט ר׳ משה אהרן ווינער פון לאָדזש האָט אויך באַצירט מיט זיינס אַ זון ר׳ איציקלס קאָלעקציע. ר׳ חיים ליפשיץ פון געמזעוו — הגם אַ ייד אַ בטלן — איז געווען פון די שיינע וואַלד־סוחרים אין פוילן. אַ מחותן מיט די גרויסע גבירים אין פוילן. מיט דעם אַליין איז ר׳ חיים ליפשיץ אויך געוואָרן אַ שיי־נער מחותן און האָט — נישקשה — געקאָנט זיין אַ בלימל אין דעם בוקעט וועלכן ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט מיט גרויס ווירדע געטראָגן צווישן די יידישע גבירים אין קרוין־פוילן.

קיין איינגטלעכע גיטער וואו ער זאָל פאַרלייגן זיין רעזידענץ האָט ר׳ איציקל נישט געהאַט. ער האָט געקויפט וועלדער און זיי אויסגע־האַקט. ווען ס׳זענען איבערגעבליבן פון די וועלדער נישט מער ווי פיענקעס, האָט זיי ר׳ איציקל געזאָגט דעם שיינעם „זיי געזונט". פאַרט האָבן זיך די שיינע מחותנים געמערט ביי אים ווי אויף הייוון. וויפיל ר׳ איציקל טוט שידוכים, הויבט זיך נאָך נישט אָן. עס שטייען נאָך אין דער ריי אַ סך פון זיינע זין און טעכטער. און איבער די פליינען פון פוילן וואַרטן נאָך אַ סך שיינע מחותנים וואָס באַדאַרפן באַשיינען און באַקרוינען ר׳ איציקלס קאָפּ.

אין אַן עק פון שטעטל זאַלאָשין וואו ער איז געווען אַ געבוירע־נער — פוילישע יידן האָבן אין זיך געהאַט איינגעזעסנקייט, זיי אין שווער אָנגעקומען זיך אַרויסצורייסן פון אָרט — האָט זיך ר׳ איציקל פלוימענבוים אויסגעבויט אַ גרויסן פאַלאַץ מיט אַ סך חדרים און סאַ־ליעס. תמיד האָבן ביי אים עפּלעכע איידעמס געגעסן קעסט. תמיד זענען געקומען די שיינע מחותנים אויף חתונות און שבע־ברכות. ביי ר׳ איציקלען האָבן כמעט ווי נישט אויפגעהערט צו שפּילן די קלעזמער.

די שיינע מחותנים האָבן אַלע געוואוינט ביי ר׳ איציקלען אין פּאַלאַץ. אויך די מחותנתטעס וואָס זענען געקומען אויף צו „באַשויען״ זיינע טעכטער זענען פאַרבליבן נעכטיקן ביי ר׳ איציקלען אין פּאַלאַץ. די שענסטע גבירטעס פון פוילן — בלייבנדיק איבער נאַכט אין זאַלאָשין — וועלן דאָך נישט גיין שלאָפן אין אַן אכסניה אין דערנעבנדיקן יידישן שטעטל. שפּעדיקע וואַרשעווער וועטשערעס האָבן זיך געקאָכט אין די קיכן פון ר׳ איציקלס פּאַלאַץ. קעכינס האָט מען ביי ר׳ איציקלען נאָר גענומען פון וואַרשע און רק אַזעלכע קעכינס, וואָס האָבן שוין געהאַט געדינט ביי די פּריוועסעס.

ארום זיין פּאַלאַץ אין עק פון שטעטל זאַלאָשין האָט ר׳ איציקל געלאָזט פאַרפּלאַנצן אַ גרויסן גאָרטן מיט אויבסט־בוימער ווי אויך אַנדערע גלוסטיקע בוימער, כדי צו געבן זיין זאַלאָשינער פּאַלאַץ דאָס פּנים פון אַ פּריצישן הויף. ר׳ איציקל איז נישט געגאַנגען דאַווענען אין זאַלאָשינער שול צוזאַמען מיט די פּשוטע זאַלאָשינער יידן, נייערט ער האָט ביי זיך אין פּאַלאַץ געמאַכט מנין, וואו ער האָט געדאַוונט צוזאַמען מיט זיינע מקורבים, מיט זיינע „מענטשן״, שרכנים, זין און איידעמס. דאָס דאַזיקע גאַנצע גבירישע קלאַפּער־געצייג פון ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט פאַרנומען אַ שיין רעשטל יידן, וואָרעם אויך פרעמדע יידן אורחים האָבן זיך געוואַלגערט אין ר׳ איציקלס פּאַלאַץ, באַקומען דאָרט די שיינע נדבה און דאָס גוטע עסן, און צעטראָגן ר׳ איציקלס נאָמען און נדיבות איבער גאַנץ קרוין־פוילן און איבער אַלע הייזער פון זיינע שיינע מחותנים. ר׳ איציקל איז געוואָקסן צוזאַמען מיט דעם, וואָס ס׳זענען אונטערגעוואַקסן זיינע קינדער, און שרכנים האָבן אים געבּרענגט די גאָלדענע טעלערלעך פון פוילן.

אַז ר׳ איציקלס שנורן און טעכטער זענען נישט געגאַנגען אין דער שטאָטישער מקווה פון זאַלאָשין, נייערט ר׳ איציקל האָט אינמיטן פון זיין גאָרטן אויסגעבויט אַ מקווהלע פּונקט ווי אין גלאָזנאָוו ביי ר׳ יעקב ענגעלמאַן — פון דעם איז אָפּגערעדט.

הגם אין זאַלאָשין זענען געווען געגנוג יידישע חיטים, פּוגדעסט־וועגן האָט מען זיך אין זאַלאָשינער הויף קיינמאָל, די מינדסטע זאַך, נישט געלאָזט אויפנייען ביי די היימישע שניידערוקעס. וואָס ווייסן

זאַלאָשינער חייטים ווי אַזוי גבירים דאַרפֿן זיך אָנטון? מע קאָן נאָך צווישן די שיינע מחותנים אויסקוקן ווי אַ פּראָווינצער לעמעשקע. אַלצדינג האָט מען זיך געמאַכט אין וואַרשע. ר׳ איציקל און זיינע זין האָבן זיך דאָרט געלאָזט אויפֿנייען זייערע קאַפּאָטעס. אַפֿילו שוב־וואַרג האָט מען זיך געקויפֿט אין וואַרשע. מע האָט נישט געטרויט זאַלאָשין. ר׳ איציקלס טעכטער זענען גאַנצע וואָכן אָפּגעזעסן אין וואַרשע כּדי צו פּאַסן און צו לאָזן נייען זייערע קליידער און צו קויפֿן זייערע היט און זייערע אַנדערע ווייבערישע הצטרכותן, און אַלצדינג דאָרטן וואו די וואַרשעווער גבירטעס האָבן געקויפֿט זייערע זאַכן. אין וואַרשע איז מען זיך צוזאַמענגעקומען מיט דער גרויסער וועלט פֿון יידישע נגידים און מען האָט אויף זיך גענומען גבירישן וואַרשעווער נוסח. וואָרעם אין וואַרשע האָבן אַ סך פֿון ר׳ איציקלס אויסגעגעבענע זין און טעכטער געוואוינט און געגעסן קעסט. די ייִנגערע קינדער וואָס האָבן געהאַלטן ביי שידוכים, זענען ביי זיי אָפּגעוועזן לאַנגע וואָכן, אָנגעזען זיך מיט וואַרשעווער נגידותשאַפֿט און געפֿאָרן שפּאַצירן אין די לאַזשענקעס.

ווען מען איז אַהיים געקומען צוריק קיין זאַלאָשין, האָט אַ שאַרפֿע קאַטש אָפּגעוואָרט ביים באַנהויף. הגם עס איז נישט ווייט געווען פֿון באַנהויף אַהיים צום פּאַלאַץ, זענען אָבער ר׳ איציקלס טעכטער קיינמאָל נישט געגאַנגען צו פֿוס. מען האָט געוואָלט ווייזן דיסטאַנס צווישן זיך און דעם אָרעמען שטעטל. אַהיימקומענדיק פֿון וואַרשע און פֿאָרנדיק אויף דער קאַטש איבער די זאַלאָשינער געסלעך, האָט דאָס שטעטל זאַלאָשין באַקומען אין די אויגן פֿון ר׳ איציקלס טעכטער נאָר דאָס פּנים פֿון אַן אָרעמען חוזק. דער טעם פֿון וואַרשע איז זיי נאָך געלעגן אויף די ליפּן. זאַלאָשינער יידישע קרעמלעך קעגן די וואַרשעווער גרויסע קראָמען אויף מאַרשאַלקאָווסקע און נייע וועלט, זאַלאָשינער בלאָטעס אַקעגן די געפּלאַסטערטע גאַסן פֿון וואַרשע און די אויאַזדאָווער אַלייען!

ניין. ר׳ איציקלס טעכטער האָבן פֿאַר זאַלאָשין געהאַט נישט מער, סיידן ווי אַן איראָנישן שמייכל, און זענען צופֿרידן געווען ווען זיי זענען שוין ענדלעך געווען ביי זיך אין פּאַלאַץ און ביי זיך אין גאָרטן.

# קאַפּיטל זעקס און פּערציק

די גאָלדענע גלאָקן קלינגען נישט אין ר׳ איציקלס אויערן. די ביטערע ראָזשינקע. אַ סוד פאַר בראָד. ר׳ איציקל גייט אויסשמירן די פּרי־וועסעס מיט סאָדזשע. ר׳ איציקל זעט אין זיינע שטילע מחשבות ר׳ יעקב ענגעלמאַנען. שווער באַוואָרענען דעם נסיון.

הלמאַי זאָל איך לייקענען: ווען שדכנים זענען געקומען צו ר׳ איציקלען אין זיין זאַלאַשינער פּאַלאַץ און אים אָנגעשלאָגן דעם שידוך מיט מיר פאַר זיין אסתרן, דאָס עלטסטע טעכטערל פון צווייטן ווייב, איז דער שידוך אים נישט געווען שטאַרק צום האַרצן. תחילת האָט זיך ר׳ איציקל אַ קראַץ געטון אונטער זיין שיינער גבירישער באָרד. שדכנים האָבן מיט גרויס האָפערדיקייט דערציילט פון די ייִחוסים, ר׳ יצחק וואָורקער, ר׳ ישעיהלע פּראַגער און ר׳ יהושיעלע קוטנער — נעמען, וואָס האָבן באַדאַרפט אין ר׳ איציקלס אויערן צו קלינגען ווי גאָלדענע גלאָקן. אָבער ר׳ איציקל האָט געהאַט זיין נוסח אין אויס־קלייבן פאַר זיך שידוכים. דער ייד האָט געהאַט סטיל און ער האָט זיך נישט געוואָלט פּטרן אויף אַלע וועגן. ער איז נישט געלאָפן אויף רבישן און רבנישן יחוס. ער איז געלאָפן אויף שיינע מחותנים נבירים. אויף דעם דאָזיקן וועג האָט ער זיך שוין געוואָלט האַלטן ביז צום ייִנגסטן קינד. און ער האָט געוואָלט זען דעם מחותנים־בוקעט אַ שיינעם און אַ פולן.

דער נאָמען ברוך גזשיוואַטש, וואָס האָט געזאָלט זיין די גבירישע ראָזשינקע אין דעם שידוך מיט מיר, איז אויף ר׳ איציקלס צונג געווען נאָר אַ ביטערע ראָזשינקע, און ער האָט געזען ווי ברוך גזשיוואַטש אינמיטן דעם קראַנץ פון שיינע מחותנים קוקט אויס ווי אַ דאָרן צווישן רויזן און ער קאָן אים, ר׳ איציקלען, מאַכן אַ תל פון אַ גאַנץ לעבן אַרבעט. אַזוי פיל מי און פּראַצע און אַזוי פיל שווערע טויזנטער גדן! עס

איז געווען א סוד פאר בראד, אז סך־הכל איז ברוך גזשיוואטש א זון פון א פשוטן דארף־מילכיקן, האט א משפחה, קיין עין־הרע, פול מיט שניידערס און שוסטערס און אנדערע באלמעלאכעס. דער דאזיקער ברוך גזשיוואטש טוט נישט דאס מינדסטע כדי זיך אויסצופיינערן, רק פירט זיך אויף ווי ער איז געוואוינט געווען פון זיין טאטנס הויז. דער ייִד קאן זיך אפילו נישט אפגעוואוינען פון צו עסן צום אנבייסן פויערישן בארשטש מיט קארטאפלעס. דעם ויידן ברוכס בארשטש האט זיך, נישקשה, געלאזט הערן איבער פוילן. און גיי און טו אזא שידוך! ר׳ איציקלען האט זיך אויסגעדוכט, אז מיט די איינענע הענט שמירט ער אוים די פריוועסעס מיט מאדזשע. די שיינע געלע באָרד פון ר׳ אברהמעלע פריוועס האט אים געשוועבט פאר די אויגן ווי א רוח צום געוויסן. ווארעם אין דער אמתן האט ר׳ איציקל גאר געחלומט וועגן דער שענסטער בלום, וואס פעלט אים נאך אין דעם בוקעט פון שיינע מחותנים, און דאס געמלעך, ר׳ יעקב ענגעלמאן.

ר׳ איציקל פלוימענבוים האט זיין גאנץ לעבן געטשאטעוועט אויף ר׳ יעקב ענגעלמאן, און ער האט זיך נאר פארגעשטעלט זיינע שיינע מחותנים מיט ר׳ יעקבן בראש. קיין שענער און הערלעכער בילד האט זיך ר׳ איציקל גארנישט געקענט פארשטעלן אין זיין לעבן. אבער ר׳ יעקב ענגעלמאן האט שוין לאנג געהאט אויסגעגעבן זיין מוזיניקל, און ר׳ איציקל איז געבליבן אין דרויסן. ר׳ איציקל פלוימענבוים האט נישט געזאגט פאס. אויב נישט ר׳ יעקב ענגעלמאן אליין אלס מחותן, זאל כאטש עמעצער פון ר׳ יעקב ענגעלמאנס אייניקלעך זיין דער איי־דעם. ס׳איז טאקע נישט דאס זעלבע, אבער פארט וועט ר׳ יעקב ענגעלמאן זיין א מחותן. עלעהיי מיט ר׳ ישעיה פריוועס האט ער זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיט בלויזע אייניקלעך.

אזוי האט ר׳ איציקל געטראכט אין זיינע שטילסטע מחשבות. ווען דעם צווייטן ווייבס עלטסטע טעכטערל, אסתר, האט אנגעהויבן אונטערצוואקסן צו א כלה־מיידל, האט ר׳ איציקל אנגעהויבן צו קוקן די שדכנים אין די הענט אריין. ער האט געזוכט דארט די זאמען פון ר׳ יעקב ענגעלמאן.

ווען ר׳ איציקל האט דערהערט, אז אנשטאט ר׳ יעקב ענגעלמאנען

ברענגט מען אים נאָר ברוך גזשיוואַטש, האָט ער געשפּירט אַ ביטערן טעם אין מויל. צי האָבן זיך שוין פאַר אים, חלילה, פאַרשלאָסן די קוואַלן פון שיינע מחותנים, ווען שדכנים קאָנען האָבן אַן איינפאַל אים צו ברענגען אַ זון פון אַ דאָרף־מילכיקן ? אַ שיינער מחותן, ברוך גזשיוואַטש, צווישן די שווער־פאַרהאָרעוועטע מחותנים. אַ שיינער טויש פאַר ר׳ יעקב ענגעלמאַן. ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט אַ קוק געטון אויף די שדכנים ווי אויף גזלנים וואָס זענען געקומען אים איינ־גאַנצן אָפּקוילען די קאַפּאָטע. ווען די שדכנים האָבן אים אָבער אויס־געליינט אויפן טעלערל די מיליאָנען פון ברוך גזשיוואַטש, און אַז דער חתן איז אַן איינציק קינד פון אַן איינציקער טאָכטער און איבער הונ־דערט און צוואַנציק יאָר וועט זיין טאָכטער אסתרל זיין די יורשטע פון אַזוי פיל מיליאָנען — האָט ר׳ איציקל אָנגעהויבן אַראָפּצולאָזן די הענט און ווייכער צו ווערן. מיליאָנען איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זענען אַ יצר־הרע. שווער ביייצושטיין.

ר׳ איציקל האָט אַ שווערן זיפץ געטון און באַשלאָסן צו שיקן אַ פראָוועג צו פּרוואָון דעם חתן. — און וואָס ווייטער וועט זיין וועלן מיר זען.

# קאַפּיטל זיבן און פערציק

די באָבע חיה זאָגט תחינות וועגן חן און לייטזעליקייט. דעם זיידן ברוכס וואָלוועלע ציגאַרן. גלח־חלומות. צוויי פּרואוועס. משהלע קרימעניצער. „אין קאָצק האָט מען נישט געהאַלטן פון אירצן יונגע־לייט". טייערע פּעטש. וועלוועלע ווינער. „וואָס איז עס אַ לייב?" וועלט־זאַכן. „ביסט גאָר אַ שגץ אויך?" „איך זע, ר' ברוך, איר רויכערט ציגאַרן, ווי מיר אַלע יידן קבצנים".

דעם טאָג, וואָס די פּרואוועס האָבן געזאָלט קומען האָט מיר ערשט מיין פאָטער געזאָגט, אַז איך האַלט ביי אַ חתן־ווערן און ווער עס איז דער מחותן. כדי איך זאָל מיך נישט שרעקן, האָט בּיים לערנען ר' מרדכי מיר דערציילט ווי אַזוי עס האָט אויסגעקוקט ווען מען איז אים געקומען פּרואוון. ער האָט צוגעגעבן: ווערליק היינטיקע גבירי־שע מחותנים פאַרלאַנגען תורה, קאָן איך גענוג און איבערגענוג. פּיניע האָט געלאַכט. ער האָט זיך דערמאָנט אין די גבירישע העלדן פון מיין „ספּור". דאָס אַלין איז נישט געקומען צו דעם, וואָס די באָבע חיה האָט אָוועקגעטון. זי האָט איבערגעציילט אַלע אירע הייליקע נראָשנס, מיר אויסגעלעקט די אויגן, אָפּגעשפּראָכן מיר אַן עין־הרע און אויס־געשפּינן ניין מאָל אויף דער ערד — אַלצדינג כדי איך זאָל בּאַקומען חן אין די אויגן פון די פּרואוועס. אחוץ דעם האָט זי געזאָגט תחינות, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו חן און לייטזעליקייט. זי האָט דערבּיי פאַרגאָסן אַ סך וואַרעמע און האַרציקע טרערן און געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר דער זכיה, וואָס זי האָט עס דערלעבט. אַ ביסל שווער־לעכער איז עס שוין געווען מיטן זיידן ברוך. הגם ער האָט אַליין פאַר־שטאַנען, אַז דעם היינטיקן טאָג באַדאַרף ער נישט באַקומען צום אָנ־בּייסן זיין ליבּן דאַרפישן באָרשטש מיט קאַרטאָפל, כדי אונדזערע װענט זאָלן עס נישט דערציילן פאַר די גבירישע פּרואוועס. אָבער ווען מיין מוטער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל כאָטש במשך דעם היינטיקן טאָג

אויפהערן רויכערן די וואָלוועלע ציגאַרן אין פּרייז פון אַ קאָפּיקע, וואָס בייסן אַלעמען אין די אויגן, און זאָל אָקערשט אַ פּרואוו־טון צו פאַר־רויכערן פון די גוטע צען־קאָפּיקאָווע ציגאַרן, וואָס מע האָט אָנגעגרייט מכבד צו זיין די פּרואוועדס — דאָ האָט דער זיידע ברוך שאַרף נע־זאָגט, אַז צו אַזעלכע פּריצישע ציגאַרן איז ער נישט געוואוינט געווען ביי זיין טאַטן אין הויז, ער האָט צו שווער נעפּראַצעוועט, אַז ער זאָל צען קאָפּיקעס גלאַט אַוועקשיקן מיטן רויך, און אויב זיינע וואָלוועלע צי־גאַרן זאָלן זיין אַ מניעה צום שידוך, וועט ער מיר אויפשיטן נאָך עט־לעכע טויזנט קערבלעך נדן. גישקשה, היינטיקע נבירישע יידן לויפן אויף געלט.

אין שפּעטן נאָכמיטאָג — די פּרואוועדס האָבן ערשט געזאָלט קומען פאַרנאַכטלעך צו—איז געקומען ר׳ מרדכי וולאָשטשעווער ווי אויך די מומע שפרה מירל. מיט איר אָנוועזנהייט האָט די קאַלישער רביצין געוואָלט אויסדריקן די גאַנצע שווערע וואָגיקייט פון אונדזער קוטנער יחוס.

אין דער קיך האָט זיך געקאָכט אַ נגידישע וועטשערע אונטערן אויג פון דער קאַלישער רביצין.

פאַרנאַכט האָט דער גלאָז ביי דער טיר געטון אַ קלונג. מיר האָט אַ זעץ געטון אין האַרצן. דער פּחד, אַז איך זאָל אין די אויגן פון די גבירישע פּרואוועדס נישט אַדורכפאַלן מיט מיינע גמרא־קענ־טענישן האָט זיך אויסגעמישט מיט דער זיסער אומהיימלעכער דער־וואַרטונג אויף דער כלה. דאָס וואונדערלעכע מיידל, וואָס דאַרף מיר געהערן. איך האָב תמיד געהאַט דעם איינדרוק אַז די דאָזיקע אומ־באַקאַנטע זיסע ווייבלעכקייט באַהאַלט זיך אוים אונטער די פּאָלעס פון די שדכנים און פּרואוועדס. יעדע מינוט וועט זי פון דאָרט אַרויס־שטעקן איר גאָלדהאָריקן קאָפּ און מיר ווייזן די פרישע זאַפטיקע ליפּן. וועט זי אויך הערן ווי איך זאָג די גמרא ? בעסער וואָלט איך איר געוואָלט לייענען מיינע שירים. ביז מע האָט ענדלעך געעפנט די טיר איז מיר די צייט אויסגעקומען אומענדלעך.

מען האָט געעפנט די טיר און עס האָבן זיך דערהערט צוויי פרעמד־לעכע קולות. קולות, וואָס האָבן נישט געהאַט צווישן זיך די מינדס־טע ענלעכקייט. א הייזעריקלעכער קול פון אן אַלטן ייד וואָס איז כסדר איבערגעריסן געוואָרן פון א שרעקלעך נאָסן הוסטן, און א פעטלעך־נגידיש־בנעימותדיק קולעכל פון א יונגנמאַן.

די קולות הינטער דער טיר פון דער שטוב, אין וועלכער איך בין געזעסן מיט ר׳ מרדכי וואָלאָשטשעווער, האָבן פולשטענדיק געפּאַסט צום כאַראַקטער און פיזיאָנאָמיע פון די יידן וואָס זענען אַריינגעקומען.

איינער איז געווען א נידעריקער אַלטער ייד מיט א גרוי אויסגע־קראָכן בערדל און מיט א היפּשן שפּיציקן הויקער צווישן די פּלייצעס. ער איז געגאַנגען אָנגעטון אין א קבצנישן פּאַלטן. דער ייד האָט געהאַט א פּאָר פרייעלעכע לאַכנדיקע אויגן. ער האָט כסדר גערעדט און גע־הוסט און די ווערטער זענען אים כמעט ווי דערשטיקט געוואָרן אינעם הוסטן. ער האָט זיך באַלד געפּילט ביי אונדז ווי א היימישער, גע־ענטפערט עליכם־שלום מיט א קליין, הענטעלע, באַוואַקסן מיט גראָע האָר, און מיר גלייך געגעבן א שקאַציש פּעטשל אין דער באַק און א זאָג געטון צו מיין פאָטער: „איז דאָס, הייסט עס, דער חתן" און זיך שטאַרק פאַרהוסט גלייך מיר אין פּנים אַריין. דער צווייטער, דער יונגערמאַן, הגם נאָך גאָר א יונגער, איז ער שוין געווען א קיילעכדיקער און א דיקלעכער ווי א פעסל. דערצו איז ער געווען א נידעריקער מיט א גרוים טונקל פּנים, מיט רויטלעכע און קיילעכדיקע אויגן אַרויסגע־שטאַרצטע פון אונטער א נידעריקן שטערן און מיט א שוואַרץ שיין־געקעמט נגידיש בערדל. ער האָט געטראָגן א שוואַרצע געהאַקטע גבי־רישע קאַפּאָטע און א פּאָר גלאַנציקע אויסגעפּוצטע שטיוועלעך. מע האָט געזען אז דער יונגערמאַן גיט אַכטונג אויף דעם גלאַנץ פון זיי־נע שטיוועלעך. אין קעגנזאַץ צום אַלטן ייד האָט זיך דער גבירישער יונגערמאַן באַמיט צו האַלטן אין א מחותנישער דיסטאַנס. מיט גרויס צוריקגעהאַלטנקייט האָט ער דערלאַנגט א קליינע פעטע האַנט, ווען מען האָט אים געגעבן שלום־עליכם.

— דער דאָזיקער יונגערמאַן, האָט דאָס קבצנישע יידל מיטן הויקער

נערעדט הוסטנדיק, איז ר׳ איציקלס אן איידעם. װעלװעלע װינער. א זון פון לאָדזשער אדיר ר׳ משה אהרן װינער. װעלװעלע װינער װאוינט אין ר׳ משה אהרנס פאבריקן אין זדונסקע װאָליע. ר׳ איציקל האָט אים אהערגעשיקט צוזאמען מיט מיר. ער איז א מבין אויף װעלט־זאכן. איך אליין היים פשוט משהלע קריטניצער און בין נישט מער װי א ייד אן גרעמאן און א מלמד ביי ר׳ איציקלס קינדער. קריט־ניצער היים איך, װייל איך האָב חתונה געהאט פון קריטניצע. א געבוירענער בין איך א קאָצקער און בין יינגלװייז געװען משמש ביי ר׳ דודן אין קאָצק. איך געדענק נאָך אייער זיידן ר׳ יצחק װאורקער װען ער איז געװען אין קאָצק. זייט מיר מוחל, מחותן ר׳ חיים אברהם, װאָס איך װעל דיר זאָגן דו. דו ביסט נאָך א יונגערמאן. אין קאָצק האָט מען נישט געהאלטן פון אירצן יונגעלייט.

װעלװעלע װינער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אונדזער שטוב. דאַן האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגן און זיך א קוק־געטון אויף די גלאַנ־ציקע נגידישע שטיװעלעך. משהלע קריטניצער האָט זיך פארקייכט אין א שטארקן הוסטן. ער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו רעדן:

— װען ר׳ יצחק איז געקומען קיין קאָצק פלעגן זיך די קאָצקער מיט די װאורקער פאטשן אין די גאסן. דער קאָצקער אָבער האָט זיך שטארק מכין געװען און געזאָגט: „עס איז געקומען צו אונדז דער הייליקער רבי ר׳ יצחק. איך ד׳ערהויב דעם הימל און ער דערהויבט דעם מענטש, און מיר ביידע זענען די גאנצע װעלט״. די ביידע יידן זענען שעהנװייז געזעסן פארמאכט צוזאמען. אין דרויסן פארן פענצ־טער האָבן זיך קאָצקער און װאורקער חסידים געפאטשט. װען ר׳ יצחק איז אהיים געגאנגען אויף דער אכסניה, האָבן אים קאָצקער חסידים נאָכגעשריען: „יצחק שניאָקער״. איך בין געװען א שארף קאָצקער יינגל און האָב אויך נאָכגעשריגן ר׳ יצחקן, האָב איך געכאפט צװיי פעטש פון הירש טאָמאשאָװער און ער האָט צו מיר א געשריי געטון: „דרך ארץ פארן שװארצן יצחק״! טייערע פעטש.

װעלװעלע װינער האָט כסדר אומבאהאָלפן זיך געקוקט אויף די גלאַנציקע שטיװעלעך און געטון א נגידיש הוסטל. משהלע קריטני־

צער האָט אים קאַליע געמאַכט די גאַנצע דיסטאַנס אין וועלכער ער האָט זיך באַמיט צו האַלטן.

משהלע קריטיניצער האָט נישט אויפגעהערט צו הוסטן און צו רעדן:

— ר׳ יצחקס אַן אייניקל. גיי פרואוו אין לערנען אַ וואָרקער אייניקל. אין קאָצק האָט מען געהאַלטן אַז וואָרקע איז דער נאָענטסטער וועג צום הימל, און אַז ר׳ יצחק קאָן פאָרן אין הימל אַריין אויף אַ פור פון אַ פּראָסטן באַלעגאָלע. אין קאָצק איז מען געפלוינן אהין ווי די מלאכים. נאָר מילא, כ׳בין דאָך אַ מלמד ביי ר׳ איציקלען. גיב אַהער אַ גמרא, מחותן, וועלן מיר זען.

— זעצט איך, געסט, — האָט זיך מיין פאָטער געבעטן. — לאָמיר קודם־כל טרינקען טיי.

וועלוועלע ווינער האָט זיך נאָך אַמאָל אַ קוק געטון אויף די גלאַנציקע שטיוועלעך, זיך אָוועקגעבויגן די צוויי פּאָלעס פון דער שוואַרצער געהאַקטער קאַפּאָטע און זיך פאַמעלעך אוועקגעזעצט ביים טיש. מיר אַלע האָבן זיך אוועקגעזעצט. דורך דער טיר האָט די באָבע חיה אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און אָנגעקוקט די פרעמדע יידן.

— גיט אַהער די גמרא, האָט משהלע קריטיניצער געזאָגט און געהוסט. ער האָט זיך גאָרנישט געוואָלט אוועקזעצן צום טיש. אַז מ׳איז נענאַנגען פרואוון ר׳ לייבעלע איינער, האָבן די פרואווערס — פונקט ווי אליעזר עבד אברהם — נישט געוואָלט דאָס מינדסטע טועם זיין איידער ר׳ לייבעלע האָט זיי געזאָגט אַן אייגן פשטל. איך געדענק, ווען ר׳ לייבעלע איז ט׳ערשטע מאָל געקומען קיין קאָצק. ער איז געווען אַ נגידיש קינד און אַ נגידישער איידעם און ער איז געקומען צופאָרן קיין קאָצק אין זיידענע העמדער. זיידענע העמדער אין קאָצק, האָט זיך משהלע קריטניצער מיטאַמאָל צעלאַכט און זיך אַליין אָנגעכאַפּט פאַר דער גראָער צעקראָכענער באָרד. האָב נישט קיין פאַראיבל, מחותן. די בעטן אויף די קאָצקער אכסניות זענען געווען היפּש פאַרלויזט. אָרעמע יידן. ווען ר׳ לייבעלע האָט זיך אַריינגעלייגט אין אַזאַ בעט, אָנגעטון אין זיין זיידן העמדל, און האָט דערזען די ערשטע לויז, האָט

ער זיך דערשראָקן און געמאַכט אַ גוואַלד. קאַצקער הסידים וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געוואוינט אויף דער אכסניה, האָבן אויף אים אָנגעשריגן, אויף ר' ליבעלען: „זיי נישט קיין טיפש, לייבל. וואָס איז עס, אַ לייב?" נע, גיב אהער די גמרא, מחותן!

וועלוועלע ווינער האָט געגעבן אַ הוסטל.

מיין פאָטער האָט געבּרענגט אַ גרויסע גמרא פון ווילנער ש"ס. ערשט ווען משהלע קריטניצער האָט דערזען די גמרא, האָט ער זיך אוועקגעזעצט צווישן אַלעמען ביים טיש.

— נו, קום אהער, וואורקער אייניקל, — האָט משהלע קריטניצער אַ געשריי געטון צו מיר. מיט זיינע דריבּנע הענטעלעך האָט ער אויפגעמישט די גרויסע ווילנער גמרא. ער האָט אויסגעקליבּן דעם ערשטן בעסטן בלאַט. ווען איך בין צו אים צוגעקומען האָט ער מיך אָנגעקוקט און שאַרף אַ זאָג געטון:

— זאָג!

ווען איך האָב נאָר געהאַט אָפּגעזאָגט אַ פערטל דף פון דער גמרא, האָט זיך משהלע קריטניצער שטאַרק פאַרהוסט מיר גלייך אין פּנים אריין, און פּלוצעם אַ מאַך צו געטון די גמרא.

— כ'האָב דען נישט געוואוסט מיט וועמען כ'האָב צו טון, האָט ער גוטמוטיק געשריגן. וואורקער אייניקלעך... נע, פאַר אַ נבירישן איידעם קאַנסטו נאָך צופּיל. מחותן, אַצינד חיים נעבּן טיי מיט איינגעמאַכטס.

דער טיש איז גלייך געדעקט געוואָרן מיט כל־טוב. ווען משהלע קריטניצער האָט אויסגעטרונקען אַ גלעזל טיי און אויפגעגעסן אַ לעפעלע איינגעמאַכטס, האָט ער אַ זאָג געטון צו וועלוועלע ווינער:

— נו, וועלוועלע. זע צי דער חתן קאָן עפּעס וועלט־זאַכן.

וועלוועלע ווינער האָט אָנגענומען אַן ערנסטע מינע:

— כ'האָב געוואָלט זען צי דער בחור קאָן אויפשרייבּן אַ לשון־קודש בריוול.

מיין פאָטער האָט אויפגעלאַכט מיט אַ נעוואַלטיקער צופרידנקייט:

— לשון קודש? נו, יחיאל ישעיה, ווייז נאָר אהער דיינע שירים.

לויט דער היימישקייט, אין וועלכער משהלע קריטניצער האָט מיך אַריינגעבּרענגט, בּין איך אַ האָפּערדיקער צוגעגאַנגען צו מיין שופ־לאָד און אַרויסגענומען דאָס העפטל מיט מיינע שירים. איך האָבּ ווידער געגלויבּט צו זען פאַר מיינע אויגן די זאַפטיקע ליפּן און די בּלויע לאַכנדיקע אויגן פון דעם אומבּאַקאַנטן מיידל. איך בּין אויס־טערליש גליקלעך וואָס אָט־אָ דער פרעמדער שוואַרצער יונגערמאַן וועט איר דערציילן, אַז זי בּאַקומט אַ חתן, אַ דיכטער.

מיין פאָטער האָט גענומען דאָס העפטל שירים אין דער האַנט אַריין און עס דערלאַנגט וועלוועלע ווינערן. וועלוועלע ווינער האָט געטון אַ הוסטל און מיט פרעמדלעכע אומבּאַהאָלפענע בּליקן געקוקט אויף די קורצע בּאַשריבּענע שורות. ער האָט געדרייט דאָס העפטל אַהין און אַהער ווי עפּעס אַ פרעמדע אויסטערלישע זאַך. ער האָט ווידער געטאָן אַ הוסטל און אַראָפּגעלאָזט די אויגן אויף די שוואַרצע גלאַנציקע שטיוועלעך. משהלע קריטניצער האָט אָבּער ווידער אַ גע־שריי געטון מיט זיין שאַרף און פאַרלייגט קול:

— אַלצדינג קענען זיי, די וואָרקער אייניקלעך, ימח שמו זאָלן זיי נישט ווערן. משהלע קריטניצער האָט מיר פּלוצעם געטון אַ פּעטשל אין דער בּאַק אַריין. בּיסט נאָר אַ שגץ אויך. ר׳ וואָלף סטריקאָווער האָט אויך געשריבּן שירים. אין קאָצק האָט מען נישט גורס געווען אַזעלכע געגג. מען האָט עס געהאַלטן פאַר מעשי־נערות.

ווען מען האָט אָפּגעגעסן וועטשערע און מיין פאָטער האָט אַרויפ־געשטעלט אויפן טיש דאָס קעסטל טייערע ציגאַרן, האָט זיך ערשט וועלוועלע ווינער אָנגעהויבּן צו פילן היימישער און ער האָט זיך פרייער אויסגעשמייכלט. ער האָט אויסגעצויגן די האַנט צום קעסטל און אויסגעקליבּן אַ ציגאַר. ער האָט זי בּאַשמעקט ווי אַ מבין. דאַן האָט ער אַרויסגענומען אַ קליין מעסערל פון דער הויזן־טאַש, אָפּגעשניטן דעם שפּיץ פון דער ציגאַר און זי בּהרחבהדיק פאַררויכערט.

דער זיידע בּרוך האָט אויך אַרויסגענומען זיין וואָלוועלע ציגאַר פאַר אַ קאָפּיקע און זי פאַררויכערט. ווען ס'האָט זיך דערפילט דער בּייסיקער שאַרפער ריח פון זיידן בּרוכס ציגאַר, האָט זיך משהלע קריט־ניצער אָנגערופן:

— איך זע, ר׳ ברוך, איר רויכערט ציגארן ווי מיר אַלע יידן קבצנים. אין קאַצק האָט מען גישט געהאַלטן פון ציגאַרן מיט בייכ־לעך און מיט פינגערלעך. מע האָט דערין געזען מעשי־נאות. ניט מיר אייערס א ציגאַר, ר׳ ברוך.

דער זיידע ברוך האָט אים מיט גרוים הנאה דערלאַנגט א ציגאַר אין פרייז פון א קאָפּיקע.

# קאַפּיטל אַכט און פערציק

ר׳ איציקל קווינקלט זיך. די גרויסע מבינטע אויף גלות. די כלת
לייענט קריאת-שמע אין אַ סידורל. ליבשאַפט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס מיינע חתן־עקזאַמענעס זענען אויסנעפאַלן גינסטיק, און ר׳ איציקלס איידעם, וועלוועלע ווינער, האָט נעזאָגט אַז אויך אין וועלט־זאַכן בין איך, דוכט זיך אים, נישקשה, — פונדעסטוועגן האָט זיך ר׳ איציקל פּלוימענבוים אַלײן געקווענקלט צו האָבן טעלער. גראָד ביים עלטסטן טעכטערל פון צווייטן ווייב אַרויסצוניין פון זיין דרך, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן שוין ביים ערשטן קינד, איז אים אויסגעקומען נישט לייכט. דער ייד האָט נישט געוואָלט איינרייסן די וועלט און ער איז נישט נעגאַנגען אויף יחוס. ער האָט זיך איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסגעקליבן דעם וועג פון גבירישע שיינע מחותנים, און ער האָט זיך פאַרנומען נישט אָפּצוטרעטן. אויב יחוס, פעלן רבנים און גוטע־יידן אין פּוילן, וואָס וואָלטן זיך מיט אים משדך געווען? ניין. ר׳ איציקל האָט געהאַט נוסח. און וויפיל דער מלמד משהלע קריטניצער האָט אים אָנגעפּויקט אַ קאָפּ מיט וואורקע, האָט זיך עס געקלעפּט צו ר׳ איציקלען ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט. ער האָט משהלען געהאַלטן פאַר אַ ווילדן ייד און פאַר אַן אַלטן בטלן, וואָס מיינט נאָך כסדר, אַז די גאַנצע וועלט איז קאָצק.

ערשט ווען די שדכנים האָבן פונדאָסניי דערציילט פון ברוך גזשיוואַטשעס גיטער און וועלדער, און, אַז דער חתן איז דער איינציקער זון פון ברוכס אַן איינציקער טאָכטער, און אַז איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, און אַזוי ווייטער, — דאָ האָט זיך ווידער ר׳ איציקל פּלוימענבוים אַ קראַץ געטון ביי דער שיינער באָרד. נישט אַזוי לייכט איז ביישטיין אַ נסיון.

און עס איז בײַ ר׳ איציקלען געבליבן, אַז דערווײַל זאָלן די שדכנים שרײַבן קײן לאָדזש, אַז די מחותנתטע זאָל קומען זען די כּלה.

ווען דער בריוו איז געקומען קײן לאָדזש, איז געבליבן, אַז קײן בעסערע מבינטע אויף אַ כּלה פֿאַר מיר, ווי די מומע שפּרה מירל, די קאַלישער רביצין, איז נישטאָ. קודם־כּל האָט זי זיך אָנגעזען מיט כּלות אין די גרעסטע גבירישע הײַזער אין פּוילן. נאָך בײַם לעבן פֿון „נפש חיה" האָט מען זי געשיקט אויף „באַשויאונגען". צווייטנס, האָט מען געוואוסט, אַז זי, די קאַלישער רביצין, וואָס איז אויסגע־קאָכט מיט די פּריוועסעס, וועט נישקשהדיק אימפּאָנירן אַ ר׳ איציקל פּלוימענבוים.

אַזוי איז מײַן מוטער און די קאַלישער רביצין אוועקגעפֿאָרן קײן זאַלאָשין אויף צו „באַשויען" די כּלה. ס׳האָט געדויערט עטלעכע טעג און איך בין אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער. איך האָב מיר גע־פּרוווט פֿאָרשטעלן ווי די כּלה זעט אויס. טײלמאָל איז זי מיר אויס־געקומען ווי די העלע פֿאַרשײטע שיקסלעך אין דלוטאָוו, און טײלמאָל ווי די טונקעלע פֿרויען אין חומש און אין שיר־השירים. בײַנאַכט און בײַטאָג האָט מיר געשפּילט די פֿאַנטאַזיע. איך בין זיכער געווען, אַז וועלוול ווינער האָט איר דערציילט פֿון מײַנע שירים און אַז איך אימפּאָניר איר דערמיט אויסערגעוויינלעך. בײַ ר׳ מרדכים גמרא בין איך געזעסן אַ צעחושטער. יעדער ריר בײַ דער טיר האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מײַן מוטער און די קאַלישער רביצין זענען ענדלעך אָנגעקומען פֿון דער אַנטשיידנדיקער נסיעה, און איך וועל אויף זייע־רע פּנימער עפּעס דערקענען פֿון מײַנע אינערלעכע חלומות.

נאָך עטלעכע טעג זענען זיי טאַקע געקומען צופֿאָרן. מײַן מוטער איז אַרײַנגעקומען אַ צעשטראַלטע. אויפֿן פּנים פֿון דער קאַלישער רביצין איז געלעגן די גאַנצע וואַגיקע ערנסטקייט פֿון אַן אויטאָריטעט. זיי האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אַפֿילו אויסצוטון די מאַנטלען האָבן זיי זיך גלײַך מיט מײַן פֿאָטער פֿאַרמאַכט אין אַ באַזונדער צימער. כ׳האָב געוואוסט אַז מע טאָר נישט, — פֿונדעסטוועגן האָב איך מיך אויף די שפּיץ נעגל צוגעגנבעט אונטער דער טיר און געהאָרכט וואָס מע רעדט.

די קאַלישער רביצין האָט מיט רחבותדיקער ערנסטקייט און מיט אַלע פּיטשעווקעס דערציילט פון די גבירישע התנהגותן אין ר׳ איציקלס פּאַלאַץ. זי האָט אויסגעמאָלן יעדע זאַך באַזונדער. אירע באַאַבאַכטונגען וועגן ר׳ איציקלס ווייב און זיין הויזגעזינט זענען אַרויסגעקומען מיט אַלע פּרטים. וועגן דער כּלה האָט זי כמעט ווי נישט גערעדט. זי האָט נאָר געזאָגט אַז די כּלה איז אַ וואויל מיידל. דאַן האָט זי דערציילט פון דער גבירישער דיסטאַנס צווישן ר׳ איציקלס פּאַלאַץ און דעם שטעטעלע זאַלאָשין, — און אַז הגם פון וואָקזאַל צום פּאַלאַץ זענען נאָר עטלעכע שריט, האָט אויף זיי פונדעסטוועגן ביי דער באַן געוואַרט אַ שאַרפע פּריצישע קאַטש.

מיין מוטער איז נישט געווען באַשאָנקען מיט אַ סך עלאָקווענץ, און ביי איר פאָטער אין שטוב האָט זי נישט צוגעזען קיין גבירישע התנהגות כּדי זי זאָל זיי פאַרגלייכן מיט די פירעכצן פון ר׳ איציקל פּלוימענבוים. זי האָט דערציילט בלויז פון דער כּלה, אַז זי איז אַ העלע מיט בלאָנדע גאָלדענע צעפּ, און אַז אין אָוונט פאַרן שלאָפן־גיין האָט מיין מוטער אַריינגעקוקט אין דעם מיידלס שטוב. מיין מוטער האָט געזען ווי דאָס בעט איז אויפגעבעט מיט שניי־ווייס בעטגעוואַנט, און דאָס מיידל איז געשטאַנען פאַרן בעט מיט אַ קליין סידורל אין דער האַנט און געלייענט קריאת־שמע.

איך האָב געפילט ווי דאָס האַרץ פאַרגייט מיר פאַר ליבשאַפט.

# קאַפּיטל ניין און פערציק

דער שדכנישער ליבּ. פון גאָלד בלאַטע. הירש חסיד — וויפל איראָניע I אין הירש חסידס שדכנים-צעטל שטיי איך מיט אסתרן פאַרשריבּן אויפן אויבּנאָן. מע גייט אים אַרויסגנבענען די ראָזשינקע פון טייג. ווירטואָז. דערווייל זיצט דער ליבּ שטיל. הירש חסיד קומט מיטן שטעקעלע קיין זאַלאָשין. זיין געשפּרעך מיט ר׳ איציקלען. ביטער אין מויל. דער ליבּלינג פון די געטער. איך באַקום אַ קראַנקן פינגער. הירש חסיד ווידער אין זאַלאַשין. אַ לאַמער חתן. אסתּר וויינט דער מוטער אין פּנים אַריין. הירש חסיד הערט ווי די פייגל זינגען אויף ר׳ איציקלס ביימער. אסתּר ווערט אַ כּלה פאַר אַ וואַרשעווער אפּרת. די שטרענגע ווירדע פון דער קאַלישער רביצין. ווען מען שיט צו אַ קבר זע איך דאָס ערשטע און לעצטע מאָל אסתּרן.

שדכנים אין פוילן האָבן געהאַט אַ שם פאַר פּיפּיקע יידן וואָס קאָנען צונויפפירן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. אָבער צווישן די פּיפּיקסטע באַשעפענישן האָט זיך אַרומגעדרייט אַ ליבּ פאַר וועלכן אַלע האָבן געציטערט. דער דאָזיקער ליבּ צווישן די יידישע שדכנים אין פוילן האָט געהייסן הירש חסיד.

אויפן אַנבּליק וואָלט קיינער נישט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער הירש חסיד איז די גרויסע שרעק פון אַלע שדכנים. פאַרקערט — ער איז, וואָס שייך פיזיאָנאָמיע, געווען דער סאַמע נישט־אָנזעעוודיקסטער צווישן די האָפערדיקע און באַבייכלטע שדכנים. הירש חסיד איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ קליין רויט בערדל אויף דער שפּי־ציקער ביינערדיקער גאָמבּע. דאָס פּנים איז אים געווען געשטופּלט ווי אַ זיפּ, די אויגן אָן אויסדרוק, ווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען אויסגעשלאָפן. גערעדט האָט ער שטיל און אפילו מיט באַשיידנקייט. דערצו האָט ער ניט געטראָגן דעם טראַדיציאָנעלן שדכנים־שירעם, נייערט אַ פּשוט וואָלוול און דין שטעקעלע.

דאָס איז אַלץ. אָבער עס איז גענוג געווען, אַז הירש חסיד זאָל

ארײַנשטעקן אַ פֿינגער אינמיטן דעם אויסגעהאַרעוועטסטן און קונ־ציקסטן געוועב פֿון אַ שידוך, — אויב ער, הירש חסיד, האָט עס נישט געוואָלט, איז אַלצדינג צעריסן געוואָרן ווי שפּינוועבס. די מחותנים זענען זיך צעפֿאָרן, די טעלער אויף צוצעהאַקן האָט מען צוריק אַרײַנ־געשטעלט אין שאַנק. הירש חסיד, כּלומרשט אַ פֿאַרשלאָפֿענער, האָט זיך אַ באַוויז געטון מיטן דינעם וואָלוועלן שטעקעלע — און פֿון אַלעם איז געוואָרן אַש און בלאָטע.

סײַ צווישן שדכנים און סײַ אין די גבֿירישע הײַזער אין פּוילן האָבן זיך אַרומגעטראָגן וואונדער־מעשׂיות וועגן הירש חסידס אינ־טריגעס. שידוכים נאָך וועלכע בײַדע צדדים חלשן און עס איז, דוכט זיך, נישט פֿאַראַן קיין גלײַכערע און שענערע זאַך אין אַלע וועלטן — פֿונדעסטוועגן אויב עס שטימט נישט מיט הירש חסידס חשבונות — צעקריגן זיך די מחותנים, די צדדים צעגייען זיך בײַ די סאַמע תּנאָים, פֿונעם גאָלד ווערט בלאָטע און דאָס גלײַכע ווערט קרום. ווי אַזוי ער טוט עס, און ווי אַזוי ער גראָבט אויס פֿון אונטער דער ערד די שרעט־טעלעך פֿון קאַליע מאַכן שידוכים, און ווי אַזוי ער דרינגט אַרײַן אין אַלע שפּאַרונעס און שפּעלטעלעך ווי אַן אומאַנזעעוודיקער גײַסט — ווייסט קיינער נישט. שדכנים האָבן בלויז אַ מאַך געטון מיט די הענט, דערציילט איבער גאַנץ פּוילן וואונדער און ניסים פֿון אים און מיט אַלע כּוחות אויסגעמיטן נישט צו גיין אים אין וועג. אויב הירש חסיד האָט נישט געוואָלט, איז יעדער פּראָצע געווען אַרויסגעוואָרפֿן.

ער איז געווען דאָס שדכנישע וואונדער־טיער, דער אָפּשרעקנדיקער שדכנישער לייב צווישן די ייִדישע שדכנים אין פּוילן.

די איינציקע נקמה, מיט וועלכע שדכנים האָבן זיך דאָס בלוט געקילט אין הירשן פֿאַר זייערע עוולות, איז געווען דער נאָמען וואָס זיי האָבן אים צוגעקלעפּט, נעמלעך, דער נאָמען „חסיד". מיט דעם האָבן זיי געוואָלט אויסדריקן די גאַנצע ביטערע איראָניע לגבי דעם געפֿערלעכן און מיסטעריעזאַפּטיקן קאָנקורענט. וויפֿיל גאַליצער שפּאָט! וואָסער חסיד איז הירש — ווען אַלע ווייסן סך־הכּל, אַז הגם ער איז מכּלומרשט אַ שדכן בלויז אין חסידיש־גבֿירישע הײַזער, פֿונדעסטוועגן זאָגט ער זיך נישט אָפּ פֿון אַ גרעבער פֿאַרדינסטל בעת עס האַלט בײַ

א שידוך אין פאַרנעשריטענע משפחות און אפילו ביי סאַמע „דייטשן״. צוזאַמען מיט זיין לעגאַלן שדכנים־צעטל טראָגט אָט דער חסידישער שדכן ביי זיך אַרום פאָטאָגראַפיעס פון כלות און חתנים. און ער ווייזט זיי ווען און וואו מען באַדאַרף צו ווייזן. ער קאָמבינירט אויס באַ־האַלטענע באַגעגענישן צווישן בחורים און מיידלעך, און ווייסט אפילו אָפּצומאָלן די רייצן פון א נקבה, און די רייצן פון א בחור. ס׳איז נישטאָ קיין שום אָפּהאַלטעניש פאַר אים, ווען ער וויל אויספירן א שידוך. הירש חסיד! וויפיל איראָניע. נאָר וויפיל די שדכנים האָבן געוואָלט אויספויקן די מעשיות פון די פאָטאָגראַפיעס, כדי אָפּצושרעקן פאַר אים די חסידישע גבירים אין פוילן — עס האָט נישט געפּועלט. קוים האָט זיך הירש חסיד נאָר באַוויזן מיט זיין שטעקעלע, האָבן זיך די חסידישסטע טירן פאַר אים געעפנט.

סיי איך און סיי ר׳ איציקל פלוימענבוימס טעכטערל זענען ביי הירש חסיד געווען פאַרשריבן אין זיין שדכנים־צעטל. און טאַקע אויפן סאַמע אויבנאָן. מיר ביידע זענען געווען, אַזוי צו זאָגן, די ראָזשינקעס אין זיין טייג. הירש חסיד פלעגט אַליין זיצן ביי זיין צעטל און קאָמבינירן שידוכים. ער האָט נישט געוואָלט, אַז עמעצער — אפילו די עלטערן גופא — זאָלן אים קאַליע מאַכן זיינע קאַלקו־לאַציעס. לויט זיינע חשבונות האָב איך געהאַט אַן אַנדערע כלה און ר׳ איציקלס טאָכטער — אַן אַנדערן חתן. ווען הירש חסיד האָט געהערט, אַז שדכנים גייען אים דאָ אַרויסגנבענען די זיסטע ראָזשינ־קעס פון זיין טייג, האָט ער זיך שטויל און פאַרשלאָפן אויסגעשמייכלט אויפן געשטופּלטן פּנים. ער איז גרייט געווען אויפצוהייבן די הענטש־קע און אָנצוהייבן דאָס געוואונענע שפּיל.

הירש חסיד האָט געקאָנט אַלע יידישע גבירים אין פוילן און איז געווען אויסגעקניפּט און אויסגעבונדן אין אַלע שוואַכקייטן און קאַ־פּריזן פון די גבירישע מחותנים און מחותנתטעס. ביי שידוכים האָט ער אויף דעם געשפּילט ווי א ווירטואָז אויף זיינע אינסטרומענטן. ר׳ איציקל פלוימענבוימס אַמביציעס און שוואַכקייטן האָט ער געקענט ווי זיינע צען פינגער. ר׳ איציקל איז געווען פון זיינע הויפּט־קונדן. הירש חסיד האָט זיך געפילט אין ר׳ איציקלס פּאַלאַץ, ווי אין זיינס

אַן אייגענעם מאַיאַנטעק. אויף ר׳ איציקלס זין און טעכטער האָט ער געקוקט ווי אויף זייגס אַן אינוועגטאַר. אַז גראָד דאָרטן האָבן די שדכנים געהאַט די העזה אים צו גיין אין וועג אַריין — האָט בײַ הירש חסידן אַרויסגערופן אַ שמייכל פון ביטול. לאָזן זיי זיך שפּילן. ער האָט צייט. דער בראָטן וועט אים סיי־ווי־סיי נישט אַרויספאַלן פון די הענט.

די שדכנים האָבן זיך געוואונדערט וואָס הירש חסיד זיצט אַזוי שטיל און לאָזט זיך, מיר נישט דיר נישט, אַזוי לייכט אוועקכאַפּן אַ שידוך פון אונטער דער נאָז. דער לייב זיצט שטיל אין זיין נאָרע און קוקט זיך צו ווי די קלענערע חיהלעך פאָרען זיך אַרום. — און ער טוט צו מאָל נישט קיין ברום... נאָר הירש חסיד האָט זיך נישט גע־איילט. ער האָט געקאָנט ר׳ איציקל פלוימענבוימען. אגב האָט אים פאַרדראָסן וואָס ר׳ איציקל, זיין אייביקער קונד, פאַר וועלכן ער האָט געבערענגט די שענסטע מחותנים, איז אים מיטאַמאָל געוואָרן ווידער־שפּעניק און גייט טון שידוכים אָן אים, הירש חסידן. שאַדט נישט. הירש חסיד האָט נישט קיין מורא געהאַט, אַז די טײַבעלעך וועלן אים אוועקפליען. זאָל זיך ר׳ איציקל דערווייל פאָרען מיטן אַנדערן שדכנים־יוצרג. הירש חסיד וועט שוין וויסן ווען צו וואַרפן די טויז רויט.

ווען דער שידוך מיט מיר האָט זיך אָנגעהויבן פעסטער צו פאַר־פעדעמען און די שדכנים האָבן אָנגעהויבן ר׳ איציקלען צוצודריקן צו דער וואַנט, ענדלעך — בכי טוב — צו האַקן טעלער, האָט זיך פלוצעם הירש חסיד אַ באַוויז געטון אין זלאָשינער פּאַלאַץ.

ער איז געקומען ווי תמיד, הן ווי אַן אייגענער מענטש, הן ווי אַ שטילער און באַשיידענער און אַ נישט אויסגעשלאָפענער. ער איז געקומען מיטן וואָלוועלען שטעקעלע אין דער האַנט. ער האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער וואָלט כלומרשט גאָרנישט געוואוסט, וואָס ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט אים, הירש חסידן, אָפּגעטון אויף טערקיש מיטן עלטסטן טעכטערל פון צווייטן ווייב. נאָך דעם, ווי הירש חסיד האָט אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזל טיי מיט אייננעמאַכטס, האָט ער זיך פאַרמאַכט מיט ר׳ איציקלען אין קאַבינעט.

— איך האָב פאַר אייך אַ שידוך, ר׳ איציקל, האָט הירש חסיד

געזאָגט כלומרשט קאַטעגאָרישׂ אָן מינדסטן שמייכעלע אויפֿן דאַרן געשטופּלטן פּנים.

הירש חסיד האָט זיך געמאַכט נישט זען ווי ר' איציקל ווערט עפּעס ווי צעמישט און שווייגט.

— איך שטיי בײַ אַ שידוך טון, — האָט ר' איציקל אַ נישט־דרייסטער ענדלעך אַ זאָג געטון און זיך באמת נישט צו קוקן הירש חסידן אין פּנים אַריין.

הירש חסיד האָט זיך געמאַכט גלייך ווי ער וואָלט עס נישט געהערט, און ווייטער גערעדט מיט זײַן פֿאַרשלאָפֿענעם קול. ער האָט זיך אפילו אויסגעגענעצט.

— איך האָב פֿאַר אייך אַ שידוך מיט ר' יעקב ענגעלמאַן, — האָט הירש חסיד פֿאַמעלעכל אַרויסגערעדט און מיט איין אויגל פֿון דער זייט אַ קוק געטון אויף ר' איציקלען.

ר' איציקל האָט זיך אַ ריר געטון אויף זײַן בענקל ווי מע וואָלט אים געשטאָכן מיט אַ שפּילקע. הירש חסיד האָט אים אָנגערירט אויפֿן סאַמע צעווייטיקטן אָרט.

— דאָס הייסט, נישט מיט ר' יעקב ענגעלמאַן גופא, — האָט הירש חסיד ווייטער געצײלט די ווערטער — איר ווייסט דאָך, ר' איציקל, אַז ר' יעקב האָט שוין למזל אויסגעגעבן אַלע זײַנע קינדער, קיין עין־הרע. איך האָב אייך געפֿרעגט אַ שידוך מיט זײַנס אַן אייניקל, ר' ירמיה אפרת פֿון וואַרשע. שייך זאָגן ר' יעקבס אַן אייניקל, אַז דער דאָזיקער יונגערמאַן שניידט זיך אַליין צו ווערן אַ ר' יעקב ענגעלמאַן. מע שמועסט אַז ר' ירמיה וואַקסט ווי אויף הייוון און דעם ערשטן מיליאָן איז ער שוין אַריבער מיט אַ שמיץ. עס הייבט זיך ערשט אָן, זאָגן יידן. אַז יידן רעדן ווענן אַ נביר, ווייסן זיי וואָס זיי רעדן, ר' איציקל.

דערהערט ר' יעקב ענגעלמאַן און אַ מיליאָן איז ר' איציקלען נאָך ביטערער געוואָרן אין מויל און ער האָט ענדלעך דערציילט הירש חסידן מיט וועמען מע האָט אים שוין טיף אײַנגעפֿעדעמט אין אַ שידוך.

— מילא, אַז איר ווילט האָבן ברוך גזשיוואַטשן פֿאַר אַ מחותּן אַנשטאָט ר' יעקב ענגעלמאַנען, איז אייער זאַך, ר' איציקל. און דאָס

גיט קיין גלאטן ר׳ יעקב ענגעלמאַן, נאָר אַ ר׳ יעקב ענגעלמאַן מיט מי־ליאָנען. — הירש חסיד האָט געטון אַ מאַך מיטן וואָלוועלן שטעקעלע אין דער לופטן: — דערמאָנט זיך וואָסערע שיינע מחותנים איך האָב אייך געגעבן פאַר אייערע ערשטע קינדער. פוילן קלינגט מיט אייך. איך וויל אייך נאָר דערמאָנען, ר׳ איציקל — הירש חסידס געשטופל־טער פנים האָט זיך פלוצים בייזוויליק צעשמייכלט — אַז אויב איר וועט זיך משדך זיין מיט ברוך גזשיוואַטש, קאָן זיך גרייליך טרעפן: איר וועט אַמאָל זיין צו גאַסט ביי אייער מחותן ר׳ משה אהרן ווינער אין לאָדזש און גראַד וועלן אייערע נייע מחותנים אָפּברעננען פאַר משה אהרנען אַ קאַפּאָטע אָנצומעסטן, אָדער אַ פּאָר שטיוול... האַ, ר׳ איציקל?

הירש חסיד האָט זיך מיד אויסגענעגעצט ר׳ איציקל פלוימענבוי־מען גלייך אין פנים אַריין.

ר׳ איציקל פלוימענבוים האָט געפילט ווי אים ווערט קאַלט אין אַלע רמ״ח אברים.

---

ר׳ איציקלען איז ביטערליך געווען אויף דער נשמה. שדכנים האָבן אים אָבער שוין געהאַט צו מיך אַריינגעפירט אין דער בלאָטע. ר׳ איציקל איז סוף־כל־סוף געווען אַן אָבערגלויבערישער ייד. הירש חסיד האָט געוואָרפן די קאָרטן און ער האָט אָנגעהויבן דאָס שפּיל. דער לייב האָט געטון אַ ברום, און די שדכנים האָבן געזען, אַז ס׳איז נישט גוט. דערצו מוז מען צוגעבן: הירש חסיד איז געבוירן געוואָרן אונטער אַ גילדערנעם שטערן און ער — אין זיין פאַך — איז געווען עפּעס אַזוינס ווי אַ ליבלינג פון די געטער.

קיינער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי, נאָר מיר האָט זיך פלוצים „פאָררים" אַ נאָגל פון אַ פּוט און כ׳האָב באַקומען אַ „בייזן פינגער". הירש חסידס שטערן האָט געטון דאָס זייניקע און נישט צוגעלאָזט אַז דער קראַנקער פינגער זאָל זיך גיך פאַרהיילן. דאָקטוירים האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין זאַלבן, וואָרעם אָט האַלט איך ביי תנאים. נאָר הירש חסידס מזל איז שטאַרקער געווען פון די זאַלבן, און איך האָב

א קאפעטשקעלע אונטערגעהינקט. עפעס ווי דורך שפארונקעלעך האבן אלע ווינטן אונטערגעטראגן הירש חסידן, וואס עס איז געשען מיט מיין פוס.

הירש חסיד האט געקענט זיין שטערן אין הימל און ער איז גע־ ווען מיט אים צופרידן. ער האט גענומען דאס וואלוועלע שטעקעלע אין האנט און אוועקגעפארן קיין זאלאשין.

ער איז אהינגעקומען א שטילער און א באשיידענער ווי אן אל־ טער גאסט און געהייסן זיך געבן גוטע הייסע טיי מיט אתרוג־איינגע־ מאכטס.

ביי ר׳ איציקלען אין די שאפעס האבן נישט געפעלט קיין איינ־ געמאכטסן.

ער האט זיך א גאנצן טאג ארומגעדרייט איבער ר׳ איציקלס סא־ ליעס און אפילו ארפגעגאנגען אין גארטן אריין שעפן פרישע לופט. ס׳איז געווען אינמיטן חודש מאי און ר׳ איציקלס גארטן האט אנגע־ הויבן פון זיך ארפצוואווארפן דאס בליעכין. הירש חסיד האט זיך פארזיכטיק אומגעקוקט צווישן די בוימער. ער האט געוואלט טרעפן ר׳ איציקלס טעכטערל אליין.

ענדלעך האט ער זי געטראפן. קיינער איז נראה נישט געווען אינעם ליידיקן ווארעמען סאד. ער איז צו איר צוגעגאנגען און זיך ליב צו איר אויסגעשמייכלט מיטן גאנצן געשטופלטן פנים.

— נו, עס קומט דיר באלד א מזל־טוב, אסתרל, האט הירש חסיד געזאגט מיט א ליבהארציקער היימישקייט.

דאס יונגע מיידל איז רויט געווארן און ארפגעלאזט די אויגן.

— צי ווייסטו כאטש, אסתרל, אז דער טאטעשי גיט דיר א לאמען חתן ? — האט הירש חסיד שטיל געזאגט, נאך א קליינער פויזע.

דאס מיידל האט צו אים אויפגעהויבן די אויגן. אויף הירש חסידס פנים האט זי געזען א זארגפעלטיקייט.

— יא. א לאמען חתן, — האט הירש חסיד ווייטער געצווינגן זיינע ווערטער און זיך ארומגעקוקט צווישן די בוימער צי קיינער הערט נישט.

דאס מיידל איז מיטאמאל אנטלאפן ווי אן אונטערגעשאסענע. זי

איז אַריינגעלאָפן צו זיך אין חדרל, אַרויפגעפאַלן אויפן בעט און שטאַרק זיך פונאַנדערגעוויינט.

הירש חסיד איז זיך ווייטער געגאַנגען שפּאַצירן אין גאָרטן און גע־פּאַכעט מיטן וואַלוועלן שטעקעלע. אים איז איצט ליב געווען צו הערן ווי די פייגל צוויטשערן אויף ר׳ איציקלס ביימער. אין ר׳ איציקלס פּאַלאַץ אָבער האָט זיך באַלד צעטראָגן, אַז אסתרל ליגט אויף איר בעט, פאַרגראָבן דאָס פּנים אין די ווייסע קישנס און וויינט אַ ביטער גע־וויין.

ר׳ איציקלס ווייב איז אַריינגעלאָפן צו דער טאָכטער און אַ דער־שראָקענע געפרעגט וואָס עס איז געשען און וואָס איר איז. אסתר האָט געוויינט איר מוטער אין פּנים אַריין און געפרעגט מיט וואָס זי איז ערגער פון די אַנדערע שוועסטערן און נראָד איר קומט אַ לאָמער חתן. זי האָט דער מוטער דערציילט וואָס הירש חסיד האָט געזאָגט.

מע האָט אויף אין דער געשווינד אַרומגעזוכט הירש חסידן אין אַלע סאַליעס. נאָך גרויסער זוכעניש האָט מען אים קוים געפונען ער־גע אין גאָרטן וואו ער איז געזעסן אויף אַ באַנק און געדרעמלט. ווען הירש חסיד איז צוריקגעקומען אין פּאַלאַץ און מען האָט אים געפרעגט צי די מעשה איז וואָר האָט הירש חסיד געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און געהייסן שיקן אַ שליח קיין לאָדזש כדי מיט די אייגענע אויגן זיך איבערצוצייגן אַז דער בחור לאָמט.

ביי ר׳ איציקלען אין פּאַלאַץ איז געוואָרן אַ טרעוואָגע. ר׳ איציקל אַליין איז אַריינגעגאַנגען אינם חדר, וואו משהלע קריטעניצער איז גע־זעסן ביי אויפגעמישטע גמרות און געלערנט מיט ר׳ איציקלס נאָך־נישט אויסגעגעבענע זין. משהלע קריטעניצער האָט זיך שטאַרק צע־הוסט ווען ר׳ איציקל האָט אים שאַרף געפרעגט צי ער האָט נישט באַמערקט צי דער בחור לאָמט.

— אַ גרויסע נפקא־מינה צי ר׳ יצחק וואָרקערס אַן אייניקל לאָמט יאָ צי נישט, — האָט משהלע קריטעניצער אַ מאַך געטון מיט די קליי־נע הענטעלעך איבער דער אויפגעמישטער גמרא, אין קאַצק...

און דאָ האָט משהלע קריטעניצער געוואָלט אָנהויבן צו דערציילן ר׳ איציקלען אַ מעשה פון קאַצק. משהלעס קאַצקער מעשיות זענען

שטענדיק געלעגן ווי קליאטשע אין ר׳ איציקלס אויערן. איצטער האט ער אוודאי נישט געהאט דעם קאפ צו הערן. מ׳האט געקלאפט א דע־פעשע צו וועלוועלע ווינער קיין זדונסקע־וואליע אז ער זאל למען־השם זאפארט קומען.

ווען וועלוועלע ווינער איז אנגעקומען קיין זאלאשין און מע האט אים געפרעגט צי האט ער נישט געזען אויב דער חתן־בחור לאמט, האט זיך וועלוועלע ווינער נעקראצט אין קאפ. ער האט זיך נישט געקענט דערמאנען. ער האט געזאגט, אז אים דוכט זיך אויס, אז איך לאם נישט. באלד אבער האט ער זיך צוריקגעכאפט און געזאגט: אפשר יא....

הירש חסיד האט נישט באלאמוטשעט כל־זמן דאס איזן איז היים איידער וואס און ווען איז אסתרל געווארן א כלה פאר ר׳ ירמיה אפרתעס זון.

---

ווען ס׳איז אנגעקומען די ידיעה קיין לאדזש, אז ר׳ איציקל פלוי־מענבוים האט זיך פלוצעם איגמיטן דערינען מיישב געווען און א כלה געמאכט זיין טעכטערל פאר אן אנדערן, האט מיין מוטער געמיינט, אז אלע וועלטן גייען איר אונטער און איך וועל שוין בלייבן זיצן ביזן גראען צאפ. ווער וועט מיך וועלן? באלד איז צו אונדז ארויפגעקומען די מומע שפרה מירל, די קאלישער רביצין. די גאנצע שטרענגע וויר־דע פון איר יחוס איז געלעגן אויף איר פנים און אין איר האלטונג. עס האט זיך אויסגעדוכט: די מומע שפרה מירל איז עפעס אויסגע־וואקסן אין איר געקרענקטן צארן אז ס׳איז פאראן עמעצער אין פוילן וואס קאן זיך אונטערשטיין נישט צו וועלן ר׳ יהושיעלע קוטנערס אן אייניקל. זי האט נארנישט גערעדט, נאר שטרענג געזאגט, אז אט פארט זי ארײן קיין ווארשע און ברענגט מיר א כלה פון די פריוועסעס.

---

די דאזיקע אסתר, וועמעס שאטן בלויז ס׳איז געווען מיין ערשטע ליבשאפט, האב איך קיין מאל נישט געהאט אנגעזען אויף די אויגן, — הגם איך האב כסדר אויף איר נאכגעפרעגט. מיט עטלעכע דרייסיק

יאָר שפּעטער ווען איך האָב שוין לאַנג געהאַט געוואוינט אין וואַרשע, בין איך געווען אויף א לוויה אויפן גענשער בית־עלמין. אויף דער דאָזיקער לוויה איז אויך געווען מיין טייערער פריינט און חבר הערץ פישמאַן. איינער פון די זעלטנסטע יידן, און פון וועלכן איך וועל א סך דערציילן אין די שפּעטערע בענדער. עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז אויף דער דאָזיקער לוויה איז אויך געווען אסתר. איך גלויב, אז זי איז שוין דאַמאָלט געווען א באָבע. מיר זענען געשטאַנען צווישן דעם עולם אַרום דעם אָפענעם קבר. ווען די באַגראָבער האָבן מיט זייערע לאָפּעטעס אָנגעהויבן צו שיטן ערד אויפן מת אינעם קבר, האָט מיר הערץ פישמאַן אָנגעוויזן אויף א פרוי, וואָס איז אויך גע־שטאַנען אונטער די בית־עולם־בוימער.

— דאָס איז זי, די כלה, וואָס האָט דיך נישט געוואָלט, — האָט מיר הערץ פישמאַן געזאָגט מיט זיין געוויינטלעכער פריילעכקייט.

איך האָב אויפגעהויבן די אויגן. אויך דאַן האָב איך נישט באַוויזן זי גוט אָנצוקוקן, אסתרן. א סך יידן האָבן זי פאַרשטעלט.

## קאַפּיטל פופציק

די געשיכטלעכע דיאַלעקטיק אויף די גאַסן. באַלוט אויף דער פּיעטרי-קאָווער גאַס. די יידישע אַרומקייט זונגט אויף באַריקאַדן די בונדישע „שבועה".

די קאַלישער רביצין, די מומע שפרה מירל, האָט דערוויל גע־מוזט אָפּליינען איר נסיעה קיין וואַרשע, מחמת מען האָט כמעט נישט געקאָנט אַרויסניין אויף די לאָדזשער גאַסן. באַלוט גיט נישט קיין מנוחה. פונדאַסניי זענען אויסגעבראָכן סטרייקן פון אַרבעטער. אין באַלוט האָט די פּאָליציי געשאָסן אויף די סטרייקערס. ס'זענען געווען הרוגים. די באַלוטער קבצנים האָבן די געפאַלענע געמאַכט אַ לוויה ווי די גרעסטע רבנים און שרים האָבן אַזעלכעס נישט געהאַט. צענדליקער טויזנטער אַרבעטער — יידן און גויים — זענען נאָכגעגאַנגען די אָרונות. רויטע און שוואַרצע פאָנען האָבן געפלאַטערט איבער דעם זיך באַוועגנדיקן ים מיט מענטשן. רעוואָלוציאָנערע געזאַנגען האָבן פאַרהילכט די גאַסן. די פּיעטריקאָווער גאַס איז געבליבן אין דער היים הינטער פאַרהאַקטע פענצטער. מע האָט זיך געריכט אויף נאָך גרעסערע אומרואיקייטן.

ס'איז שוין געווען יוני (1905). די נגידישע משפחות פון דער פּיעטריקאָווער גאַס האָבן באַדאַרפט אַרויספאָרן אויף דאַטשעס און אין די וואַרעם־בעדער. באַלוט האָט פּלוצעם אָנגעהויבן נישט צו לאָזן נעניסן פון עשרות און פון דער שיינער וועלט. באַלוט האָט זיך אויפ־געהויבן ווי אַ גרויסער און הערצאישער ווידערשפּרוך צו אַ לעבן וואָס איז שוין אַלט געווען הונדערטער יאָרן. אַלצדינג וואָס באַלוט האָט געטון איז געווען ווידערשפּרוך. די וועלט, ווי באַלוט האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, דער מענטש און די גערעכטיקייט ווי באַלוט האָט זיי געוואָלט זען, די לידער, וואָס באַלוט האָט געזונגען — זענען געווען

ווידערשפרוך. די פאַנען וואָס באַלוט האָט געלאָזט אויפפלאַטערן איבער איר אָרעמקייט זענען געווען רויט און שאַרף ווי דער ווידער־שפרוך.

איטלעכער קלאַס וואָס די אַלטע וועלט האָט דורך די הענט פון אירע סאַטראַפּן און מושלים — אין יענע צייטן — געגעבן דער מענטש־לעכער אָרעמקייט, האָט אין דעם עלנט פון דער מענטשלעכער געזעל־שאַפט אַרויסגערופן נייע פלאַמען פון באַגייסטערונג און גלויבן. איעדער הרוג, וואָס די אונטערדריקטע מענטשלעכע מאַסן האָבן דעמאָלט באַ־צאָלט פאַר זייער קאַמף, האָט נאָר ניכער אויפגעריסן דעם וועג פאַר דער זון פון דער צוקונפט. די רויטע פאַנען פונם היסטאָרישן ווידער־שפּרוך האָבן זיך נאָך היציקער צעפלאַטערט.

קאָזאַקן האָבן געשאָסן אין דער דעמאָנסטראַטיווער לוויה. נייע קרבנות זענען געפאַלן. באַלוט האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן. באַלוט האָט זיך אַרויסגעגאָסן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס ווי אַ גרויסע מענטשלעכע האָפענונג.

אין צענדליקער און צענדליקער טויזנטער איז באַלוט אַרויפגעקו־מען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. די פּיעטריקאָווער גאַס האָט פעסטער פאַרמאַכט אירע טויערן און פענצטער. נאָר באַלוט איז געוואַקסן אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס. אַ וואַלד פון רויטע פאַנען האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט איבער דער מאַרשירנדיקער מאַסע. די פּיעטריקאָווער גאַס איז פאַרהילכט געוואָרן פון די באַלוטער געזאַנגען צו קאַמף און צו פרייהייט.

מיט געזאַנג און מיט פאַנען האָט באַלוט מאַרשירט און מאַרשירט.

פּלוצעם אַ זאַלפּ פון שאָסן. קאָזאַקן אויף פערד האָבן זיך אַריינ־געריסן אינעם שטורעמדיק־צעזונגענעם באַלוט. די מאַסע האָט אויפ־געציטערט. טויטע זענען געפאַלן. די רויטע פאַנען האָבן זיך נאָך שטורעמדיקער צעפלאַטערט. באַלוט האָט זיך פונאַנדערגעריסן איבער די לאָדזשער גאַסן און אָנגעהויבן דעם קאַמף. באַלוט האָט איבער־געדרייט די טראַמוויין, אויסגעריסן די לאַמטערנעס פון דער גאַס, אויסגעריסן טויערן, טירן, קלעצער, העלצער. יונג און אַלט, ווייבער

און קינדער האָבן אָנגעהויבן צו בויען באַריקאַדן. די גאַסן זענען פאַרמויערט געוואָרן. באַלוט האָט זיך געשטעלט צום קאַמף.

באַלוט האָט זיך געשטעלט אונטער באַריקאַדן. די געשיכטע איז אַרויס אויף די גאַסן. די לאָדזשער גאַסן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין שלאַכט־פעלדער צווישן די אַרבעטער און דעם צאַרישן סאַטראַפּ. פון די ערשטע אין דעם העראָאישן קאַמף מיט דער אַלטער וועלט זענען געווען די „אחדות־ליִיט", די זין און טעכטער פון „אַלגעמיינעם יידישן אַרבעטער בונד". די יידישע שפּראַך אויף די רויטע פאָנען פון „בונד" האָט אויסגעקוקט זיך אויסצוטון פון איר אָרעמקייט, און זי האָט געלויכטן פונקט אַזוי רעוואָלוציאָנער און שטאָלץ, פונקט אַזוי עשרותדיק אין גייסט, ווי די רויטע פאַרבן פון דעם היסטאָרישן ווידערשפּרוך.

אויף די באַריקאַדן אין קאַמף האָט די יידישע אָרעמקייט געזונגען איר ליד. דאָס ליד פון דער בונדישער „שבועה".

# קאַפּיטל איין און פופציק

ווידער שניט-צייט אין דלוטאָוו. פּיאָוּקע-יידן דערציילן מעשיות פון די מרחקים פון פוילן און זינגען די זיסטע זמירות. אָרים שמעטעלע דוביענקע! די סקרימשינער פריצים זענען דאָס ליכטעלע אין דער אומעטיקער אַרימקייט. ערשט העט אין די שנייען וועלן זיי קומען אויף דער סקרימשינער חתונה. פאַקלען איבער די בלאָטעס וואָס ראַיען זיך מיט קאַרפּן. גאַנשעראָווסקי גייט שטאַרבן. ער לאָזט איבער ירושה דעם פעטער לייזער יוסף. דער זיידע ברוך, די באָבע חיה און דער פעטער לייזער יוסף וויינען ביי גאַנשעראָווסקיס טויטן-בעט. גאַנשעראָווסקים לויה. גלאָקן-קלאַנג. האַרבסט-שטימונג. אויף גאַנשעראָווסקים קבר. דער חונט טרעזור הויבט אויף זיין קאָפּ צו די פאַרוואָלקנטע הימלען און צעוואָיעט זיך הויך אינמיטן די צערוישטע בזשאָזעס.

נאָך די בלוטיקע טעג אין לאָדזש האָט זיך די קאָלישער רביצין ענדלעך אויסגעקליבן קיין וואַרשע, און מיר זענען אַרויסגעפאָרן קיין דלוטאָוו. דער זאַלאַשינער שידוך האָט אויפגעהאַלטן אונדזער אַרויספאָר. מיר זענען ערשט אין יוני אָנגעקומען קיין דלוטאָוו. מיר זענען געקומען אינמיטן שניט.

אחוץ דעם שניט איז דער זיידע ברוך אויך געווען זייער פאַרנומען מיט די פיש-סטאַוועס וועלכע מען האָט פאַרליינט אויף אַלטע קאַרטאָפל-פעלדער. די וואַסערן זענען געווען וואַרעם און אויסגעבריטע מיט זון. מע האָט בפירוש געזען ווי די פיש וואַקסן און ווערן פעט אין די יונגע זומערדיקע וואַסערן.

דער סאָד איז געשטאַנען אין פולער אויבסט-שפע. די סאָד-יידן פון טושין, וואָס האָבן געוואוינט אין שטרויענע בוידן, האָבן זיך צופרידענע אַרומגעדרייט צווישן די אויבסט-ביימער.

שפּעטער נאָך תשעה-באָב, ווען ס'איז שוין געווען נאָכן שניט — די שייערן זענען פול געווען מיט תבואות. צענדליקער סטויגן זענען געשטאַנען אויף די פעלדער — האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן די פּיאָוּקע-יידן.

ס'זענען געווען יידן, וואָס זענען אָנגעקומען צופוס אַזש פון יענע פּוילישע מרחקים, וואָס גרענעצן זיך מיט וואָלין. יידן פון שטעטל דוביענקע. פּריצים האָבן געוווינט דאָרט אין באַזונדערע וואַסערן שוואַרצע פּיאַווקעס. אין טיפע ערדענע טעפּ צעטראָגן יידן די דאָזיקע פּיאַווקעס איבער גאַנץ פּוילן. מיט אַ טראָגן די טעפּ אויף די פּלייצעס — טעפּ וואָס זענען פול געווען מיט וואַסער און פּיאַווקעס און אַרומגעדעקט מיט בלעטער, כדי די פּיאַווקעס צו האַלטן קיל — האָבן די דאָזיקע יידן געוואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף און פאַרקויפט די פּויערים פּיאַווקעס. זיי האָבן גענעכטיקט און געגעסן ברויט מיט מילך אין די פּויער-רישע כאַטעס (פאַרשטייט זיך, אַז די פּויערטע האָט געמוזט מעלקן די קו פאַר זייערע אויגן, כדי די מילך זאָל זיין כשר). אַזוי האָבן זיי צופוס אויסגעמאָסטן פּוילן. אויף שבת האָבן זיי געצויגן צו אַ יידישן ישוב, אָדער צו אַ יידישן דאָרף-שווייגער, כדי דעם הייליקן שבת צו האַלטן צווישן יידן, און זיך אויסשלאָפן און אויסרוען די מידע פיס.

די דאָזיקע יידן האָבן שוין גערעדט אַ ביסל אַ וואָלינישן דיאַלעקט. ס'רוב זענען זיי נישט געווען קיין פּראָסטע מענטשן, נייערט שטיקלעך בני-תורה און חסידים פון די וואָלינער גוטע-יידן. זיי זענען געווען זייער אָרעמע יידן, האָבן געקענט לעבן פון שהיה-פּיה. זיי האָבן דער-ציילט וואונדערלעכע מעשיות פון גוטע יידן און פון זייערע איבער-לעבענישן אויף די מרחקים פון פּוילן. פרייטיק צו נאַכטס און שבת ביים עסן האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די דאָזיקע יידן זענען זיסע מנגנים און זינגען זייערע זמירות מיט די פרומע און אומעטיקע ניגונים פון קליין-פּוילן. שפּעט אויף דער נאַכט ווען אַלע זענען געגאַנגען שלאָפן, האָבן זיי נאָכאַמאָל נאָכגעקוקט צו די פּיאַווקעס אין די טיפע ערדענע טעפּ, צוגעגאָסן וואַסער און באַנעצט די בלעטער, כדי די פּיאַווקעס זאָל זיין קיל. דאָס פלעגן זיי טון אפילו שבת און יום-טוב.

חודש אלול-צייט האָבן זיי געבלאָזן שופר און געזאָגט סליחות. נאָר אַממיינסטן האָבן זיי ליב געהאַט צו דערציילן פון זייער שטעטעלע דוביענקע און פון דעם גרויסן דחקות פון די דאָרטיקע יידן. פון די פּריצים וואָס האָדעווען פּיאַווקעס און פון די גויים וואָס וואוי-נען אין יענע דערפער און זענען שוין היידאַמאַקעס. אַלצדינג, וואָס

זיי האָבן דערציילט, איז געווען אומעטיק און טרויעריק. נאָר איין יידישע ליכטעלע האָט געברענט אינמיטן דער טיפער יידישער אָרעמ־קייט פון יענע מקומות, און דאָס זענען די יידישע פריצים פון סקריטשן.

ווען די פיאַווקע־יידן האָבן זיך שוין געהאַט גענוג אָנדערציילט פון זייער שטעטעלע דוביענקע און אויף אַלעמען אָנגעוואָרפן אַן עצבות, איז געקומען דער גליקלעכערער טייל, — און ער האָט עפּעס אין מויל פון די אָרעמע פיאַווקע־יידן געקלונגען ווי בילדער פון משיחס צייטן.

נעבן דעם אָרעמען עצבותדיקן דוביענקע איז פאַראַן דאָס גוט סקריטשן וואָס באַלאַנגט צו די ברידער ראָטנבערג, ר׳ חיים און ר׳ שמואל. פון די פעלדער און פון די עשירותן פון דעם גוט סקריטשן האָבן די יידן וויניק דערציילט. דערפאַר איז זיי דאָס מויל פול געווען פון די בתי־מדרשים און מקוואות וואָס זענען פול אין יידישן גוט. פון חסידות און לומדות וואָס קלינגט אין אַ דאָרף פון גאָלע פּראָסטע היידעמאַקעס. סקריטשן האָט אויסגעקוקט ווי אַ דאָרף אין משיחס ארץ ישראל, וואו אויף די בוימער וועלן די פויגל זינגען ימים־נוראימ־דיקן שטיינער און די הירשן וועלן לערנען גמרא. דאָס איינציקע וואָ־כעדיקע, אַזוי צו זאָגן, זענען געווען די חתונות וואָס קומען נאָר אָפּט פאָר ביי די חסידישע פריצים אין סקריטשן נעבן דוביענקע.

און חתונות, ברוך השם, קומען דאָרט פאָר נאָר־גאָר אָפּט. די ברי־דער ר׳ חיים און ר׳ שמואל זענען געבענטשט מיט זין און טעכטער, און אַלע זענען שוין ראוי לחופה. שדכנים קומען פון אַלע עקן פוילן און ברענגען די שענסטע שידוכים. מע שמועסט אַז איצט האַלטן זיי ביי טון אַ שידוך מיט די וואַרשעווער פריוועסעס.

אַ חתונה אין סקריטשן איז אויך אַ יום־טוב פאַרן שטעטעלע דוביענקע. וואָרעם קינד און קייט קומען זיי, די אָרעמע יידן פון דוביענקע, אַהין צום חסידישן יידישן מלכות און עסן זיך דאָרט, אויף דער חתונה, כאָטש איין מאָל אָן צו דער זעט.

ווען די לעצטע צוויי פיאַווקע־יידן האָבן זיך אַהער פאַרוואָלגערט קיין דלוטאָוו, איז שוין געווען שפּעט אין אלול. מע האָט שוין אָנגע־הויבן אַרונטערצונעמען די ווינטער־עפּל פון די בוימער. די יידן האָבן

נאָך באַוויזן צו בלאָזן שופר און פּרייטיק צו נאַכטס צו זינגען די זיסע אומעטיקע זמירות. באַלד מוצאי־שבת האָבן זיי זיך געזעגנט און אַוועק אין די אַלולדיקע פינצטערנישן מיט די ערדענע טעפּ — פול מיט וואַסער און פּיאַווקעס — אויף די פּלייצעס. זיי האָבן זיך גע־איילט און געזאָגט, אַז קיין דוביענקע וועלן זיי ערשט אָנקומען העט, ווען אויף די פעלדער וועלן שוין ליגן די ווינטערדיקע שנייען. און דער עיקר איילן זיי זיך צו אויף דער חתונה וואָס דאַרף פּאַרקומען בכי־טוב ביי די סקריטשינער פּריצים.

אַזוי זענען פאַרגאַנגען די ימים־נוראים. ווען די בלעטער האָבן אָנגעהויבן צו פאַלן און ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די האַרבסטיקע רעגנס זענען געקומען צופאָרן אויף עטלעכע טעג אלעזר קאַסמאַן און מאיר טוימאַן. מע האָט זיך אָנגעהויבן מכין צו זיין צו דער פּסחדיקער גוראַלניע.

אין די נייע סטאַוועס אָבער האָט מען אָנגעהויבן אָפּצולאָזן די וואַסערן. ווען דאָס וואַסער איז שוין געהאַט אינגאַנצן אָפּגעפלאָסן און ס׳זענען געבליבן די בלויזע נאַסע בלאָטעס, האָבן זיך די דאָזיקע בלאָטעס געראַיעט פון די אויסגעוואַקסענע קאַרפּן. די קאַרפּן זענען איבערן זומער אויסגעוואַקסן און געוואָרן פעט. גויים האָבן זיי אַרויס־גענומען מיט בלויזע הענט און אַריינגעטון אין גרויסע פעסער וואַ־סער. ביינאַכט האָבן געפּרענט פאַקעלן איבער די בלאָטעס, און די פּויערים זענען געזעסן אין די קאַלטע האַרבסטיקע נעכט און געהיט פאַר גנבים. דער זיידע ברוך האָט זיי געגעבן בראָנפן כדי זיך אָנ־צוּוואַרעמען אין די קאַלטע האַרבסט־נעכט. מע האָט געהערט ווי עס פּליעסקען די קאַרפּן אין די פינצטערע בלאָטעס. די גויים האָבן אויפגעהאַרכט אין דער נאַכט און געשמועסט צווישן זיך כדי ניט אַנט־שלאָפן צו ווערן. ערשט ווען דער מאָרגן האָט אָנגעהויבן צו גרויען האָט מען זיך פונדאַסניי גענומען אַרויסצוקלייבן די קאַרפּן פון די בלאָטעס.

אין איינעם פון יענע קאַלטע רעגנדיקע האַרבסט־טעג — דער האַרבסט איז גראָד געווען אַ נעפּלדיקער און אַ רעגנדיקער — האָט זיך דער זשאַנדרצע נאַנשעראָווסקי צוגעקילט. ער איז אַ גאַנצן טאָג

נעזעסן אויפן פערד און געריטן איבער די פעלדער, וואו מען האָט אויסגעגראָבן די קאַרטאָפל און אָנגעהויבן צו פאַרזייען די ווינטער־תבואות. זיין אַלטער געטרייער הונט טרעזור איז מיט אים געווען אויפן פעלד. גאַנשעראָווסקי איז שוין פאַמעלעכל געוואָרן אַן אַלטער מאַן, און ער איז באַלד שווער קראַנק געוואָרן.

מען האָט געשיקט אַ ברישקע נאָכן פאַביאַניצער דאָקטער, און דער דאָקטער האָט געזאָגט, אַז גאַנשעראָווסקי האָט אַ לונגען־אָנצינדונג און זיינע טעג זענען געציילטע.

דער זיידע ברוך און דער פעטער לייזער יוסף זענען כמעט נישט אָפּגעטראָטן פון גאַנשעראָווסקיס בעט. די באָבע חיה האָט אַרויסגענומען אַלע אירע איינגעמאַכטסן און זיי אַריינגעטראָגן צום חולה. יידל דער שוחט איז געקומען צו שחטן די יונגע הינדעלעך פון וועלכע די באָבע חיה האָט געקאָכט יאַכלעך פאַרן מסוכנעם שליאַכטשיץ.

גאַנשעראָווסקי איז אָבער געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. ער איז שוואַכער געוואָרן פון שעה צו שעה. די כוחות זענען אים פאַמעלעך אויסגעגאַנגען.

נעבן גאַנשעראָווסקיס בעט איז געלעגן אַ שטילער און מיטן קאָפּ צווישן די פיס דער הונט טרעזור.

גאַנשעראָווסקי האָט צוגערופן דעם פעטער לייזער יוסף צום בעט, אים דערלאַנגט די גאַלע אויסגעדאַרטע האַנט און אים געזאָגט, אַז ער לאָזט אים אַלצדינג איבער אַלס צייכן פון טיפער פריינטשאַפט. ער לאָזט אים איבער דאָס סויבלנע היטל, דעם אַלטן פּריצישן זשופּאַן און אויך דעם שטעקן מיטן זילבערנעם קנאָפּ — דאָס אַלצדינג, וואָס איז אים איבערגעבליבן פון זיינע אַמאָליקע פּריצישע יאָרן. נאָר דער עיקר בעט ער אים נעמען צו זיך דעם הונט טרעזור און אויף אים אַכטונג צו געבן אַזוי לאַנג, ביז דער הונט וועט אויך ענדלעך אויסגיין פון עלטער. דאַן האָט גאַנשעראָווסקי געזאָגט דעם פעטער לייזער יוסף אַז ער בעט אים צו שיקן נאָכן גלח, וואָרעם ער וויל זיך מתודה זיין פאַרן טויט.

דער פעטער לייזער יוסף האָט געוויינט, געקושט די האַלב־טויטע הענט פונעם שליאַכטשיץ און זיי באַנעצט מיט טרערן.

ס'איז געקומען דער גלח אָנגעטאָן אין אַ ווייס העמדל. אַ שיי־
נעץ האָט אים פאַראויסגעטראָגן אַ פּשוטן הילצערנעם צלם. ווען זיי
זענען צוגעגאַנגען צום בעט פון חולה האָט דער פעטער לייזער יוסף
פאַרלאָזט דאָס חדר. ער האָט זיך געשטעלט בײַם פענצטער אין דרויסן
און אַריינגעקוקט.

גאַנשעראָווסקי האָט זיך מתוודה געווען, זיך געגרייט צום טויט
און אָפּצוגעבן זיינע אַלטע ביינער דער פּוילישער ערד.

אין עטלעכע שעה אַרום איז גאַנשעראָווסקי געשטאָרבן אַ רואיקער.
ביי זיין בעט האָבן ביטער געוויינט דער פעטער לייזער יוסף, דער
זיידע ברוך און די באָבע חיה.

אויפן דריטן טאָג איז געווען גאַנשעראָווסקיס לויה. עטלעכע
הויפישע פויערים אין אַנטבלויזטע קעפּ האָבן גענומען די פּראָסטע
הילצערנע טרומנע אויף די פּלייצעס, און זי אַרויסגעטראָגן אויפן וועג
צום דאָרפישן צמענטאַזש. פאַראויס איז געגאַנגען אַ גוי מיט אַ שוואַרצן
צלם און נאָך אים דער גלח אין אַ ווייס העמדל און מיט אַ געבעט־
ביכל אין דער האַנט. הינטער זיי, וויטער אַ ביסל אָפּגערוקט פון די
גויישע מלווים, זענען נאָכגעגאַנגען אַלע דלוטאָוועער יידן. אויף דער
פייכטער האַרבסטיקער ערד, נישט ווייט פון דער טרומנע, איז געגאַנגען
דער הונט טרעזור. ער איז געגאַנגען מיט אַ טיף אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ
און מיט דעם ווײַדל צווישן די פיס.

די זון האָט אַ טריבע און אַ גאָלדענע אַרויסגעקוקט פון צווישן
די פייכטע האַרבסטיקע וואָלקנס. די פעלדער זענען געלעגן טונקעלע
און צעאַקערטע. די נאַקעטע סאַד־בוימער האָבן גערוישט. פון אַלע
זייטן האָט זיך געפילט דער שאַרפער ריח פון די אַראָפּגעפאַלענע בלעטער.
פון דער ווייטנס אין דער שטילקייט האָבן זיך געהערט די לויה־
גלאָקן פון דער דלוטאָוועער דאָרף־תיפלה.

דער גוישער צמענטאַזש איז געלעגן אינמיטן פעלד. הויכע
ווייסע בזשאָזעס זענען געוואַקסן צווישן די קברים. אין דער ווייס־
קייט פון זייערע שטאַמען האָבן די בזשאָזעס צניעותדיק געלויכטן מיט
דעם אומעט פון דער פאַרגענגלעכקייט. זיי זענען איצט געווען האַלב־
נאַקעטע און האָבן איינזאַמע גערוישט אין האַרבסטיקן ווינט.

די גויים מיט גאַנשעראָווסקיס טרומנע זענען אַריינגעגאַנגען אויפֿן צמענטאַזש. די באַגלייטנדיקע ייִדן זענען געבליבן שטיין אין דרויסן פֿאַרן אָרעמען שטיינערדיקן בית־הקברות־צוים.

אויך דער הונט טרעזור איז אַריינגעגאַנגען אויפֿן צמענטאַזש.

ווען מ׳האָט גאַנשעראָווסקין געהאַט באַגראָבן, צוגעשיט דעם קבר און אַלע זענען אַוועקגעגאַנגען, איז דער פֿעטער לייזער יוסף אַריינגעגאַנגען אויפֿן דאָרפֿישן צמענטאַזש. די זון האָט זיך פֿונדאַסניי באַהאַלטן צווישן די וואָלקנס. די האַלב־נאַקעטע בזשאָזעס האָבן גערוישט. איינצלנע קראָען האָבן געקראַקעט אויף די ביימער.

דער פֿעטער לייזער יוסף איז צוגעגאַנגען צום פֿריש־אויפֿגעשיטן בערגל ערד. דער הונט טרעזור איז געלעגן אויף גאַנשעראָווסקיס קבר מיט דער מאָרדע אויפֿן נאַסן זאַמד. דער פֿעטער לייזער יוסף האָט לייכט אַ גלעט געטון דעם הונט אויף דער פֿעל און אים גערופֿן. — טרעזור האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און לאַנג געקוקט דעם פֿעטער לייזער יוספֿן אין די אויגן אַריין. דאַן, האָט ער, דער הונט, אויסגעדרייט דעם אויפֿגעהויבענעם קאָפּ צו די פֿאַרוואָלקנטע הימלען און זיך הויך צעוואָיעט אינמיטן די צערוישטע בזשאָזעס.

ניו־יאָרק, 14־טער נאָוועמבער, 1944

# ווערק פון י. י. טרונק

פון דער נאַטור. נאָוועלן. (פאַרלאַג גיטלין, ווארשע).

פייגנבוימער און אנדערע דערציילונגען (פאַרלאַג „די צייט“, ווארשע).

מירע. נאָוועלן. (פאַרלאַג פּנחס גראובארד, ווארשע).

אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע).

צווישן ווילן און אָנמעכטיקייט (ה. ד. נאָמבערג). (פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע).

יאָסעפוס פלאַוויוס פון ירושלים און אנדערע היסטאָרישע נאָוועלן. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע).

יידישע קולטור־פראַגן און דער סאָציאַליזם. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע).

נאָענט און פרעמד. עסיים. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע).

שלום עליכם (זיין וועזן און זיינע ווערק). (פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע).

וועלט־חשבון (פּראָזע און לידער וועגן דער וועלט).

סאָציאַליסטישע אימפּרעסיעס. (פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, ווארשע).

טביה און מנחם־מענדל אין יידישן וועלט־גורל. (פאַרלאַג „ציקאָ“, ניו־יאָרק).

פּוילן (זכרונות און בילדער). ערשט בוך. (פאַרלאַג מעדעם־קלוב, ניו־יאָרק).

בלעטער אויפן ווינט. לידער. (ארויסגעגעבן פון יהואש־ברענטש 521, ארבעטער רינג, ניו־יאָרק).